# קול סאטמאר

בעריכטן און באלערנדע קענטעניסן - אינערהאלב די ממלכת תורה והחינוך סאטמאר

DECEMBER 11 `08 | VOL. 1 | דאנערשטאג פר' וישלח תשס"ט


זה היום קוינו לו נגילה ונשמחה בישועתו:

# צענדליגער טויזנטער סאַטמאַרער חסידים ערוואַרט קומענדיגן מיטוואָך צום צענטראַלן סעודת הודאה כ"א כסלו צוזאַם מיטן דינער השנתי, אין גיגאַנטישן בנין "ברוקלין אַרמיי"

## בראשות ממלא מקומו כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

**הערצער פון סאטמארער חסידים איבערגעפילט מיט רגשי הודאה אויף המשכה פון ארגינאל-אידישקייט אין אמעריקא נאך 64 יאר פון יום הצלה והשחרור פון רביה"ק זי"ע – גיגאנטישער בנין אויסגעשטעלט אויף פראכטפולען פארנעם לכבוד דעם מעמד אדיר – סעודת הודאה וועט ווערן אָפּגעראָכטן אין אויסשליסליך-הייליגע אַטמאָספּערע געגוי ווי בימי בעל הנס זי"ע – רייכער פראגראם וועט האלטן געשפאנט ריזן ציבור במשך לאנגע שעות**

ניו יארק. – "זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו". מיט פלאטערדיגע הערצער גרייטן זיך רבבות אלפי ישראל, תלמידי וחסידי סאטמאר, רבנים הגאונים הצדיקים שליט"א, ראשי ישיבה און די תלמידים, דיינים ומורי צדק, זקני שארית עמך בית ישראל, הונדערטער געסט פון איבער גרעיטער ניו יארק און די ווייטע קאנאדע, אלפי תלמידי וחסידי סאטמאר וועלכע זענען נאך אויסגעוואקסן על ברכיו פון רבינו הק' בעל דברי יואל מסאטמאר זי"ע, טייערע איידעלע אינגעלייט וועלכע זענען שוין אויסגעוואקסן על ברכי כ"ק מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע, תלמידים וחסידים וועלכע זענען דבוק להאי אילנא דחיי, דער אילן הגדול שצילו נוטה למרחוק, צדיק כתמר יפרח, כבוד קדושת מרן רבינו הגה"ק שליט"א – צו דעם געהויבענעם מעמד רבתי אדיר ונשגב, די צענטראלע "סעודת הודאה כ"א כסלו", וואס וועט ווערן געפייערט קומענדיגן מיטוואך פר' וישב, לס' "למען הציל אותו מידם להשיבו אל אביו", אינעם ריזיגן בנין "ברוקלין ארמיי", וואס געפינט זיך אויף א ריזן שטח אין שכינות פון די שטאט וויליאמסבורג, בראשות פון דעם רועה נאמן ושומר גחלת ישראל, כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א.

צו דער געהויבענער און היסטארישער מעמד ווערן ערווארטעט טויזנטער און טויזנטער אידן מרחבי ניו יארק רבתי ומחוצה לה, אנשי שלומנו יראי ה' וחושבי שמו, תלמידים וחסידים וועלכע האבן געהאט א שייכות און קשר מיטן בעל הנס דער רבי זי"ע, און האלטן זיך אומבויגזאם מיט די הייליגע שיטה פון התבדלות מרשעים, וועלן שטראמען בקול רינה ותודה המון חוגג זיך מתאחד צו זיין בהאי חבורתא קדישא, ביי דעם דערהויבענעם און פריידיגע געלעגנהייט, ווען עס ווערט געגעבן א שבח והודאה צו השי"ת אויף די נסים ונפלאות וואס ער האט געטוהן מיט כלל ישראל מיט פיר און זעכציג יאר צוריק, ביז צום היינטיגן טאג, "ועל החסד אשר אתה עתיד לעשות עמי", די ווייטערדיגע סייעתא דשמיא און השגחה עליונה, "אודה ה' מאוד בפי ובתוך רבים אהללנו", מיט א ריזן ציבור חסידים ואנשי מעשה, "ברוב עם הדרת מלך".

צו פייערן די חגיגה נשגבה, צו וועלכן עס ווערן ווי נאטורליך ערווארטעט אלופי אלפי ישראל ובראשם די מאורי הדור, הרבנים הגאונים הצדיקים שליט"א די שרי התורה ומנהיגי ישראל, איז געווארן אהערגעשטעלט א ריזן בנין "ברוקלין ארמיי", אויף א שטח פון בערך 100,000 סקווער פוס, וואס געפינט זיך אויף א ריזן שטח נעבן די שטאט וויליאמסבורג, אין נאענטן שכינות פון די חרדי'שע בארא פארק.

בראש פון דעם ריזן מעמד בקהל אלפים ורבבות, וועט זיך ציען א טאפעלטער אויבן אן, דער "פני המזרח", וואס וועט ווערן באשיינט בראשות גדולי תורה ומאורי הדור, מרנן ורבנן הגאונים הצדיקים המפורסמים שליט"א, וועלכע

(פארזעצונג אויף זייט 12)

זייט 3

תנו כבוד לתורה:

## בכבוד התורה וועלן רבבות אלפי ישראל מקבל זיין פני הגאון האדיר מרן רבי אליקים שלעזינגער שליט"א ר"מ ישיבה הרמה ד'לאָנדאָן אַלס "נואם הכבוד"

זייט 13

## א אינערליכער שפאציר אין חדר

זייט 21

## איך בין געווען מיטן רבי'ן אין תפיסה


ברבבותינו
כינוס הודאה • כ"א כסלו • דינער השנתי
בבנין הענקי
BROOKLYN ARMY
One -39th Street Brooklyn NY 11232
S&S IMAGE 718.330.0004

# וואונדערליכע תענוג ביים גאַנצן ציבור פון התעלות ברוחניות אין אַלע אָפּטיילונגען פאַרלאַנגט ריזן סכומים "קעש אויפן פּלאַץ"

## "דינער נאַכט" מוז באַלאַנסירן דעם גאנצן יערליכן דעפעציט

### ריזן ציבור שליסט זיך אן מיט "זכות יום לשנה" – $5000 און לכה"פ "זכות תלמיד לשנה" $1200

אין א קריטישן רוף פון די הנהלת המוסדות ווערט דער גאנצער ציבור אויפגעפאדערט, צו האלטן פאר די אויגן דעם עיקר ציל פונעם גרויסן דינער, צו שאפן א יסוד ובסיס צו דעקן דעם יערליכן דעפעציט אין ריזן ציפער פון העכער פינף מילליאן דאללער.

ס'איז ב"ה א תענוג צו הערן אז אין די לעצטע וואכן, ווען גרופעס עסקנים און חברי הנהלה האבן באזוכט אין די שטובער פון תלמידי וחסידי סאטמאר, האט א ריזן ציבור זיך אנגעשלאסן מיט גאר שיינע סכומים, וויסנדיג די גליקליכע זכי' צו זיין פון די תמכין דאורייתא אין די הייליגע פעסטונגען פון הרבצת תורה ויראה.

באזוכנדיג ביים ציבור ווערן די עסקנים און חברי הנהלה געשטארקט און ערשטוינט פון דעם ברייטן אפקלאנג און שטיצע וואס דער ציבור ווייזט ארויס פאר די מוסדות הקדושים, צו שטיצן די העכער 5,000 תלמידים ותלמידות כ"י וואס ווערן אלע נתחנך צו תורה ויראת שמים ומדות טובות אויפן העכסטן שטאפל.

אין די צייט בעפאר'ן דינער איז די צייט וואס דער ציבור צייגט ארויס די אינערליכע צופרידנהייט וואס באגייסטערט דעם ציבור דורכאויס דעם גאנצן יאר, פון דעם תועלת הרוחני און גייסטיגע מעלות אין חינוך הבנים והבנות וואס ווערט אריינגעלייגט אין די תלמידים ותלמידות אויפן העכסטן סטאנדארט, אין יעדע אפטיילונג פון די מוסדות הקדושים, וואס דורך דעם לעכטיגן חינוך איז מען ווייטער ממשיך דעם כח הקדושה פון פריער, אז די קינדער זאלן נתחנך ווערן צו א הייליגן גייסט פון אהבת תורה ויראה שמים, באגלייט מיט הדרכה פון זייערע מחנכים ומחנכות, געקליבענע און אויסגעשולטע, ערפארענע און בארימטע אין דעם פעלד, געטרי אויף די הייליגע יסודות



(פארזעצונג אויף זייט 8)

תנו כבוד לתורה:

# בכבוד התורה וועלן רבבות אלפי ישראל מקבל זיין פני הגאון האדיר מרן רבי אליקים שלעזינגער שליט"א ר"מ ישיבה הרמה ד'לאָנדאָן אַלס "נואם הכבוד" ביים מסיבת הודאה ודינער השנתי

מיט ערנסטע געפילן פון כבוד התורה איז באקאנט געווארן די בשורה מרנינה, אז צום היי-יעריגן דינער לטובת די הייליגע מוסדות אין וויליאמסבורג, און צענטראלער סעודת הודאה כ"א כסלו ביום הצלה והשחרור פון רבינו הקדוש בעל דברי יואל זי"ע, וועלן רבבות אלפי ישראל האבן די זכי' מקבל צו זיין פני הגאון האדיר, רב רבנן, מזקני שארית פליטת סופרי בית ישראל ומעתיקי שמועה מדור הקדום, זקן ויושב בישיבה, רבי אליקים שלעזינגער שליט"א לאנגיעריגער ריש מתיבתא ישיבה הרמה ד'לאנדאן.

פאר די רבבות חסידים בכלל און פאר די הנהלה פון די מוסדות הק' בפרט, איז דאס א געוואלדיגע זכי' און כבוד, אז דער גרויסער לאנדאנער ראש ישיבה, פון די גרעסטע זקני מרביצי תורה אין היינטיגן דור, דער גאון בתורה וגדול במעשים, רבי אליקים שליט"א, האט אנגענומען די איינלאדונג און איז נענה געווארן לבקשתם צו קומען באשיינען דעם גרויסן יומא טבא פון קהל עדתינו, און דער ריזן ציבור וועט ביי דער געלעגנהייט האבן דעם כבוד מקבל צו זיין לקח מפיו פון דעם גרויסן ראש ישיבה און לאנגיעריגער מרביץ תורה ותופס ישיבה, הגאון רבי אליקים שליט"א.

הגאון רבי אליקים שליט"א איז באוואוסט אין היינטיגן דור אלס דער מעתיק שמועה בעניני השקפה, אמונה ודעות, זייענדיג דער דולה ומשקה מתורתן של ראשונים כמלאכים, די שרי התורה און לייבן פון פריערדיגן דור, א שטייגער ווי הגאון האדיר מרן הגרי"ז מבריסק זצוקללה"ה, און אנדערע צדיקי ותקיפי קמאי, ביי וועלכן רבי אליקים שליט"א איז געווען א יוצא ונכנס, און האט מקבל געווען לקח מפיהם, וואס דאס איז ער ווייטער משפיע פאר שומעי לקחו בכל עת וזמן.

ביי יעדע געשעעניש ביים יהדות החרדית הצרופה אין די לעצטע צענדליגער יארן, איז עיני בית ישראל נשואות צום גרויסן ראש ישיבה, צו הערן דעם דעת תורה פון דעם אדם הגדול בענקים, דער רב רבנן און מרביץ תורה וועלכער איז באקאנט מיט זיין השקפה ברורה ודעת תורה הצרופה, אויפן דרך פון די גדולי ישראל מדור הקודם, און זיין ווארט ווערט אויפגענומען בחרדת קודש אין יעדע

ביי סאטמארער חסידים איז א באזונדערער זכי' צו הערן די דרשות פונעם גרויסן ראש ישיבה שליט"א, וועלכער איז געווען חביב ונערץ ביי רבינו הק' מרן בעל דברי יואל זי"ע, פון וועמען דער ראש ישיבה שליט"א האט פיל פיל מקבל געווען בעניני מלחמת ה' בעמלק, און די הייליגע הוראות און שמועות פון רבינו הק' זי"ע זענען נר לרגלו ביי יעדע מאורע. יעצט וועט מען האבן די געלעגנהייט צו הערן זיינע ווערטער מענינא דיומא, איבער דעם נס ההצלה פון רבינו הק' זי"ע, מיט א יסודות'דיגער משמעות וואס דער גרויסער טאג איז מחייב דעם גאנצן ציבור וואס האט זוכה געווען להסתופף בצל קדשו, הם ותלמידיהם ותלמידי תלמידיהם.

תנו כבוד לתורה.

ומה נעים גורלינו:

# אויג פאַרכאַפּנדער מלכות׳דיגער "שב"ק טיש" ווערט פּראָקלאָמירט פאַר משתתפים פון $600 ביים דינער

### ברענגט קעש, טשעקס, קרעדיט-קארד, העד-טשעקס און איר קענט זיין דער גליקליכער געווינער פון שבת טיש אין ווערד פון $12,000 דאללאר

כדי צוצוקומען צום הויפט ציל פונעם אווענט, צו שאפן גאר גרויסע נדבות פאר די מוסדות הק' ביים דינער, איז היי-יאר געווארן פראקלאמירט א גאר טייערע ווערדפולער גורל אויף א הערליכער אויג-פארכאפענדער פראכטפולער "שב"ק טיש" וואס וועט אויסגעצויגן ווערן פאר אלע משתתפים וועלכע וועלן באשטייערן מיט לכה"פ $600 להחזקת המוסדות.

מטעם די הנהלת המוסדות ווערט איבערגעגעבן, אז ס'איז באמת א פארגעניגן צו זען און הערן ווי גאר א ריזן ציבור איז זיך משתתף ביי די עסקנים וועלכע גייען ארום דופק זיין על פתחי נדיבים, און נעמען זיך אונטער צו באשטייערן מיט גאר גרויסע סכומים ווי "זכות יום לשנה" פאר $5000, און זכות "כיתה לשבוע" פאר $3600.

גאר באזונדער איז די התחייבות פון גאר א ריזן ציבור אין די סומע פון "זכות תלמיד לשנה" פאר $1200, וואס קומט אויס בלויז צו $100 פער חודש. דאס איז די מינימאלע סומע וואס יעדער סאטמארער חסיד פארשטייט און שפירט אז ער מוז געבן צו העלפן די הייליגע מוסדות אין אזא תקופה, צו קענען זיך שטעלן אויף די פוס למען קיום



המוסדות הק'.

וויבאלד די ישיבה איז ספעציעל אנגעוויזן אז דער ציבור זאל באלד אויסצאלן די התחייבות דורך ברענגן די מאקסימום נדבות אויפן פלאץ צום דינער, דורך דעם איינצושפארן איבריגע טירחות און אויסגאבן פון ממון הקדש, און דעקן די קאלאסאלע קאסטן פון דעם יערליכן בודזשעט אין די סומע פון העכער זעכצן מילליאן דאללער, ווערט פראקלאמירט דער ווערדפולער גורל אויף א מלכות'דיגן שב"ק טיש, וואו אלע נדיבים וואס וועלן ברענגן לכה"פ $600 צום דינער וועלן קענען געווינען.

אין דעם גורל וועט מען געווינען גאר ווערדפולע זילבער שטיק, א הערליכע זילבערנע 9'נער לייכטער, זילבערנע וויין פלאש, הערליכער זילבערנע בעכער און טאץ, זילבערנעם זאלץ מעסטל, זילבערנע נעפקין האלטער, זילבערנע צדקה פושקע, און הערליכער האלץ-און-זילבער חלה טאץ.

די הנהלת המוסדות אפעלירט צום ברייטן ציבור תלמידי וחסידי סאטמאר אז מ'זאל מיטברענגען "קעש געלט" צום דינער "אויפן פלאץ", וואס דאס טוט איינשפארן איבריגע הוצאות פאר די הנהלת המוסדות פון קאלעקטן די פארשפראכענע געלטער א גאנץ יאר.



א באזונדערע געוויכט ווערן פארלאנגט פון די חשובע נדיבים בעם שיחיו, צו באצאלן זייער דינער געלט נתינות מיט "קרעדיט קארדס", אזוי ארום צו שפארן צייט, געלט און מיה וואס פעלט אויס אייצוקאסירן א גאנץ יאר די נדברות, און דורך געבן די נתינות מיט א "קרעדיט קארד" קען מען איינשפארן זייער אסאך הקדש געלט פאר די מוסדות הק'.

על פי הגורל.

ישיבה תורה ויראה
ובית רחל דרבינו יואל
מסאטמאר
נתייסדה ע"י כ"ק מרן אדמו"ר הקוה"ט זי"ע

Central
United Talmudical
Academy
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

# בריך מתייך לשלם

בברכת התורה וקיד"ה חמש מאות נקדם בהערצה ויותרת הכבוד את רום פני הדרת גאון רב האי צדיק מפורסם, האי גברא רבא, הגאון האדיר הנודע בשערים, המאיר לארץ ולדרים, לו זרוע עם גבורה, לעמוד על משמרת היהדות כחומה בצורה, פה מפיק מרגליות ופנינים, על ישראל הדרתו, רב רבנן, מזקני שארית פליטת סופרי בית ישראל ומעתיקי שמועה ממרנן ורבנן גאוני ותקיפי קמאי מדור הקדום, בעל השקפה ברורה

**כבוד קדושת הגאון האדיר זקן ויושב בישיבה, מרביץ תורה ומעמיד הדת על תילה**

# רבי אליקים שלעזינגער שליט"א

**ריש מתיבתא ישיבה הרמה ד'לאנדאן יע"א**

**אשר ניאות להטריח בטירחא דגופא ובטירחא דגברא רבה מהתם להכא**
**להשתתף עם קהל עדתינו להטיף מילין יקירין בהשקפה ברורה בתור**

# נואם הכבוד

**בהעלות זכרון קודש של מרן רבינו הק' והטהור זי"ע ביום הצלה והשחרור**
**במקהלות רבבות אלפי ישראל בראשות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א**

## סעודת הודאה כ"א כסלו ודינער השנתי

בשם קהל עדתינו מקדמים אנו את פני כבוד קדושתו בברכת התורה, וברכתינו צרופה שיזכה עוד רבות בשנים לישב על משמרתו משמרת הקודש בבריאות השלימות, להרביץ תורה והשקפה בתוך שלומי אמוני ישראל, ויוסיף לו השי"ת באורך ימים ושנים טובים להאיר עיני בני ישראל באור תורתו וצדקתו ברוב בינה והשכל מתוך הרחבת הדעת דקדושה עד ביאת ינון בב"א.

בברכת התורה והדרת קודש

**הנהלת המוסדות**

**לשמוע את דבר ה׳:**

# צענטראל־פונקט פונעם הייליגן אווענט: דברות קודש ומשא המעמד פון כ״ק מרן אדמו״ר הגה״ק שליט״א

**דברים העומדים על הפרק בחיזוק יסודות הדת און התחזקות**

ווי שטענדיג וועט דער הויכפונקט פונעם הייליגן אווענט זיין דער "משא דבר ה׳" וואס דער רבי שליט״א וועט משמיע זיין בדברים חוצבים להבות אש במעמד אלופי אלפי ישראל, מיט יסודות׳דיגע הדרכות בענינים העומדים על הפרק, צו גיין ווייטער אין דעם וועג וואס דער גרויסע בעל הנס מרן רבינו הק׳ זי״ע האט שטענדיג געלערנט, און וועט משנן זיין מתורתו הבהירה פונעם רבי׳ן זי״ע.

די דברות קודש ביים מעמד ההודאה כ״א כסלו איז פאר די לעצטע זעכציג יאר געווען א מעמד נרגש וואס ליגט נאך היינט אין די ביינער פון יעדן וואס האט געהאט די זכי׳ צו אנוועזנד דערביי. עס קלינגט נאך היינט אין די אויערן ווען רבינו הק׳ בעל דברי יואל זי״ע פלעגט ערשיינען צו די סעודות הודאה בצהלת פניו המאירים און אויפגעטרעטן מיט פייערדיגע דברות קודש והתחזקות, וואס האט געהאט איר אייגנארטיגן חן דקדושה, ווען דער רבי זי״ע איז צומאל "יצא מגדרו" און געלאזט הערן הרהורי לבו הטהור איבער דעם נס ההצלה, וואס איז געווען "למען הציל אותו מידם להשיבו אל אביו". דער רבי זי״ע פלעגט גאר שטארק מאריך זיין איבער דעם יסוד היהדות פון מחנך זיין תינוקות של בית רבן בחינוך טהור בלי שום תערובות, וואס דאס איז די איינציגע גאראנטיע זיך צו קענען דערהאלטן אין חשכות הגלות.

אויך דערנאך ווען ס׳איז געווען לקו המאורות און מרן רבינו הגה״ק בעל ברך משה זיע״א האט געפראוועט דעם גרויסן יו״ט בקרב קהל קדושים פון אלפי תלמידים וחסידים, איז דער יו״ט כ״א כסלו געווען יעדעס יאר א גאר געהויבענע מעמד נרגש וואו אלפי תלמידים וחסידים האבן זיך מתאחד געווען מיט דרכו ותורתו הבהיר פון מרן רבינו הק׳ והטהור זי״ע, הערנדיג די הארציגע און הייליגע דרשות התעוררות פון רבי׳ן זצוק״ל.

אפילו ביים עטוואס אינגן דור ליגט נאך גוט אין די ביינער די דברות קודש מלהבות אש וואס דער רבי זצ״ל פלעגט ביי אט די מסיבות אויסשרייען דעם דבר ה׳ ברמה. דער רבי זצ״ל פלעגט אויסנוצן די מאורע פון אזא קאלירפולער ציבור און מיט אן ענות חן כדרכו משמיע זיין דברים כדרבונות איבער די פארשידענע איבלען אין די אמעריקאנער גאס, און גאר שטארק אויפגעפאדערט דעם ציבור איבער דעם הייליגן תפקיד פון ממשיך זיין דעם דרך המסורה פון רבינו הק׳ זי״ע, ווי ער פלעגט דאס זאגן בלש״ק: "מ׳זאל קענען אפהיטן דעם פקדון דאס צו קענען צוריקגעבן גאנצערהייט פארן פעטער [ז״ל] בביאת הגואל".

אזוי פלעגט דער טאג כ״א כסלו פארבינדן דעם ציבור אנשי שלומינו מיט די הייליגע הדרכות פון רבותינו הק׳ זי״ע, זיצנדיג בהאי חבורתא קדישא און הערנדיג די פלאמפייערדיגע דברי תורה בענינים העומדים ברומו של עולם, דברים חוצבים להבות אש, בדברי השקפה והדרכה אויף טריט און שריט, וואס דאס האט מען געהאטלן פאר די אויגן צו געדענקן דעם תכלית ההצלה, אויפצושטעלן א לגיון של מלך, דורות נאמנים לה׳ ולתורתו.

ברוך אשר לא השבית לנו גואל, ממלא מקומם וממשיך דרכם בקודש כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א, דער רועה אבן ישראל, צו וועמען אלע צרכי הכלל איבער׳ן גאנצן יאר קומען אן, און גדולים וטובים משכימים לפתחו אין אלע עניני הדת, און עיני כל בית ישראל איז נשואות אליו לשמוע את דבר המלך ודתו, דעם דעת תורה הצרופה פון דעם רבן ומנהיגן של רבבות אלפי ישראל.

יעצט ווען מ׳גרייט זיך צו דעם געהויבענעם מעמד קוקט דער ציבור ארויס מיט התרגשות דקדושה אויף די געהויבענע מינוטן ווען דער רבי שליט״א וועט משמיע זיין אמרותיו הטהורים און מחזק זיין דעם לגיון של מלך תלמידיו ותלמידיו תלמידיו פונעם בעל הנס רבינו הק׳ זי״ע, זיך ווייטער צו האלטן מיטן דרך התורה הצרופה בלי שום שינוי זוז כל שהוא, און מדריך זיין די אלפי רבבות תלמידיו וחסידיו לדעת את הדרך ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון.

באזונדער קוקט דער גאנצער ציבור ארויס אין די יעצטיגע טעג לשמוע את דבר ה׳, מיט דברי בטחון והתחזקות נאך די ביטערע פאסירונגען און מאורעות וואס כלל ישראל האט ליידער מיטגעמאכט בצער אחינו בני ישראל וועלכע זענען ליידער געפאלן אלס קרבנות הכלל ה״י, און דאס הארץ פון כלל ישראל קוקט ארויס צו הערן די ריכטיגע ווערטער צו וויסן דעם ערליכן פליכט בדרך התורה ואמונה בה׳, וועט דער ציבור אנשי שלומינו זיך צוהערן דעם דבר ה׳ ברמה ודברי אלקים חיים, און זיך אנשעפן מיט דברי חיזוק והתעוררות, כמים קרים על נפש עייפה.

עס ווערט ערווארטעט אז דער רבי שליט״א וועט ערשיינען גאר פונקטליך אין זאל צו עריכת שלחנו הטהור, און ברוב עם הדרת מלך משמיע זיין די צענטראלע דרשה פון אווענט.

לכו בנים שמעו לי יראת ה׳ אלמדכם.

## ספעציעל־וואַרימע אויפנאַמע ביים סעודת הודאה פאַר אנשי שלומינו "תושבי קרית יואל"

ווי עס ווערט געמאלדן מטעם די הנהלת המוסדות אין וויליאמסבורג, וועלכע פארפיגט צוצושטעלן דעם היי־יעריגן סעודת הודאה, אז עס איז באזונדער געשטעלט געווארן א שטאב פון עסקנים חשובים וועלכע וועלן מקבל זיין די חשובע אידן, אנשי שלומינו תלמידי וחסידי רבותינו הק׳, תושבי קרית יואל, וועלכע וועלן קומען זיך משתתף זיין בחבורתא קדישא ביי דעם געהויבענעם מעמד רבתי, דער סעודת הודאה כ״א כסלו ודינער השנתי לטובת די מוסדות הק׳.

פאר די הנהלת הישיבה אין וויליאמסבורג איז א געוואלדיגער כבוד צו באגריסן די אחים לדעה פון קרית יואל, אנערקענענדיג דעם פאקט אז אין די פארגאנגענע דריי יאר זענען די טייערע תושבי קרית יואל געווען פון די גאר גרויסע תומכים פאר די וויליאמסבורגער מוסדות הק׳, וויסנדיג אז די הייליגע וויליאמסבורגער מוסדות איז דער "גולת הכותרת" פון דעם ריזן תורה און חינוך נעץ, די ממלכת התורה והחינוך "סאטמאר" איבער די גאנצע וועלט.



"קרית יואל׳ער אידן" זענען פון אלעמאל געווען באקאנט מיט זייער גרויסן כח הצדקה, האבנדיג די זכי׳ צו וואוינען אין די עיר גדולה לאלקים קרית יואל, די שטאט וואס איז געווען דער אייביגער שטרעבונג, און האט צום סוף זוכה געווען אז שם חלקת מחוקק ספון פון דעם גרויסן בעל הנס מרן רבינו הקוה״ט זי״ע, און דארט ליגט אממערסטענס איינגעפלאנצט זיין הייליגע השפעה און כח הצדקה מיט וואס דער רבי זי״ע האט מדריך געווען קהל תלמידיו וחסידיו.

אין די לעצטע עטליכע יאר זינט די התחדשות המוסדות, האבן די תושבי קרית יואל זיך גאר שיין צוגעשטעלט צו די חברי הנהלת המוסדות, הערנדיג דעם שטענדיגן פארלאנג פון כ״ק מרן רבינו שליט״א צו שטיצן די הייליגע מוסדות וועלכע זענען א לייכט טורעם פאר קהל עדתינו איבער דער גארער וועלט, און די לעצטע יארן ביים דינער איז טאקע ערהאלטן געווארן גאר שיינע סכומים פון אחינו לדעה תושבי קרית יואל.

ספעציעלע באסעס זענען געווארן צוגעשטעלט פאר די חשובע תושבי קרית יואל, ווי געמאלדן אין באזונדערע מעלדונגען.

וישאלו איש לרעהו לשלום.

"שירה" וזמרה:

## באַרימטע חברת "שירה" קאַפּעליע וועלן אויך היי־יאָר מהנה זיין ריזן ציבור בשירה וזמרה דורכאויס דעם גאַנצן מעמד

**באַקאַנטער חסיד׳ישע חזן מפורסם הרב אברהם אַביש בראדט הי״ו וועט זינגן פרקי שירה בקול נעים**

אויף די התנדבות פון דעם באקאנטן בעל מנגן, היודע פרק בשירה וזמרה, מו״ה שרגא פייוויל גאלד הי״ו, און זיינע שותפים העומדים על הדוכן בשירם ובזמרם, אין די בארימטע חברת "שירה", וועט מען אין לויף פונעם גאנצן אווענט ביים סעודת הודאה האבן דעם תענוג צו הערן די גרופע מטיבי נגן בתרועה, וועלכע וועלן מהנה זיין דעם ציבור מיט הארציגע און פאסיגע ניגונים.

די בארימטע חברת "שירה" האט אין די פארגאנגענהייט שוין געהאט דעם כבוד אנצופירן מיט פילע פרייליכע מאורעות און מסיבות של שמחה בחצרות קדשינו אין די פארגאנגענע יארן, וואו זיי פירן אן מיט בלויז היימישע חסיד׳ישע נגינה מיטן אמאליגן טעם און חן.

אויף היי־יאר וועט מען ווידער האבן דעם פארגעניגן צו הערן די משוררים מפורסמים פון די בארימטע "חברת שירה", וואו זיי וועלן מהנה זיין דעם ריזן פארזאמעלטן ציבור בקולם הערב והנעים מיט זמירות שירות ותשבחות בקול נעים גילת ורנן, במשך דעם גאנצן אווענט.

אויך וועט מען ביים סעודת הודאה האבן דעם כבוד צו הערן פרקי שירה דורך דעם באקאנטן חסיד׳ישן חזן מפורסם הרב אברהם אביש בראדט הי״ו, וועלכער איז ברייט באקאנט מיט זיין נעימות׳דיגן און התרגשות׳דיגן אקצענט, מלא טעם וחן, מיט א חסיד׳ישן דביקות וואס דרינגט אריין טיעף אין די ביינער.

הללוהו בצלצלי שמע.

# מייסטערהאַפטן אויסשטעל אין ריזן בנין "ברוקלין ארמיי" פאַר פולסטע באַקוועמליכקייט פון רבבות המשתתפים

**נייער-אויסשטעל פון ארייננאנג פאר גאנצן ציבור, צו קענען באקוועם איבערגעבן "דינער געלט" ביי לאנגשטרעקיגע עסקנים-טישן**

אין די יעצטיגע טעג ווערט פארענדיגט די צוגרייטונגען אינעם ריזן בנין ענקי "ברוקלין ארמיי", אויף א מייסטערהאפטן פארנעם וואו עס וועט ווערן אפגעראכטן דעם מעמד אדיר אויף א מלכות'דיגן פארנעם לשם ולתפארת.

ווי פארשטענדליך אז צו אזא מעמד אדיר וואו עס ווערט ערווארטעט א ריזן ציבור פון רבבות אלפי ישראל תלמידי וחסידי סאטמאר, פאדערט זיך א מאסיווע ארבעט פון צוגרייטונגען, צו פארזיכערן אז אלעס ווערט צוגעשטעלט על צד היותר טוב צו אזא הייליגע און היסטארישע מאורע בחצרות קדשינו, מיט איר פראקטישן הערליכן אויסשטעל וואס זאל ערמעגליכן אז מ'זאל קענען מיטהאלטן דעם מעמד מפואר ברוב עם הדרת מלך דורך די רבבות המשתתפים תחת קורת גג אחד.

ביים זוכן דאס פלאץ צום היי-יעריגן דינער זענען די עסקנים ספעציעל איבערגעגאנגען די דעטאלן פון די פארגאנגענע יארן, ווי ס'געדענקט זיך פון פארגאנגענעם יאר תשס"ח ווען ס'איז געווען א טייליוויזער מאנגל אין פארקינג פלאץ, האט מען היי-יאר ביים אויסקלויבן דעם פלאץ געזארגט אז ס'זאל זיך נישט איבערשפילן דער פראבלעם. בחפץ ה' איז געלונגען צו ארגאנדזשירן דאס פלאץ "ברוקלין ארמיי", וואס אנטהאלט פרישע 008,1 פארקינג פלעצער מער ווי לעצטן יאר, אין צוגאב צו הונדערטער ספעציעל-דעזיגנירטע פלעצער פאר רבנים און נדיבים, ווי אויך איז צוגעשטעלט פילע צענדליגער גאסן ארום און ארום וואו צו קענען פלאצירן די אויטא'ס, וואס וועט פיל פארגרינגערן פארן ציבור זיך צו באטייליגן אין דעם גרויסן מעמד נשגב.

דער גאנצער בנין איז געווארן אויסגעשטעלט אויף א מייסטערהאפטן פארנעם, אז טראץ דעם גרויסקייט פונעם בנין זאל מען קענען זען און מיטהאלטן דעם געהויבענעם מעמד פון אלע עקן פונעם זאל. דאס איז געווארן אהערגעשטעלט דורך א שטאב פון עסקנים מיט עקספיריענס אויף דעם געביט פון צורישן גיגאנטישע מאורעות און היסטארישע פייערונגען, נאך לאנגע וואכן פון פלאנירונגען און צוגרייטונגען.

עס איז געווארן אויפגעשטעלט א דריי שטאקיגע פלאטפארמע מיט באזונדערע ארייננגאנג צו קענען אויפנעמען און מכבד זיין די חשובע פני העדה, הרבנים הגאונים הצדיקים שליט"א, שרי התורה ומאורי הדור, און א באזונדערע קבוצה פון בעלי בתים חשובים וועלן זיי מכבד זיין בכבוד התורה הראוי.

א אפטיילונג מיט ספעציעלע פלעצער ווערט צוגערישט פאר די זקני העדה, די שארית הפליטה וועלכע זענען אייגנטליך פון די ראשי בעלי שמחה צום מעמד ההודאה, נאך די נסים ונפלאות וואס זיי זעלבסט זענען אריבער אין די ימי זעם ביי די ביטערע קריג, די אידן פון עלטערן דור וועלכע האבן גענומען א חלק מיט בלוט און שווייס אין אויפשטעלן די הייליגע מוסדות, און וועלן באשיינען דעם מעמד. די הנהלת המוסדות האט ספעציעל געשטעלט א גרופע מיט עסקנים אויפצונעמען די עלטערע אידן לפי כבודם.

אזוי אויך איז געווארן רעזערווירט א מכבוד'דיגע אפטיילונג פאר די נכבדי וראשי קהלותינו ומוסדותינו הקדושים די בכל אתר ואתר, וואו זיי וועלן מכובד ווערן לפי ערכם.

א שטאב פון הונדערטער סדרנים וועלן עומד זיין על מלאכת בית ה' צו פארזיכערן דעם סוקסעס פונעם אווענט, און מכבד זיין יעדן איינעם איש על מחנהו ואיש על דגלו.

פאר די טויזנטער בחורי הישיבות, פון וויליאמסבורג, קרית יואל, בארא פארק, מאנסי און מאנטרעאל, ווערט צוגעגרייט ספעציעלע פלעצער, אויף די הויך-שטאקיגע פארענטשעס ארום און ארום דעם בנין, פון וואו זיי וועלן קענען גאר גוט מיטהאלטן דעם געהויבענעם מעמד, ווי אויך פאר די אלפי ילדי תשב"ר פון מוסדות סאטמאר אין וויליאמסבורג, קרית יואל, בארא פארק און מאנסי, וואו זיי וועלן שטיין אונטער די אויפזוכט פון זייערע מלמדים שליט"א און קענען מיטהאלטן דעם געהויבענעם מעמד.

לענגאויס דעם גאנצן זאל, ווערט אויסגעלייגט צענדליגער רייעס מיט לאנגע טישן פאר די רבבות המשתתפים, בעלי בתים נכבדים ואברכים יקרים יוצאי ישיבתינו הק' פון יעדן יארגאנג, פון וואו מ'וועט קענען קלאר מיטהאלטן דעם גאנצן מעמד מרומם.

ביים ארייננגאנג פון זאל איז צוגעשטעלט געווארן א באזונדערער בנין מיט גענוג אסאך פלאץ אויפצוהענגען די רעזשוואלקעס, מאנטלען א.ד.ג. שטובלעך פאר ביה"כ און סינקס פאר נטילת ידים.

אויף היי-יאר איז געווארן ארייגעלייגט אסאך כוחות צו פארזיכערן אז יעדער יחיד וועלכער קומט אריין אין גרויסן זאל, זאל קענען גרינג און באקוועם צוקומען צום טישל צו איבערגעבן "דינער געלט". עס איז געווארן אויסגעשטעלט אז ביים אריינקומען אין זאל וועט מען פארבייגיין די לאנגשטרעקיגע עסקנים-טישלעך, און דער הויפט ארייננאנג וועט זיין אין צענטער פונעם גרויסן זאל.

אין שפיץ פון דעם פראיעקט שטייט דער דינאמישער עסקן איש החסד ושתדלן בחצרות שרים ורוזנים לטובת אחינו בני ישראל, הרב ארי' לייב גלאנץ הי"ו, וויצע פרעזידענט פון "יו. דזשעי. קעיר.", וועלכער איז געווען אינסטרומענטאל אין צושטעלן דאס פלאץ פאר דעם כינוס רבבות. הרבני החשוב דער מומחה אויף דעם געביט, מו"ה ארי' שמואל פרענקל הי"ו, בעל הפירמא A&F PRODUCTION, וועלכער ארבעט מיט לייב און לעבן אהערצושטעלן דעם אווענט לתפארת עדת רבבות חסידי סאטמאר.

אין שפיץ פון די הכנות העלפן גאר שטארק ארויס די חשובע עסקנים פון די מוסדות: מו"ה הערשל קלעפנער הי"ו מנהל הבנינים, מו"ה יואל ברמ"ד לאנדא הי"ו מנהל גשמי במוסדותינו הק' בארא פארק, מו"ה יואל ברמ"ד שפילמאן הי"ו, מנהל גשמי בנין הת"ת ווייט עוו., מו"ה אברהם יושע ניימאן הי"ו מנהל גשמי בנין בית רחל בנין ריספלער, מו"ה חנני' אינדיג הי"ו הויפט קעכער אין בנין ריספלער, מו"ה ראובן גלאנץ הי"ו, מו"ה יואל ברש"י גאנדל הי"ו, אין שפיץ פונעם איבערגעגעבענעם אדמיניסטראטאר הרבני החשוב מו"ה אלעזר אלימלך פארגעס הי"ו. אלע לייגן אריין געוואלדיגע כוחות צו פארזיכערן דעם פולען סוקסעס פונעם אווענט, להצלחת הדינער פאר די מוסדות הקדושים.

אין געהילף פון אלע פאליצייאישע געברויכן ביים גרויסן בנין "ברוקלין ארמיי", העלפט גאר שטארק ארויס הרבני החשוב הרב אברהם ראזענבערג הי"ו חרדי'שער ליעזען פון די פאליציי דעפארטמענט אין יענעם געגנט. ער שטייט אין טעגליכע פארבינדונגען מיט די עסקנים און די פאליציי, צו פארזיכערן אז אלעס ווערט צוגעשטעלט על צד היותר טוב. ותשואת חן לו.

דער בנין זעלבסט "ברוקלין ארמיי" איז א ריזן און גיגאנטישער פלאץ, אויף א שטח פון בערך 100,000 טויזנט סקווער פוס, וואס איז ריזיג גרויס צו קענען אקאמאדירן דעם ריזן ציבור סאטמארער חסידים פון איבער גרעיטער ניו יארק תחת קורת גג אחד, צו פייערן דעם גרויסן אווענט ברוב עם הדרת מלך, און וועט בעז"ה ברענגען דעם ריכטיגן כבוד שמים מיט די פאראייניגונג פון אלפי ישראל, תלמידי וחסידי סאטמאר.

די הנהלה פון די סאטמארער מוסדות האט געבעטן מפרסם צו זיין א בקשה צו אלע סאטמארער חסידים אין ניו יארק, ווער עס איז ווילין זיך אנצושליסן צו זיין בייהילפיג מיט סיי וועלכע עסקנות, צו גיין נאך געלט לטובת החזקת המוסדות, אדער ארויסהעלפן צום מעמד אדיר דער סעודת ההודאה, זאל זיך ווי אמשנעלסטן מעלדן צו די פאנד רעיזינג אפיס, אויפן נומער: 718-637-6500.

גדול יהי' כבוד המעמד.



# קול סאטמאר

Kol Satmar

76 Rutledge Street
Brooklyn NY 11211
Tel. 718-797-2888
Fax. 718-797-2889


## משתה גדול – דער "גרויסער" דינער

א לאנגע תקופה פון וואכן און חדשים גרייט מען זיך צום גרויסן מעמד, דער יערליכער דינער און סעודת הודאה כ"א כסלו. טראץ דעם יאר-יערליכן טראדיציאנאלן ערשיינונג ווערט די ערווארטונג נישט שוואכער, נאר וואס א יאר העפטיגער און ענטוזיאסטישער.

די 'גרויסקייט' פון אזא מעמד קען זיך מעסטן דורך פארשידענע פערספעקטיוון. טייל קוקן אויף 'גרויס' דורך דעם צאל משתתפים, וואס אין אונזער פאל גרייכט דאס אין די רבבות; אנדערע קוקן דערויף דורך די לאנג פארצויגענע הכנות; און טייל באציען זיך צו די זייטיגע גרויסקייטן, ווי דער גיגאנטישער זאל, און אזעלכע מינדערוויכטיגקייטן.

פאקטיש בליקן מיר אין א באשיידענע רש"י אין פר' וירא דעם ריכטיגן באדייט פון 'גרויס'. אויפן פסוק "ויעש אברהם משתה גדול" טייטשט רש"י דעם ווארט "גדול" – "שהיו גדולי הדור מסובין בה". 'גרויס' מעסט זיך נישט מיט די פליישיגע אויגן, אדער אין פשוט'ן גשמיות'דיגן זין. א מסיבה ווערט דאן 'גרויס' ווען עס זענען "גדולי הדור מסובין בה".

דאס איז דער שטאלץ פון אזא גרויסן מעמד, דער קרוין און צענטער-פונקט פון סאטמארער חסידים איבער'ן גאנצן יאר, אז "גדולי הדור מסובין בה". מיר האבן ווירקליך די זכי' צו האבן א "גרויסן" דינער, און נישט בלויז א "גרויסן דינער", נאר "גרויסע מוסדות" איבערן גאנצן יאר בכלל, וויבאלד זיי שטייען אונטער דעם שטענדיגן אויפזיכט און נאנט צום הארץ פון דעם גדול הדור, רבן ומאורן של רבבות אלפי ישראל כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א.

אין דעם טאג וואס דער גאנצער יהדות החרדית דרוקט אויס לויב און דאנק צו השי"ת אויף די הצלה פון דעם גייסטיגן ריז, אבינו רועינו מרן רביה"ק זי"ע, וואס נאר אדאנק יענעם גורל'דיגע מינוט באישון לילה כ"א כסלו תש"ה ציהט זיך ווייטער די המשכת הדורות אויפן דרך הסלולה פון אבותינו ורבותינו הק', איז די פאסיגע צייט פאר סאטמארע חסידים איבער דער גארער וועלט אפצוגעבן זייער פריוואטן שבח והודי' אשר לא השבית לנו גואל, אויף די הבטחה פון כי לא תשכח מפי זרעו, אז די גאלדענע קייט איז נישט געווארן איבערגעבראכן ח"ו.

אין די צייט וואס מיר קומען זיך צונויף ביים "גרויסן" דינער איז אונזער פליכט צו געדענקען אז מיר לויבן נישט נאר אויף דעם כ"א כסלו פון 64 יאר צוריק. דער אויסטערלישער נס פון ראטעווען דעם "שה אחד בין שבעים זאבים" איז נישט אויסגעלאפן פון ענערגיע אין כ"א כסלו תש"ה. יעדע מינוט וואס אידישקייט האלט זיך אין די טריפה'נע אמעריקע איז אן אנגייענדער נס, און יעדע מינוט וואס אויטענטישער אידישקייט האלט אן, די סארט אידישקייט וואו די גדולי הדור שפילן די הויפט ראלע, איז א פרישער מינוט וואס פארלאנגט שבח והודי'.

ווי פאסיג און סימבאליש איז דאס אפצייכענען די המשכה אין אויטענטישער אידישקייט מיט א גרויסן דינער פאר די מוסדות הקדושים אין וויליאמסבורג, דער סאמע שפיץ פון די המשכה, דאס שווארצאפל פון אויג ביי רבינו הק' זי"ע וועלכער האט פארשטאנען בגודל השגתו אז דאס, און בלויז דאס, וועט פארזיכערן אז דער נס פון כ"א כסלו שטעלט זיך נישט אפ ביים יאר תש"ה נאר ציט זיך ביז משיח'ס טאג – לא עביד קוב"ה ניסא למגנא.

מיר חסידים גלויבן דעם געדאנק וואס מ'האט געהערט פון רבותינו הק', אז אין א זמן שמחה שיקט מען אראפ די אבות פון גן עדן העליון. איז דעריבער אנצונעמען און גלויבן אז דער הויפט בעל שמחה, דער בעל הנס רבינו הק' זי"ע, קומט זיך באטייליגן אין די גרויסע שמחה וואס שפילט זיך איבער יערליך. און דאס איז ווידער דער "משתה גדול", "שגדולי הדור מסובין בה".

ביים גרויסן מעמד לרגל דעם יום ההצלה והשחרור, ווען רבינו הק' זי"ע קומט זיך באטייליגן אין די שמחה, לאזט זיך פארברענגן בצילא דמהימנותא קדישא מיט א רואיג געוויסן, באותו מקום ובאותו זמן ווען עס קומט פאר דער גרויסארטיגער דינער לטובת זיינע הייליגע מוסדות. מיר דארפן זיך

(פארזעצונג אויף זייט 10)

# ווארפט נישט ארויס די טלית ותפילין

נ. לאוב

שוין דאס דריטע מאל, בגדר חזקה, וואס די מוסדות הקדושים אין וויליאמסבורג גרייטן זיך צום יערליכן דינער מיט א געפיל פון "וגילו ברעדה". פון איין זייט וואקסט דאס הארץ פאר פרייד ביים מיטהאלטן אויף א טעגליכן באזיס דעם בליה, וואוקס, און פראכט פון די מוסדות זינט דער רע-ארגאניזירונג וואס כ"ק מרן רבינו שליט"א האט איינגעשטעלט. דערגעגן שאפט זיך צומאל דער איינדרוק ווי די שוועריגקייטן פון יעדער אנפאנג, לויטן כלל פון "כל התחלות קשות", האלטן זיך עפעס נישט ביים ענדיגן.

איין זאך וואס איז אפשר יא עטוואס גרינגער געווארן — אויף וויפיל עס לאזט זיך נוצן דעם טערמין "גרינג" — איז דער ברייטהארציגער אפיל וואס די מוסדות הקדושים שטעלן ארויס פארן ברייטן ציבור.

אויב אונטער געווענליכע אומשטענדן פאדערט זיך א כסדר'דיגע דערמאנונג איבער די אומגעהויערע שוועריגקייטן און אויסטערלישן דרוק וואס עס גייען דורך טעגליך די איבערגעגעבענע חברי ההנהלה וועלכע ברויכן דעקן דעם בודזשעט, איז דאס געווארן גענצליך איבריג אין די היינטיגע ביטערע עקאנאמישע אומשטענדן.

אינדערצייט ווען דער שווערער מצב הפרנסה דרוקט אויף אחינו בני ישראל אומעטום אן אויפהער, פעלט נישט אויס צו שילדערן דער קאטאסטראפישער מצב אין וועלכן די מוסדות התורה האבן זיך מיטאמאל דערזען. די הוצאות שטייגן נאכאנאנד אפגעזען אין די דרויסנדיגע אומשטענדן, די הכנסות ווידעראום זענען איינגעשרינקען צו פיל ווינציגער ווי א מינימום.

אבער דוקא יעצט איז די צייט וואס דער ווענדונג פון די מוסדות צום ברייטן ציבור איז פיל שטארקער ווי געווענליך, פיל קריטישער ווי געווענליך, און דארף אויפגענומען ווערן מיט א וואקסנדער שטראם פון שטיצע און צוזמענארבעט. און כדי איז בעסער צו פארשטיין דאס נחיצות איז כדאי איבערצוגעבן דאס ווארט פארן הייליגן דובנער מגיד זי"ע, וועמענ'ס א קורצע מעשה'לע איז קיינמאל נישט לאנגווייליג.

*****

ר' ברוך ראזענשטאק איז גאר אויפגעלייגט, די לעצטע וואך איז ער געווען שטארק סוקסעספול ב"ה. נאכן ווילן עטליכע וואכן א הונגעריגער אין דעם פארווארפענעם אפריקאנער לענדל, קריכן אויף בערג און טאלן אונטער די ברענענדיגע זון, און אויסזוכן יעדן לאך און ווינקל איז אים ענדליך געלונגען אויסצופירן זיינע לאנגיאריגע פארזיכטיג אויספלאנירטע געשעפטן.

יעצט איז אים געבליבן בלויז דער לעצטער שטאפל, ער דארף מיטנעמען מיט זיך די טייערע סחורה קיין ניו יארק וואו די גרעסטע מומחים וועלן עס אויספוצן און גרייט מאכן צום פארקויפן. אין געציילטע מאנאטן וועט זיין לאנגיעריגע הארעוואניע זיך האבן אויסגעצאלט, מיט א שמיץ אריבער.

דער וועג אהיים איז נאך א שטיקל פראבלעם, אין דעם צוריקגעבליבענעם לענדל וועט אים אויסקומען צו ווארטן צו לאנג ביז ער וועט טרעפן א שנעלן טראנספארטאציע מיטל וואס זאל דערצו זיין זיכער.

בלית ברירה זעצט זיך ר' ברוך ארויף אויף א רייזע שיף, עפעס וואס ווערט באטראכט אלס לוקסוריעז אין די דארטיגע מדינה אבער וואו די ערשטע קלאס איז אויך נישט ווער ווייסט וואס, דער עיקר איז אז מען איז שוין אויפן וועג אהיים מיט א גאלדענעם צוקונפט אויפן האריזאנט. פארשטייט זיך אז די טייערע סחורה לאזט ער נישט ארויס פון זיין אויפזיכט אויף קיין מינוט.

א צוויי וואכיגע רייזע אויף די בעסטע שיף, אין די רואיגסטע וואסערן, קען אויסמאטערן דעם שטארקסטן מאן. אונזער ר' ברוך איז נישט דוקא געפארן אויף די בעסטע שיף, און די וואסערן דארט אין אפריקע זענען געווען היפש שטורעמיש, אזוי אז די רייזע איז נישט

(פארזעצונג אויף זייט 40)

# דער בריק צו די אמאליגע לייבן אין ארץ ישראל

ש.ב. מרגליות

דאס יהדות החרדית אין אמעריקע: הכונו! מאכט אייך גרייט!

א געוואלדיגע זכי' און היסטארישער מאמענט ווארט אפ דאס יהדות החרדית אין ניו יארק, האבנדיג די זכי' בעז"ה אין די נאנטע טעג מקבל פנים זיין איינעם פון די שיירי כנסת הגדולה, מזקני ראשי הישיבה בדורינו וממעתיקי השמועה, הגאון הגדול רבי אליקים שלעזינגער שליט"א.

עס איז נישט קיין סוד אז דער ראש ישיבה שליט"א האט מחליט געווען צו נעמען אויף זיך די שווערע נסיעה פון לאנדאן קיין ניו יארק, אויפצוטרעטן ביים גרויסן כינוס כ"א כסלו ווי עס קומען זיך צונויף רבבות אלפי ישראל משנן זיין די הייליגע דרכים פונעם בעל הנס מרן הקדוש בעל דברי יואל מסאטמאר זי"ע, און דארט משמיע זיין דעם דבר ה' ברמה בגאון ובעוז.

אמת, דאס עצם קומען פון א גברא רבה קיין ניו יארק איז נישט קיין גרויסער נייעס. מידי שבת בשבתו ווילן אין אונזערע היימישע געגענטער רבנים גאונים וצדיקים פון אלע וועלט עקן. רבי'ס וואס פראווען טישן, רבנים וואס זאגן דרשות, און משפיעים וואס געבן שמועסן, אלעס מיטן ציהל להגדיל שמו הגדול הגיבור והנורא.

פארט איז דאס קומען פונעם ראש ישיבה שליט"א קיין ניו יארק גאר אן היסטארישער, און דער עצם באזוך פארדינט אז זי זאל אפגעשאצט ווערן מיט די ריכטיגע התבוננות.

און נאר אויב מיר וועלן האבן די ריכטיגע התבוננות, מיר וועלן אריינקלערן דערין, און מיר וועלן וויסן ווי אזוי אפציווארטן דעם גאסט, מיר וועלן וויסן וואס פארא זכי' דאס איז זיך צו געפונען במחיצתו פון דעם גרויסן גאון משיירי כנסת הגדולה, און מיר וועלן זיך אלע צושטעלן דערצו בראוי וכיאות, נאר דאן וועט זיך אונז האבן געלוינט און אויסגעצאלט דער געהויבענער באזוך.

צו פארשטיין וואס עס איז דער עומק פון דעם באזוך, וועלן מיר ציטירן עטליכע ווערטער וואס דער גרויסער גאסט לאיוש"ט האט געזאגט מיט נאנט צו זעכציג יאר צוריק, ווען ער האט משמיע געווען דברי הספד נאך די הסתלקות פון הגה"ק רבי זעליג ראובן בענגיס זצ"ל גאב"ד ירושלים, סיון תשי"ג.

"דער נפטר דער ירושלים'ער רב איז נאך געווען פאררעכנט צווישן די גדולים אין די תקופה פון וואלאזין, ער איז נאך געווען א תלמיד פונעם נצי"ב, ער איז נאך געווען א גדול אין א דור וואס איז געווען כולו כבוד התורה, כולו שקידת התורה, אין א תקופה ווען עס זענען נישט געווען קיין זמני הישיבה וכו' דאס מיינט אז כל זמן דער גדול איז געווען מיט אונז זענען מיר געווען מקושר צו די תקופה פון די תלמידים פון רבי חיים וואלאזשינער, מיר

(פארזעצונג אויף זייט 32)

# וואונדערליכע תענוג ביים גאַנצן ציבור פון התעלות ברוחניות אין אַלע אָפּטיילונגען פאַרלאַנגט ריזן סכומים "קעש אויפן פלאַץ"

(פארזעצונג פון זייט 3)

וואס עס האט אוועקגעשטעלט בימיו רבינו הק׳ מסאטמאר זי"ע דער מייסד המוסדות.

אין די ערשטע תקופה פון די מוסדות הקדושים האט מען פיל כוחות אריינגעלייגט אז אלעס זאל זיין אהערגעשטעלט אויפן שענסטן פארנעם, אבער וויפיל מ׳האט זיך נאר געקענט פארשטעלן אין די ערשטע צוויי יאר, און וויפיל מ׳האט נאר געפלאנט איבער דעם תוכן פון חינוך אין די מוסדות, איז דאס ניטאמאל א טיפה העולה מן הים הגדול פון וויפיל די מוסדות הק׳ האבן ב"ה דערגרייכט, און יעצט ווען מ׳שטייט אינעם דריטן יאר, די "חזקת שלש שנים", ווען די מוסדות שטייען אויף די פוס, אלעס פארט ווי אין א רוטין, דערזעט זיך אז די יסודות זענען פעסטע און דער פונדאמענט פונעם חינוך איז געבויעט אויף גאר פעסטע יסודות, וואס האט א ווייטגרייכענדן עתיד בעז"ה.

גאר גליקליך שפירן זיך די עלטערן פון די העכער 000,5 תלמידים ותלמידות כ"י וועלכע זענען זוכה נתחנך צו ווערן אין די הייליגע מוסדות, תחת דגלו והדרכתו פון מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א. מיט יעדן פארבייגייענדן טאג דערזעט זיך די געוואלדיגע הארעוואניע וואס ווערט אין זיי אריינגעלייגט און באגלייט מיט א פאטערליכע ליבשאפט צו א גייסט פון תורה, יראת שמים, צניעות, דרך ארץ, מדות טובות אא"וו, וואס דאס אלעס וואקסט מיום ליום, מחודש לחודש, און יעצט שוין משנה לשנה, ביז צו א "קדושה משולשת" פון "חזקת שלש שנים".

אט דער קאנטער-צופרידנהייט קומט ארויס מיט גרויסע פראצענטן אין די טעג בעפאר׳ן דינער. די התעלות ברוחניות ברענגט א גאר ברייטע שטיצע בגשמיות ביים גאנצן ציבור צום היי יעריגן דינער. צו העלפן פאר די הנהלת המוסדות אין זייער עבודת הקודש, צו קענען דעקן און באלאנסירן דעם יערליכן בודזשעט, פון וועלכן עס בלייבט איבער א ריזן דעפעציט פון נאענט צו פינף און א האלב מיליאן דאללער.

דער גאנצער ציבור, הגדול לפי גדלו והקטן לפי קטנו, אנגעהויבן ביי די נגידים ונדיבי לב וועלכע האבן די מעגליכקייט תורם צו זיין שענערע סכומים, נעמען אויף די חברי הנהלה מיט גרויסע נדבות, אפצוקויפן די זכותים אדירים פון "פרנס החודש", "כיתה לחודש", "יום לשנה", און "כיתה לשבוע", וואס דורך דעם קויפט מען אפ דעם געוואלדיגן זכות אדיר פון הרבצת התורה ויראת שמים ומדות טובות אין די טייערע תינוקות של בית רבן, וועלכע לערנען בקדושה וטהרה בהבל פיהם שאין בהם חטא.

אבער וואס עס לאזט זיך באמת נישט גלויבן איז דער ברייטער אנשלוס פונעם אלגעמיינעם ציבור, וועלכע זענען טרוד על המחי׳ ועל הכלכלה, און פלאגן זיך אהיימצוברענגען פרנסה לכלכל את בני ביתם, אויך זיי שליסן זיך אן מיט דעם געוואלדיגן זכות פון "תלמיד לשנה — $1200", וואס קומט אויס צו בלויז $100 פער חודש, וויסנדיג אז די הייליגע מוסדות איז דער יסוד און קיום פון ערליכע אידישקייט אין היינטיגן דור, און דאס איז א הייליגער פליכט צו נעמען א טייל אין די החזקה פון אזא מבצר התורה והיראה.

דער סכום פון $0021 איז באמת נישט קיין גרויס געלט ווען ס׳קומט צו אזא מבצר התורה ווי די מעכטיגע אימפעריע די הייליגע סאטמארער מוסדות התורה והחינוך מיט אירע 000,5 תלמידים ותלמידות כ"י, וואס קאסט אפ שווערע מיליאנען אויפצוהאלטן, און דער זכות קיום פון די מוסדות הקדושים איז אפהענגיג בלויז אין די נדבות פון אחינו בני ישראל תלמידי וחסידי סאטמאר, וועלכע ווייסן צו שעצן דעם לעכטיגן אויפבליה פון די מוסדות הק׳ אין אלע אפטיילונגען, וואו ס׳איז ב"ה אהערגעשטעלט אויפן העכסטן שטאפל ברוחניות ובגשמיות לתפארת ולשם ולתהלה.

בלויז אינעם לעצטן יאר האט מען כסדר אריינגעלייגט נאך און נאך מעלות לשבח ארויפצוברענגען דעם שטאנד פון די מוסדות הק׳ אויפן העכסטן שטאפל; מ׳האט נישט געשפארט קיין געלט ווען ס׳איז געקומען צו פארשענערן און פארבעסערן דעם חינוך אין די מוסדות הק׳, און קעגן די ריזן הוצאות וואס מ׳לייגט אריין מדי יום ביומו ומדי חודש בחדשו ארויפצוברענגען דעם מוסדות הק׳ מעלה מעלה, איז דער סכום פון $0021 ווייט נישט גענוג צו קענען דעקן דעם יערליכן דעפעציט.

אין די פארבליבענע צוויי וואכן ביז צום מעמד אדיר, גייען די עסקני המוסדות ווייטער ארום על פתחי נדיבים, און דער ציבור ווערט געבעטן זיי אויפצונעמען בסבר פנים יפות, צו באשטייערן גרויסע נדבות צום אויפבליה פון די מוסדות הק׳ תורה ויראה דרבינו יואל, ובפרט צו מחזק זיין די חשובע חברי הנהלת המוסדות וועלכע האבן אויף זייערע פלייצעס דעם שווערן עול פון אהערשטעלן די מוסדות הק׳, צו פארזיכערן דעם ווייטערדיגן התעלות הרוחני אויף די קומענדיגע דורות.

די הנהלת המוסדות אפעלירט צום ברייטן ציבור: "פתחו להם פתח כפתחו של אולם", אין די קומענדיגע טעג זאל מען נאך אריינכאפן קעגנקומען די עסקנים מיט גאר גרויסע סכומים, אבער בעיקר זאל מען געדענקן צו מיטברענגען "קעש אויפן פלאץ" צום דינער, ווייל אין דעם אווענט איז געוואנדן דער גאנצער עתיד פון די המשכת המוסדות, די שאיפה וואס יעדער יחיד פון אנשי שלומינו קוקט אזוי שטארק ארויס אויף די הצלחה פון די הייליגע וויליאמסבורגער מוסדות זאלן האבן א לעכטיגן קיום און עתיד.

דער עתיד איז יעצט געוואנדן אין אייך. ברענגט מיט "קעש אויפן פלאץ".



**לחזות בנועם ה׳ ולבקר בהיכלו:**

# געהויבענער באַזוך פון כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א אין אַלע אָפּטיילונגען פון תלמוד תורה לאָזט איבער אומבאַשרייבליכן רושם

**פאראנגענעם מיטוואך לרגל מעמד הנחת תפלין פאר נכדו בנש״ק הרב דוד שליט״א בן הגה״צ אבד״ק סיגוט שליט״א – דער רבי שליט״א ערשיינט צו תפלת שחרית אין תלמוד תורה נאך סנדקאות אין פלעטבוש – באזוך און דברות קודש אין אלע פליגלען פון ת״ת אין לויף פון העכער פיר שעה לאזט איבער געוואלדיגן רושם – דברות קודש ביי בחורי חמד כיתה מכינה לישיבה קטנה איבער זהירות הדיבור מיט תפלין און לבוש בדרך החסידות – רירנדער סצענע ווען קליינע צאן קדשים זינגן בקול נעים ״תנו רבנן״ און ״מודה אני״ מיט א זיסן ניגון – וואונדער איבער פראכטפולען זעקס-שטאקיגער בנין הת״ת קאמפלעקס מיט די העכער 100 קלאס צימערן**

פרייד און התרגשות האט ארומגענומען אלע פליגלען פון די תלמוד תורה פאראנגענעם מיטוואך פר׳ ויצא, לס׳ ״מה נורא המקום הזה אין זה כי אם בית אלקים״, בעת דער נשיא המוסדות כ״ק מרן אדמו״ר הגה״ק שליט״א, האט אפגעשטאט א גאר דערהויבענעם באזוך אין דעם מעכטיגען מבצר התורה והיראה, דער ריזן פראכטפולען בנין התלמוד תורה החדש אויף ווייט עוו.. וואו דער רבי שליט״א האט – אין לויף פון העכער פיר שעה – באזוכט, מחזק געווען, משמיע געווען דברות קודש, אריינגעברענגט א חיות דקדושה, און געשעפט תענוג ונחת דקדושה פון די פרי קודש הילולים די תלמידים הקרויים בנים, וועלכע ווערן נתחנך אין די הייליגע מוסדות.

דער לאנגער באזוך איז געווען איין קייט פון התרוממות והתחזקות, סיי פאר די חשובע תלמידים שיחיו, די צעירי הצאן וועלכע ווערן נתחנך אין די הייליגע מוסדות אונטער די פליגלען פון רבי׳ן שליט״א, סיי פאר די חשובע מלמדים, תלמידי חכמים ויראי ה׳ וועלכע לייגן אריין אן עבודת הקודש אין די תלמידים, און האבן יעצט געהאט דעם כבוד אז דער רבי שליט״א זאל צוזען זייער הארעוואניע פון דער נאענט, ובעיקר איז דער באזוך געווען א זעלטען דערהויבענער זמן פארן רבי׳ן שליט״א פערזענליך, וועלכער האט אין לויף פון העכער פיר שטונדן זיך דערקוויקט מיט א רוחניות׳דיגע הנאה, גייענדיג פון קלאס צו קלאס, פון כיתה צו כיתה, זעענדיג די פירות פון די שווערע הארעוואניע אין די לעצטע תקופה, אין דעם נייעם פראכטפולען בנין אדיר, דער בנין הת״ת החדש.

דער געהויבענער באזוך האט דער רבי שליט״א אפגעשטאט לרגל די שמחת הנחת תפלין פאר נכדו בנש״ק הב׳ הרב דוד שליט״א, בן בנו הגה״צ רבי חיים צבי טייטלבוים שליט״א, אבד״ק ביהמ״ד עצי חיים סיגוט ומסב״ג, וועלכער איז א נאכט בעפאר אריינגעקומען לעול התורה והמצוות.

די שמחת הבר מצוה איז געפראוועט געווארן בפקודתו פון רבי׳ן שליט״א אין די זאלן פון ״מנוחה ושמחה״, אין ראם פון די ״בר מצוה תקנות״ וואס איז איינגעפירט אין די תלמוד תורה, ביוזמתו פון כבוד הגה״צ אבד״ק ור״מ סאטמאר וויליאמסבורג שליט״א, וואו עס האבן זיך בלויז באטייליגט קרובי המשפחה און גאר נאענטע ידידים.

דער רבי שליט״א איז אינדערפרי צוגעפארן קיין פלעטבוש וואו ער איז נתכבד געווארן מיט סנקדאות ביי א ברית מילה לבן הנולד צו האברך החשוב מו״ה חנני׳ יו״ט ליפא פריעדמאן הי״ו, זון פון הרבני החשוב עט סופר מהיר מו״ה אברהם פריעדמאן הי״ו רעדאקטאר פון די באקאנטע ״די צייטונג״, וואס איז פארגעקומען אין ביהמ״ד בית אהרן אין פלעטבוש.

## ברוב עם הדרת מלך

אנקומענדיג אין ת״ת האבן אלע תלמידים פון די כיתות ז׳, ח׳ און ט׳ מכינה לישיבה קטנה, אפגעווארט מיט דרך ארץ אויף זייערע פלעצער אין ביהמ״ד פון כיתה ט׳. דער רבי שליט״א האט געלייגט תפלין פאר נכדו הב׳ דוד טייטלבוים שליט״א, און נאך דריי בחורי חמד, הב׳ בנש״ק הרב יואל טייטלבוים שליט״א, בן הרה״ג הרב אהרן שליט״א בן כ״ק הרה״צ אבד״ק סאטמאר 15׳טע עוו. ב״פ שליט״א, הב׳ אברהם ווייזער ני״ו בן הרבני החשוב העסקן לכל קדשי ישראל ועוסק בצרכי ציבור באמונה מו״ה מנחם מנלי הי״ו, און הב׳ ני״ו בן הרבני החשוב מו״ה חיים לייב פריעדמאן הי״ו פון בארא פארק.

דאס דאווענען אינאיינעם מיט די בחורי חמד און עלטערע תלמידים איז אריבער מיט גרויס התלהבות ברוב עם הדרת מלך, ווען אלע תלמידים דאווענען אונטער די הנהגה פון זייערע מלמדים שליט״א, און דאס גאנצע דאווענען איז בוקע רקיעים.

נאכ׳ן דאווענען איז דער רבי שליט״א צוגעגאנגען אין א דערנעבענדן צימער לובש זיין די תפלין דרבינו תם. אינצווישן האבן זיך פארזאמעלט די תלמידים פון די מנהלים הרב משה אלי׳ גרין שליט״א און הרב יואל שטערן שליט״א, פון כיתות ד׳ ה׳ ו׳ און ז׳, אין ביהמ״ד, וואו זיי האבן אפגעווארט דעם רבי׳ן שליט״א.

## גדיים נעשו תיישים

ווען דער רבי שליט״א איז ערשינען אינעם ביהמ״ד האבן די קינדער אויסגעבראכן אין א הילכיגן געזאנג, און אזוי ממשיך געווען מיט פארשידענע ניגונים, וואס איז געווארן אנגעפירט דורך דעם מלמד מומחה ומכבד את ה׳ מגרונו, מו״ה יושע יודא פריעדמאן שליט״א. (געווענליך ווערן די ניגונים אנגעפירט דורך הרב אברהם לייב ליכטמאן שליט״א. אין די טעג געפינט ער זיך בתוך ימי האבילות נאך די פטירה פון אמו החשובה ע״ה).

דער מנהל הרב משה אלי׳ גרין שליט״א האט מקבל פנים געווען דעם רבי׳ן שליט״א מיט פאסיגע ווערטער, ארויסהייבנדיג די גרויסע זכי׳ וואס די קינדער האבן אז דער רבי שליט״א קומט מאציל זיין מהוד קדושתו און משמיע זיין דברות קודש והדרה פאר די טייערע צאן קדשים.

דאן האט דער רבי שליט״א משמיע געווען דברות קודש פאר די קינדער. דער רבי שליט״א האט שיין ארומגערעדט איבער דעם זהירות אין מדת האמת וואס מ׳דארף זיך איינגעוואוינען אין די אינגע יארן, דער רבי שליט״א האט דאס אריינגעטייטשט אין פסוק וואס יעקב אבינו האט געזאגט נאך די מראה החלום, אכן יש ה׳ במקום הזה, אכן איז טייטש אמת, דורך די מדת האמת, תתן אמת ליעקב, איז יש ה׳ במקום הזה, איז מען זוכה צו השראת השכינה.

דער רבי שליט״א האט דערציילט די באקאנטע מעשה, אז דער אלשיך הק׳ זי״ע האט אמאל אין א שבת פר׳ ויצא געזאגט א דרשה אין די גרויסע שול אין צפת. אינעם פסוק ויחלף את משכותרי עשרת מונים, וואס יעקב האט געזאגט אז לבן הארמי האט אים אויסגע׳נאר׳ט הונדערט מאל. ביי די דרשה האט זיך דארט געפינען דער הייליגער אר״י הק׳ זי״ע, אינמיטן די דרשה האט מען געזען ווי דער אר״י הק׳ האט זיך צולאכט. ווען מ׳האט געפרעגט דעם אר״י הק׳ אויף די סיבה פארוואס ער האט געלאכט, האט ער געזאגט אז אינמיטן די דרשה האט זיך באוויזן לבן הארמי, און אויף יעדע פאל וואס דער אלשיך הק׳ האט אויסגערעכנט ווי ער האט אויסגע׳נאר׳ט יעקב אבינו, האט ער צוגעשטימט מיטן קאפ און מסכים געווען אז אזוי איז טאקע געווען.

אזוי האט דער רבי שליט״א מאריך געווען בדברי הדרכה פאר די טייערע תשב״ר, מיט ענינים וואס איז וויכטיג אין די אינגע יארן, זהירות בכבוד חברים, זיך אויפפירן מיט דרך ארץ און מדות טובות, צו זיין ראוי צו ווערן אנגערופן א תלמיד פון אונזערע הייליגע מוסדות. (מיר האפן צו דריקן די פולע טעקסט פון די דרשה אין אונזער אויסגאבע).

## בניך כשתילי זתים סביב

דערנאך זענען זיך צונויפגעקומען די תלמידים פון כיתות ח׳ און ט׳, צו א מעמד לחיים לרגל די חגיגה. אויפן אויבן אן זענען געזעצן די חשובע עלטערע מרביצי תורה שליט״א, די חתני הבר מצוה הרב דוד ט״ב שליט״א און הרב יואל בהר״א ט״ב שליט״א, דער זיידע הרה״ג רבי ליפא טייטלבוים שליט״א חתן כ״ק אדמו״ר מקיוויאשד שליט״א, דער פאטער דער סיגוט׳ער רב שליט״א, ועל צבאם כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א.

די קינדער האבן מקבל געווען דעם רבי׳ן שליט״א בשירה וזמרה. דער מנהל שליט״א הרה״ג

(פארזעצונג אויף קומענדיגע זייט)

### באזוך פון רבינו שליט״א אין די תלמוד תורה ד׳ ויצא תשס״ט








# געהויבענער באַזוך פון כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א אין אַלע אָפּטיילונגען פון תלמוד תורה לאָזט איבער אומבאַשרייבליכן רושם

(פארזעצונג פון זייט 9)

רבי יודא בער טעללער שליט"א האט אויפגעטרעטן מיט קורצע ווערטער, ער האט נאכגעזאגט א טייער ווארט וואס רביה"ק בעל ברך משה זי"ע טייטשט די ווערטער פון רש"י הוא הודה הוא זיוה הוא הדרה, אז הדרה גייט ארויף אויף די תינוקות של בית רבן, ווי די גמרא דרש'עט אויפן פסוק אין איכה, ויצא מבת ציון כל הדרה. – ווען דער רבי שליט"א קומט אין חדר משפיע צו זיין מהוד קדושתו אויף די ילדי תשב"ר איז דאס הוא "הדרה", דאס איז די שיינקייט פונעם מוסד, און די קינדער זענען אלע גרייט צו הערן די דברי אלקים חיים וואס דער רבי וועט משמיע זיין בדברי מוסר והדרכה.

דא האט מען געהאט די זכי' צו הערן דברות קודש פון כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א, וואס איז געווען געפלאכטן מיט דברי הדרכה פאר די חשובע תשב"ר..

בתוך הדברים האט דער רבי שליט"א גערעדט איבער די קדושת התפלין, ווי דער הייליגער רבי ר' מיכל מזלאטשוב זי"ע זאגט אז דורך דעם קשר התפלין בינדט מען זיך אן צו הקב"ה. דארף מען זיין שטארק נזהר בקדושת התפלין. און נישט רעדן מיט די תפלין ווי עס פלעגט פאדערן און בעטן רבינו הק' מרן בעל ברך משה זי"ע.

מיט א התרגשות'דיגע שטימע האט דער רבי שליט"א דערציילט אז בעפאר זיין בר מצוה – וואו ער האט געלייגט תפלין ביי דודו הגדול מרן רבינו הק' בעל דברי יואל זי"ע – האט זיין פאטער דער ברך משה זי"ע אים געבעטן ער זאל זיך מקבל זיין נישט צו רעדן אין די תפלין, דער ברך משה האט דעמאלט געזאגט אז ער זאל אים בעטן עפעס בשכר פון די קבלה טובה נישט צו רעדן מיט די תפלין און ער וועט דאס געבן. דער רבי שליט"א האט אויסגעפירט: "איך האב קיינמאל גארנישט געבעטן פון אים, קיינמאל נישט, אבער איך האב נאך עד היום נישט גערעדט מיט די תפילין". וויל איך אייך אויך בעטן די ווערטער, ס'קלינגט מיר נאך אין די אויערן ווען ער האט צו מיר גערעדט, און איך קען אייך איבערגעבן די זעלבע ווערטער, מ'ווערט בר מצוה זאל מען זיך מקבל זיין נישט צו רעדן קיין שיחת חולין, נאר צו דאווענען ווען מ'האט אן די תפילין. ווען מ'שטעלט זיך דאווענען איז עפעס אנדערש ווי דאווענען נישטא אויף דער וועלט, מען דאווענט!

"איך דערמאן זיך ווי ער האט מיך געזאגט כהאי לישנא, אז דו וועסט נישט רעדן מיט די תפילין, וועסטו דאווענען, אז נישט וועסטו נישט דאווענען. און דאס קען איך אייך זאגן, אז מען וועט נישט רעדן מיט די תפילין דאווענט מען, מ'ווייסט מ'האט שמא דמארי עלמא עלך, מ'האט דעם אויבערשטן'ס נאמען אויפ'ן קאפ און אויפ'ן הארץ, און ס'הייבט אויף א מענטש, מ'דאווענט מיט התלהבות און געהויבנקייט".

דאן האט דער רבי שליט"א מאריך געווען איבער דאס חשיבות פון גיין מיט א חסיד'ישן לבוש. "דער חסיד'ישער לבוש איז נישט א חיצוניות'דיגער זאך, דאס איז פנימיות, דאס קלעבט אריין אינעווייניג, דאס חיצוניות איז משפיע אויפ'ן פנימיות, אז מ'גייט מיט א חסיד'ישן לבוש ווערט מען א חסיד'ישער איד, און אז מ'טוהט זיך אן פראסט ווערט מען פראסט. חסיד'ישע קינדער דארפן לייגן א דגוש צו גיין מיט א חסיד'ישן לבוש. נישט געפיצט חלילה, אויב מ'הויבט זיך אן צו פיצן מיט קלייניגקייטן, דער יצר הרע וויל אביסל, ער האט צו יעדן איינעם א שפראך, דאס איז קעגן דעם "בגד ללבוש" וואס יעקב אבינו האט מתפלל געווען.

ספעציעל האט דער רבי שליט"א אויפגעפאדערט איבער דעם לבוש אין שבת קודש, ווען מ'איז נישט בין כותלי הישיבה, חסיד'ישע אידן האבן געוואוסט אז שבת קודש איז מען געווען העכער ווי א גאנצע וואך, חסיד'ישע אידן גייען מיט א בעקישע, ביום השביעי נתעלה, אין שבת קודש ווערט א איד דערהויבן, א גאנצע וואך איז מען א חסיד'ישער איד עאכו"כ אין שבת קודש ווערט מען נאך געהויבענער, נישט פארקערט, מעלין בקודש ולא מורידין, נישט שבת צו גיין חלילה א דרגא אראפציהר, ס'איז כנגד השכל. – מיט דעם האט דער רבי שליט"א אויפגעפאדערט צו גיין שבת מיט חסידי'שע גלעזער פונקט ווי א גאנצע וואך, און חלילה נישט מזלזל זיין זיך צו פיצן אום שבת קודש ווען מ'געפינט זיך נישט אונטער די הנהגה פון די מחנכים.

אויך האט דער רבי שליט"א מעורר געווען אז מ'זאל זיך צוגעוואוינען צו לערנען אליינס די ספרי תלמידי בעש"ט הק' זי"ע, "מ'ווערט בר מצוה, מ'ווערט שוין א בחור, מ'איז שוין מער ערוואקסן, דארף מען זיך אויסלערנען צו לערנען א חסידי'ש ספר, מ'זאל דאס אליין אפלערנען, אזוי וועט מען זיך אויסלערנען דאס צו לערנען. און אז מ'קען לערנען א חסידיש ספר, ווארימט דאס אויף, ס'ברענגט ארויף, די הייליגע תלמידי בעל שם הק' האבן אריינגעברענגט הייליגקייט אין כלל ישראל, זיי האבן אויפגעהויבן און אויסגעהייליגט, דאס גאנצע וואס מיר לעבן היינט, מיר האבן די זכי' צו זיין ערליכע אידן, דאס איז אלעס א דאנק דעם בעל שם הק' ותלמידיו הקדושים, זיי האבן אראפגעברענגט א הייליגן אור, אין דעם אור דארפן מיר יונק זיין, לאורם נסע ונלך".

דער רבי שליט"א האט אנגעווינטשן פאר די בחורים, "איך זאג פאר אלע בכלליות, און מיינע אייניקלך, איך האב דא צוויי קרובים, איינס איז מיינס אן אייניקל, און איינס איז מיין ברודער'ס (הרה"צ הרש"א שליט"א) אן אייניקל, דער אייבערשטער זאל העלפן אלע זאלן געהאלפן ווערן, מ'זאל קענען גיין אין די הייליגע דרכים, און דער אייבערשטער זאל העלפן, מיין מחותן (הג"ר ליפא ט"ב שליט"א), מיין זוהן (הרח"צ שליט"א), מ'זאל קענען האבן אסאך תענוג ונחת ביי קינדער און אייניקלעך מיט שפע ברכה והצלחה און תענוג ונחת, ביז דער אייבערשטער וועט העלפן און שיקן דעם גואל צדק, בב"א.

נאך די דברות קודש האט דער רבי שליט"א מכבד געווען די צוויי חתני הבר מצוה, הב' יואל ט"ב שליט"א און נכדו הב' דוד ט"ב שליט"א צו זאגן די פשט'לעך, און די בחורים האבן כנהוג אריינגעזינגען.

דאן האט געזאגט דברי תורה דער פאטער פונעם חתן הבר מצוה, הגה"צ רבי חיים צבי ט"ב שליט"א רב דק"ק סיגוט ומסב"ג. ער האט נאכגעזאגט א טרעפליך ווארט פון הגאון רבי ארי' לייבוש זצ"ל, דער פאטער פון הגאון בעל שואל ומשיב זצ"ל, אויף די גמרא "השח בין תפלה לתפלה עבירה היא בידו וחוזר עליו מעורכי המלחמה", האט ער געטייטשט אז די תפלין של ראש וואס איז נגד המח איז רומז אויף די מחשבה שבמח, און די תפלין של יד וואס איז לזכרון זרוע הנטוי', איז רומז אויף די מעשה. און אזוי איז אויך דער סדר פון א מלחמה, דער גענעראל איז דער וואס פירט די מלחמה מיט די סטראטעגיעס ווי ער רעכנט דאס אויס אין זיין מח, און די סאלדאטן פירן אויס די באפעלן מיט זייערע מעשים, און כדי מצליח צו זיין אין די מלחמה מוז זיין אז די סאלדאטן זאלן פונקטליך אויספאלגן די באפעלן וואס די גענעראלן האבן באשלאסן און אויסגערעכנט מיט זייער מח. דאס איז דער רמז, השח בין תפלה לתפלה, ווייל ער איז נישט מקשר די מעשה צו די מחשבה, איז עבירה בידו וחוזר עליו מעורכי המלחמה, אזא איינער קען נישט גיין אין מלחמה.

דער סיגוטער רב שליט"א האט דאס שיין אריינגעטייטשט אין פסוק פון די פרשה, ו'יפגע ב'מקום ו'ילן ש'ם, שטייט אין ספרי קודש אז די ראשי תיבות איז בגימטריי' שם שד"י, דאס איז א רמז אויף די תפלין וואו ס'איז שורה דער שם שד"י, און די קדושת מצוות תפלין האט ער גענומען כדי לוחם צו זיין קעגן דעם יצר הרע, ווען ער איז געגאנגען צו לבן הארמי.

דערנאך האט דער רבי שליט"א מכבד געווען דעם מחותן הג"ר ליפא ט"ב שליט"א. ער האט נאכגעברענגט א הייליג ווארט פון ספה"ק אגרא דכלה אויפן פסוק, וייקץ יעקב וגו' ויאמר אכן יש ה' במקום הזה ואנכי לא ידעתי, אז די השגחה עליונה און השראת השכינה איז טאקע פאראן אויף יעדן פלאץ, ולית אתר פנוי מיני', דאך איז פאראן פלעצער וואו דער רבוש"ע האט מצמצם געווען שכינתו ית' און דארט משרה געווען א גרעסערן השראת השכינה, ווי אויפן מקום המקדש, און פון דארט ווערט נתפשט די השראת השכינה אויף די גאנצע וועלט. דאס האט יעקב אבינו געזאגט, אכן יש ה' במקום הזה, אז פון דעם פלאץ ווערט צושפרייט די השראת השכינה אויף די גאנצע וועלט, ואנכי לא ידעתי, דאס האט ער נישט געוואוסט ביז יענעם טאג ווען ער האט זוכה געווען צום גרויסן התגלות אלקות ביים מראה החלום.

מיט דעם האט הג"ר ליפא שליט"א ארויסגעברענגט זיין טיעפע התרגשות איבער דעם מקום השראת השכינה וואס מ'זעט אין דעם בנין אדיר, דער ריזן בנין פאר די סאטמארער תלמוד תורה, וואו די קדושה שיינט אין יעדן ווינקל פון די טייערע תינוקות של בית רבן וועלכע ווערן דא נתחנך לתורה וליראת שמים און מדות טובות אויף דעם דרך וואס דער מייסד המוסדות מרן רבינו הק' זי"ע האט אראפגעשטעלט, און פון דא ווערט די קדושה צושפרייט אויף איבעראל, די השפעת הקדושה פון דעם גרויסן מבצר התורה פארשיינט אין די גאנצע שטאט.

אלע תלמידים האבן דאן ארויסבאגלייט דעם רבי'ן שליט"א בקול זמרה בגילת ורנן.

## תינוקות מצפצפין בקולן

פון דארט איז דער רבי שליט"א אראפגעגאנגען צום צווייטן שטאק, וואו עס געפינען זיך די קליינע דרדקי קינדער, תלמידים פונעם מנהל הרב ישעי' יצחק רובין שליט"א.

די קליינע נוירסערי קינדער זענען געזיצן אין די קלאסן אויף א נאטורליכן יעדן-טאגיקן פארנעם, אונטער די השגחה פון די טייערע מלמדים שליט"א. דער רבי שליט"א איז אריבער אין אלע קלאסן און מיט הנאה צוגעקוקט ווי די מלמדים געבן זיך אפ מיט געטריישאפט מיט די קליינע קינדער, מיט שפילערייען און חינוך הבנים, און מאציל געווען מברכותיו.

אריינקומענדיג צווישן די פיצעלעך, איז געווען א מחזה הוד צו זען די הונדערטער צאן קדשים שלא טעמו טעם חטא, ווי זיי הייבן אן די התחלה פון זייער לעבן אין אזא הייליגן רוח, מיט לימוד האותיות, קריאת שמע, די פרשה, ניגוני קודש, און מדות טובות וואס די חשובע מלמדים לייגן אריין אין די גאר קליינע תלמידים.

די הונדערטער עלטערע קינדער פון פרי-קינדערגארטן און קינדערגארטן זענען געווארן אויסגעזעצט אויף א מוסטערהאפטן סדר אינעם קארידאר נעבן די קלאסן, וואו דער רבי שליט"א האט אדורכשפאצירט און מיט הנאה זיך צוגעקוקט צו די לעכטיגע שיינענדע פנימ'ער פון די טייערע צאן קדשים שלא טעמו טעם חטא. עס איז געווארן צוגעגרייט א מקום מכובד פארן רבי'ן שליט"א און די קינדער האבן פארגעזעצט מיט אלטע אידישע ניגונים מיט א אינערליכן חן וואס איז זיך צוגאנגען אין די ביינער פון אלע אנוועזנדע.

דאן איז געווען א מעמד נרגש ווען דער מנהל ר' ישעי' יצחק שליט"א האט פארגעזאגט מיט אלע תלמידים א שטיקל גמרא "תנו רבנן, האבן די רבנן געלערנט, קטן היודע לדבר, א קליין קינד וואס קען שוין רעדן" וכו', וואס די קינדערלעך האבן אלע אינאיינעם הויך מיטגעזאגט. עס איז געווען רירנד ביז גאר צו הערן ווי די גאנץ קליינע קינדערלעך קענען א שטיקל גמרא הויך בעל פה און זאגן דאס מיט אזא געשמאק בקול נעים וצלול.

די קינדערלעך האבן פארגעזעצט מיטן פארזאגן "מודה אני" מיט אידיש טייטש. ביים גאנצן פארזאמעלטן ציבור איז א טרער פון התרגשות זיך פארלאפן צו הערן דעם מתיקות'דיגן קול פון די קליינע קינדער ווי זיי שרייען אויס די הייליגע ווערטער "שהחזרת בי נשמתי בחמלה רבה אמונתך סלה", באגלייט מיט די טייטש.

פול מיט התרגשות האט דער רבי שליט"א אנגעווינטשן פארן מנהל ר' ישעי' יצחק שליט"א און פאר די חשובע מלמדים שליט"א, צו האבן ברכה בפרי עמלם, צו קענען אריינפלאנצן יראת שמים און מדות טובות אין די הערצער פון די טייערע תינוקות של בית רבן, מיט מנוחה און הרחבת הדעת.

## אתו דרדקי בי' מדרשא

פון דארט איז דער רבי שליט"א צוריק ארויפגעגאנגען צום העכערן שטאק, צו די כיתות א' ב' און ג', וועלכע ווערן נתחנך אונטערן מנהל הרה"ג רבי חיים ראובן שעהנברוין שליט"א. ביים אריינקומען אויפן דריטן שטאק האט אויפגענומען א ריזן טאוועל מיט א בילד פונעם גרויסן בנין הת"ת, וואו אין די פענסטער איז אויפגעצייכנט די מדות טובות וואס ווערט געלערנט ביי די תלמידים אלס "די מדה פון די וואך". דער רבי שליט"א האט דאס באטראכט מיט גרויס הנאה, צו זען ווי עס ווערט אריינגעפרעגלט אין די קינדער מדות טובות אין זייערע אינגע יארן, וואס ווערט באגלייט מיט גרויס געטריישאפט דורך די חשובע מלמדים, און וועט פארבלייבן איינגעקריצט אין די הערצער פון די טייערע קינדער אויף שטענדיג.

דער רבי שליט"א איז דאן ערשינען אין גרויסן עס זאל אויפן דריטן שטאק, וואו אלע קינדער האבן מקבל פנים געווען מיט בגדי שבת, בשירה וזמרה, מיט גאר שיינע ניגונים, וואס איז געווארן אנגעפירט דורך דעם מלמד מומחה הרב יואל טויב שליט"א.

דער מנהל רבי חיים ראובן שליט"א האט גענומען דאס ווארט און מקבל פנים געווען דעם

(פארזעצונג אויף זייט 40)

# משתה גדול – דער "גרויסער" דינער

(פארזעצונג פון זייט 7)

נישט שעמען מיט אונזער "גרויסן" דינער – נישט ווייל דער בנין איז גענוג 'גיגאנטיש', אדער צוליב דעם ריזיגן צאל פארזאמלטע חסידים בליעה"ר, נאר ווייל עס זענעןווירקליך "גדולי הדור מסובין בה".

מיט שטאלץ קענען מיר צייגן כלפי מעלה: מיר ציען ווייטער די גאלדענע קייט ווי ער האט אראפגעשטעלט. זיין יו"ט איז אונזער יו"ט, ווייל זיין המשכה איז אונזער המשכה! די מוסדות הק' פירן זיך על דרך הסלולה, דער וועג וואס ער האט אריבערגעפלאנצט קיין אמעריקע, און טאקע אקוראט בלי שום שינוי.

איבער אלעם איז דער פונדאמענט פון די מוסדות אוועקגעשטעלט אויף דעם יסוד וואס ער האט געלערנט, און וואס כ"ק מרן רבינו שליט"א האט גע'חזר'ט עטליכע מאל בתקופת ההתחדשות, "מיר דארפן נישט די גרעסטע, מיר דארפן די בעסטע".

ווארים, אין זין פון די הייליגע ווערטער פון רש"י הק', איז דאך פארשטענדליך, אז מיר זענען די "בעסטע", זענען מיר ווידער שוין די "גרעסטע".

זכרנו לחיי"ם:

# היי-יעריגער דינער מוקדש לעילוי נשמת הנגיד החסיד ר' חיים ב"ר יהוסף לאַקס ז"ל

**רייכער קונטרס "זכרנו לחיים" מיט באשרייבונגען און דברי הספד ערשיינט צום דינער**

ווי געמאלדן מיט עטליכע וואכן צוריק, ווערט דער היי-יעריגער דינער השנתי און סעודת הודאה כ"א כסלו, מוקדש לעילוי נשמתו פון דעם גרויסן תורה וחסד מעצענטאט, הרבני הנגיד הטפסר המרומם, איש חי ורב פעלים לתורה ולתעודה, בונה עולמות של תורה וחסידות, משרי הצדקות בדורינו, מוה"ר חיים ב"ר יהוסף לאקס ז"ל, וועלכער איז פריצייטיג נפטר געווארן נאכן מיטמאכן יסורים קשים ומרים פון די ביטערע מחלה ל"ע, וואס ער האט מקבל געווען מיט א זעלטענעם בטחון און גבורת הנפש.

דער נפטר ר' חיים ז"ל איז געווען נודע בשערים אלס איינער פון די גרעסטע בעלי צדקה בדורינו. ממש פאר יעדע דבר שבקדושה איבער דער גארער וועלט איז ער געווען פון די ראשונים לדבר מצוה, עס איז כמעט נישט געווען א מוסד אדער פעולה של חסד, אויף וואס מען זאל קענען אנצייגן אז אין דעם האט ר' חיים ז"ל נישט געהאט קיין יד דערין.

ר' חיים ז"ל איז געווען א ריכטיגער אדם השלם אין זיינע צדקה וחסד לייסטונגען, ער האט אין זיך פארקערפערט אזויפיל מעלות און מדות טובות, א גאון במדות און גדול אין צדקה, פאר יעדן לב נשבר און נצרך, פון דאהי און פון איבעראל, און זיין פטירה האט געלאזט א חלל איבעראל.

זייענדיג א תלמיד חביב מבית מדרשו פון רבינו הק' מרן בעל דברי יואל זי"ע, איז ער געווען גאר נאענט צו די מוסדות הקדושים וועלכע זענען נתייסד געווארן דורכ'ן רבי'ן זי"ע. ער האט שטענדיג געזוכט וואו ער קען מחזק זיין די מוסדות הקדושים פון איבעראל, סיי דאהי און סיי אין ארצינו הקדושה.

אין די זומער חדשים פלעגט ר' חיים ז"ל זיך אויפהאלטן אין די שטאט קרית יואל, וואו זיין שטוב איז געווען באקאנט אלס בית של צדקה, פון וואו עס איז ארויסגעגאנגען פאנטאסטישע סכומים סיי פאר יחידים און סיי פאר מוסדות התורה והחסד. ער האט זיך באזונדער געלאזט קאסטן גרויסע סכומים פאר די ישיבה הקדושה אין קרית יואל, וואו ער איז מדי שנה בשנה געווען פון די ראשי התומכים מיט סכומים אדירים. דאס זעלבע פאר די מוסדות הק' אין קרית יואל, און פאר די פילע מפעלי צדקה וחסד מיט וואס די שטאט צייכנט זיך אויס.

ר' חיים ז"ל איז געווען א דמות דיוקן מיט זיין דביקות לתלמידי חכמים. ער האט זיך געהאלטן נאנט צו יעדן תלמיד חכם און ערליכער איד, און איז פיל געפארן זיך מסתופף זיין בצילם פון די גדולי וצדיקי דורינו. ער האט ביי די אלע רבנים ואדמורי"ם געהאט אן אפענעם טיר, און האט אלעמאל געזוכט מקבל צו זיין וואס מער בתורה וחסידות. ווי אויך האט ער פילע גדולים וצדיקים מאכסן געווען בתוך ביתו אויף שבתים און לאנגע טעג. ער האט אויך געהאט די זכי' צו זיין די אכסניא של צדיק, פאר כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א אין לויף פון די ימי שמחה בחצרות קדשינו, וואו פילע טויזנטער אידן זענען אדורך להפקד בדבר ישועה ורחמים, און ר' חיים ז"ל האט אלעמען אויפגענומען בסבר פנים יפות מיט א גאסט-פריינטליכקייט און הערצה.

אבער גאר באזונדער איז געווען זיין התקשרות צו די קהלה קדושה "יטב לב" און מוסדות התורה והחינוך דאהי אין וויליאמסבורג, וועלכע שטייען תחת נשיאות יבלחט"א כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א, וואו ער איז געווען ממש פון די ראשונים לדבר מצוה, און מיט זיין נדיבות הלב האט ער כסדר מוסיף געווען נדבה על נדבתו, און געזוכט צו פארגרינגערן פאר די חברי הנהלה צו קענען אנגיין מיט די הרחבת גבולי הקדושה.

ווען די הנהלת הקהלה אין וויליאמסבורג האט מחליט געווען אהערצושטעלן דעם בארימטן בנין ביהמ"ד המפואר אויף הופער סט. (היינטיגער בנין הילמאן) איז ר' חיים לאקס ז"ל געווען דער ראש וראשון, וועלכער האט זיך געלאזט קאסטן א סכום עצום פון שווערע הונדערטער אלפים, מיט וועלכע ער האט אפגעקויפט דעם זכות פונעם צענטראלן היכל הביהמ"ד אין דעם בנין. דער היכל האט דאן באקומען דעם נאמען "היכל תהלות יהוסף" לשמו ולזכרו פון זיין פאטער הרה"ח ר' יהוסף לאקס ז"ל, און אין לויף פון די יארן איז דער היכל אויסגעשטיגן אלס דער גרעסטער און שענסטער מקום תורה אין דעם עיר ואם בישראל וויליאמסבורג, וואו הונדערטער אידן זענען טעגליך זיך קובע מקום ללימוד התורה כמעט פיר און צוואנציג שעה אין מעת לעת.

ר' חיים ז"ל האט דערמיט ריכטיג מזכה געווען את הרבים, און דער זכות פון די אומצאליגע שעות פון לימוד התורה וואס איז ניתוסף געווארן אדאנק דעם היכל התורה, איז זיכער צו פארדאנקן פאר נדבת לבו הטוב פון ר' חיים ז"ל.

דאס זעלבע האט ר' חיים ז"ל זיך געלאזט קאסטן סכומים עצומים פאר די מוסדות הקדושים. ער האט געהאט אן אקטיוון טייל אין אוועקשטעלן דעם קייט פון חינוך הבנים הבנות אין די הייליגע מוסדות, וואו ער האט מנדב געווען גאר גרויסע סכומים, און דערצו מוסיף געווען א מצוה קבועה דורך צושטעלן זיין אייגנטום צו דינען אלס היים פאר די "בית רחל – ווארסאף סטריט", וואס דערמיט ווערט צוגעשריבן צו זיין אייביגער זכות די פילע זכותים אדירים פון חינוך הבנות, און אויפשטעלן טויזנטער ערליכע אידישע שטובער על דרך התורה והמסורה.

אזוי איז ר' חיים ז"ל געווען דער ריכטיגער רוח החיי"ם פון אומצאליגע אונטערנעמונגען פון די סאטמארער קהלה און מוסדות, וואס איז געווען אויסער זיינע רעגעלמעסיגע שטיצע מיט סכומים עצומים פאר די סאטמארער מוסדות די בכל אתר ואתר.




דעריבער האט די הנהלת הישיבה באשלאסן צו באשטימען דעם היי-יעריגן דינער, וואס קומט פארגעציילטע וואכן נאך זיין פטירה, לעילוי נשמתו הבהיר, ווייל הוא הגבר וואס האט פיל געלייזט לטובת די הייליגע מוסדות, און מיר רעכט פארדינט ער דעם גרויסן כבוד צו ווערן געדענקט מיט ליכטיגע פארבן ביי רבבות אלפי ישראל, אין אזא גרויסע נאכט, בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל.

די גוטע דרכים פון רבי חיים ז"ל ווערן היינט ווייטער פארגעזעצט דורך זיינע בני המשפחה, בראש פון בנו בכורו הרבני הנגיד הנדיב הנכבד בר אוריין ותומך תורה מו"ה משה לייב הי"ו, וועלכער איז ברייט באקאנט אלס בר אוריין ובעל צדקה וחסד בנדיבות הלב.

צו דער געלעגנהייט האט די הנהלת המוסדות מוציא געווען לאור א אינהאלטספולען קונטרס "זכרנו לחיים", וואס פארמאגט באשרייבונגען פון זיין פארברייכן לעבן, און דברי הספד וואס איז געהערט געווארן לזכרו דורך הרבנים הגאוה"צ שליט"א. דער קונטרס וועט פארטיילט ווערן ביים דינער פאר די רבבות המשתתפים.

תהא נשמתו צרורה בצרור החיי"ם.




כי קרוב הוא:

## פלאַץ פון היי-יעריגן דינער ספּעציעל באַקוועם פאַר "תושבי באָראָ פּאַרק"

פאר תלמידי וחסידי סאטמאר תושבי בארא פארק בפרט, און פארן בארא פארק'ער אידנטום בכלל, איז גאר אנגענעם געווען צו הערן איבער דעם אויסוואל אפצוהאלטן דעם היי-יעריגן דינער אין גרויסן בנין "ברוקלין ארמיי", וואס געפינט זיך אויף די 39'סטע גאס, ביי 1'טע עוועניו, ממש הארט נעבן די חרדי'שע בארא פארק.

דער גרויסער בנין געפינט זיך הארט ביים ארויסגאנג/ארייניגאנג פון/צום "בי. קיו. אי." וועלכע באהעפט די חרדי'שע וויליאמסבורג מיט בארא פארק, און פאר תושבי בארא פארק איז דאס גאר באקוועם און צוגענגליך, געציילטע מינוטן וועג.

ווערט דעריבער צום היי-יעריגן דינער ערווארטעט א גרעסערער פלייץ פונעם חסיד'ישן ציבור תושבי בארא פארק, וועלכע וועלן זיך קומען מתאחד זיין מיט קהל עדתינו ווען מ'וועט מעלה זיין זכרו הבהיר פון מרן רבינו הק' זי"ע, דער רבן של כל ישראל דעביד לתורה שלא תשתכח מישראל.

זכרון להולכים

# ונתתי להם בביתי ובחומתי יד ושם טוב
# מבנים ומבנות שם עולם אתן לו

עוד יזכר לנו אהבת איתנים, ידידינו הנערץ והנכבד יקר מפנינים, להרמת קרן התורה עשה אזניים, פעל ועשה עשרת מונים, בצדקה וחסד להמונים, בהצנע לכת פיזר נתן לאביונים, תל תלפיות אליו הכל פונים, אהוב ונערץ בחצרות צדיקים ונבונים, בממלכת התורה והחינוך היה בין הבונים, בארץ ובתפוצות במקומות שונים, מבצרים אדירים לתפארת גאונים, הטפסר הדגול והמפורסם, בונה ומקים עולמות של תורה וחסידות,
החסיד המפואר אלוף וקצין נדיב ושוע, כבוד שמו תפארתו

# מו"ה חיים ב"ר יהוסף לאקס ז"ל

**פטרון ומחולל של היכל התורה - תהלות יהוסף**
**הנודעת לשם ולתהלה כפינת יקרת לעמוד התורה בין שלומי אמוני ישראל**

הלא הוא הגבר אשר זה רבות בשנים עמד לימין מוסדותינו הקדושים בהזלת סכומים
אדירים לכל קדשי חצרות קדשינו, ובמיוחד הגדיל עשות לנדב

## בנין בית רחל - ווארסאף סטריט

לחינוך אלפי בנות ישראל הכשרות בתוככי היכלו ורשותו

בדין הוא שנוצר תאנה יאכל פריו
**על כן הוחלט להכיר טובה לנשמתו בגנזי מרומים**

# להקדיש לטובת נשמתו

## הדינער השנתי - כ"א כסלו הבעל"ט

**להביע בשער בת רבים סגל פעולותיו לטובת הכלל בשכלול מבצרים אדירים וירוממוהו בקהל רם לזכרון עולם**
**ולמזכרת נצח סגל מעשיו הבהירים אשר פעל ועשה לטובת מוסדות רבינו הק' והטהור זי"ע בכל רחבי תבל**

גודל הזכות של הקמת מבצרי התורה וחינוך הבנים והבנות יליצו בעד נשמתו הטהורה בגנזי מרומים, יזכרהו ה' לטובה עם כל צדיקי עולם,
בגן עדן תהא מנוחתו וינוח בשלום על משכבו, עדי יקיצו וירננו כל שוכי עפר, בעגלא ובזמן קריב אמן

**ת ה א   נ ש מ ת ו   צ ר ו ר ה   ב צ ר ו ר   ה ח י י " ם**

## הנהלת המוסדות




## אריינפיר

מ'הערט, מ'שרייבט, און מ'לייענט אזויפיל איבער דעם גוטן חינוך וואס ווערט אריינגעלייגט אין די טייערע תלמידים אין די הייליגע מוסדות אין וויליאמסבורג. יעדע טאטע און מאמע שפירט און ווייסט אז "עפעס" איז דא געשען אז די קינדער שפירן אזא חשק און הנאה צו לויפן אין חדר מיט א מאגנאטישן כח; "עפעס" גייט פאר צווישן די ווענט פון תלמוד-תורה וואס "כל חפציך לא ישוו בה"; "עפעס" ציהט אהין מיט א געשמאק ווי קיינמאל בעפאר; "עפעס" מאכט דאס לערנען אזוי בא'טעמ'ט און רייצנד. – וואס איז דא דער סוד?...

ובפרט אין די לעצטע חדשים זינט מ'האט זיך אריינגעצויגן אינעם נייעם בנין התלמוד תורה החדש, איז אלעס געטוישט געווארן צו אזא הרחבת הדעת און מנוחת הנפש, די מלמדים, די מנהלים, און די תלמידים זעלבסט שפירן דאס, איז דאך זיכער כדאי אז דער ציבור אנשי שלומינו, – און טאקע די נדיבים וועלכע האבן דאס ערמעגליכט – זאלן וויסן קליינע נאטיצן פון דעם אוצר הגנוז וואס שפילט זיך אפ "צווישן די ווענט פון חדר".

מיר שילדערן בלויז אזעלכע פאקטן און מערקווירדיגע אקטיוויטעטן וועלכע זענען ארויס פונעם טאג-טעגליכן סדר היום, ווי מ'רופט דאס "היי-לייטס". עס איז ווי פארשטענדליך נישט מעגליך אדורכצולויפן אלע פרטים און קליינע דעטאלן וואס טוט זיך אפ צווישן די ווענט פון תלמוד תורה אין א געוועגליכן טאג. אדרבה, זאלן די חשובע עלטערן זיך אמאל אריבערכאפן אויף א שפאציר אין תלמוד תורה און זיך דערקוויקן פון דעם טעם מתוק וואס שפירט זיך ווען עס דערטראגט זיך ארויס דער קול תורה פון די טייערע תשב"ר. דאס איז א פארגעניגן וואס מ'קען אויף קיין פאל נישט שילדערן.

"חולקין כבוד לגדולים". אלס יסוד גדול אין אונזערע הייליגע מוסדות איז דאס אריינברענגען אין די תלמידים מדות טובות און דרך ארץ, צו געבן כבוד פאר עלטערע און ערוואקסענע. איז דאך נישט מער ווי רעכט אז מיר זאלן באלד אנהייבן שילדערן צוערשט דעם סדר הלימוד ביי די גרעסערע תלמידים, און אזוי גיין אראפ ביז צו די צאן קדשים וועלכע קומען נארוואס אריין אין חדר.

## כיתה: ט' – מכינה לישיבה קטנה

### מנהל: הרב יודא בער טעללער שליט"א

## פארלענגערטער סדר הלימוד פארטאגס

היי-יאר האט מען מסדר געווען א תיקון לטובה, צו פארלענגערן דעם סדר הלימוד אין די פארטאגס שעה'ן פאר'ן דאווענען, כדי צו געבן א ברייטערע צייט פאר דעם חשוב'ן זמן פון פארטאגס צו קענען עוסק זיין בתפלה קודם התפלה.

ווי באוואוסט איז ביי רבותינו הק' זי"ע געווען איינס פון די גאר שטארקע יסודות דאס אויפשטיין פארטאגס, ווי רבינו הק' מרן בעל דברי יואל זי"ע האט איינגעפירט אין די ישיבה, און מיר האבן דאס אלץ געהערט פון רבינו הק' בעל ברך משה זי"ע, און אזוי פאדערט דאס יבלחט"א כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א, אז מ'דארף זיך באפלייסן אויפצושטיין לערנען פאר'ן דאווענען, אזוי גייט דאס דאווענען אינגאנצן אנדערש, ווען ס'קומט באגלייט מיט אן הכנה פון עסק התורה.

דער סדר הלימוד פארטאגס גייט אן ביז 8:00, ווען מ'לערנט שיעור עיון, וואס די צייט איז גאר גוט געאייגנט דערפאר, אז דער סדר פון פארטאגס זאל זיין מוקדש פאר לימוד שיעור עיון, ווען דער קאפ איז קלארער, און מ'האט ספעציעל פארלענגערט די צייט אז דאס זאל קענען בעסער ווערן אויסגענוצט אויף לימוד העיון מיט א לויטערן קאפ.

## א שטילשווייגעניש פאר'ן דאווענען

ביי א גרויסן טייל בחורי חמד הערשט א געוואלדיגער זהירות אויסצופאלגן די בקשה פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, וואס ער האט שוין עטליכע מאל מעורר געווען ביי די בחורי חמד נישט צו רעדן קיין שום שיחת חולין פאר'ן דאווענען. ווי באקאנט פון הייליגן רבי ר' מענדעלע מרימנוב זי"ע אז מיט שיחת חולין פאר'ן דאווענען איז מען מדחה די יראת שמים מיט די האנט.

## שחרית מיט התלהבות

נאך אזא הכנה דרבה, איז פארשטענדליך אז ס'פאלגט נאך א פלאקערדיגן דאווענען, מיט התלהבות בקול רם, דורך די לעכטיגע בחורי חמד, מעוטר בפאר חבוש על ראשם די הייליגע תפלין, און דאס גאנצע דאווענען ווערט אפגעראכטן אויף א חסיד'ישן פארנעם, בקול חוצב להבות אש.

## "פרישטאג" אדער "חזרה"?...

נאכ'ן דאווענען זעצן זיך די בחורים אוועק צו פת שחרית, אויף עטליכע טישן אין די זייט פון ביהמ"ד. דער מנהל שליט"א האט מעורר געווען די בחורים אז ס'איז א שאד צו פארנוצן אזא טייערע צייט פארמיטאג, נאכ'ן עסן, אז ס'זאל אדורכגיין פריי. איז דעריבער מסודר געווארן די "חברה מחודדים בפיך", וואס איז געצילט צו חזר'ן די לימודים פון לעצטן יאר, פרק האשה נקנית ממס' קידושין.

אין חודש חשון האבן די בחורים אדורכגעלערנט אין די פרישטאג-צייט, פון דף ל"ד ע"א ביז דף ל"ט ע"ב, די שווערע סוגיות פון מצות עשה שהזמן גרמא און מצוות התלויות בארץ, און אזוי גייט מען ווייטער, מיטן ציל צו ענדיגן דעם גאנצן פרק, און דערנאך די גאנצע מסכתא.

עס וואונדערט דאס אויג ווען מ'קומט אריין אינמיטן פרישטאג, זעט מען ווי יעדע ווײלע שטעלן זיך אויף נאך און נאך בחורים און זעצן זיך באלד נאכן עסן אוועק מיט די גמרות און חזר'ן די לימודים פון לעצטן יאר, וואס איז אן הכנה אויף דעם גרויסן פארהער וואס מ'וועט זיך פארהערן ענדע יאר אויף די גאנצע מסכתא. דער מחזה קוקט ענדערש אויס ווי א מאסן חזרה ווי איידער א נאטורליכער פרישטאג...

דאס שפילט זיך אזוי אפ יעדן טאג. מדי יום ביומו. און הערשט ווען אלע בחורים האבן געענדיגט דאס עסן, זעצט מען זיך ווידער צוריק צו די פלעצער און מ'בענטשט ברכת המזון ברוב עם, פון אינעווייניג אין א סידור, זיך אזוי מרגיל צו זיין צו בענטשן בכוונה ובקול, וואס איז מסוגל אויף אלע גוטע ענינים.

## "תורה" מיט "יראה"

אנהייב פארמיטאג, איידער מ'הייבט אן די לימודים, געבן די מחנכים שליט"א א שיעור מוסר אין ספה"ק חובת הלבבות, וואס איז גאר אן עיון'דיג ספר מוסר. דאס ווערט מוטעם בטוב טעם אז די פרחי הצאן זאלן אויפכאפן די טיפזיניגע ווערטער און דאס ארייננעמען אין טאג טעגליכן לעבן, צו וויסן וויאזוי צו לעבן מיט א חשבון הנפש, צו

## ווארט צו די עלטערן:

### כיתה: ט' – מכינה לישיבה קטנה

### מנהל: הרב יודא בער טעללער שליט"א

שטייענדיג ביי דער געלעגנהייט אין סאמע חודש כסלו, נאכדעם וואס דער נייער יאר האט זיך ב"ה אנגעהויבן מיט גרויס הצלחה, ערלויבן מיר זיך אויפמערקזאם צו מאכן די חשובע עלטערן אויף געוויסע נקודות, וואס מ'זאל געדענקן אויפן גאנצן יאר, צו די הצלחה פון די קינדער שיחיו.

1. יעדע טאטע שטרעבט אז ענדע יאר זאל זיין קינד זיין צווישן די גליקליכע תלמידים וועלכע שטעלן זיך צום פארהער אויף אלע לימודים פון די לעצטע יארן, און דאס קענען מיט א גרינטליכע בקיאות בעל פה. זאל מען וויסן אז "די ארבעט הייבט זיך אן פון יעצט". מ'דארף שוין יעצט שטיין על המשמר, מזרז צו זיין די קינדער אין זייערע לימודים, זיי פארהערן און זיך אינטערעסירן אין זייערע פרייע צייטן, צו זען וויפיל מ'קען דאס פארנוצן אויף חזרת הלימודים.
2. ב"ה אז ס'איז אונז געלונגען צו פארמאגן די בעסטע מלמדים פון אונזער ציבור, די טייערע מלמדים זענען גרייט צו יעדע צייט אויסצוהערן יעדן פראבלעם וואס מאכט זיך ביי א קינד, מיט פארשטענדעניש און געטריישאפט. איז וויכטיג אז די עלטערן זאלן זיך נישט צוריקהאלטן פון זיך פארבינדן מיטן מלמד אין סיי וועלכען פרט ער שפירט פאר וויכטיג אז מ'קען אים ארויסהעלפן אין די הצלחה פון זיין קינד. דער מלמד איז דאס מערסטע פאראינטערעסירט אינעם תכלית פונעם קינד און מיט זיין הילף קען מען אלעמאל צוקומען צו א בעסערן תכלית.
3. מיר שיקן אהיים יעדע וואך מיט די קינדער דעם קונטרס "עולת שבת בשבתו" וואו עס איז אנגעצייכנט דער פונקליכער שיעור וואס מ'לערנט מיט די קינדער איבער די וואך, איז וויכטיג אז די עלטערן זאלן דאס באגלייטן און מיטהאלטן בשלימות, סיי דעם שיעור אין גמרא, שיעור עיון און שיעור פשוט, און סיי דער שיעור אין חומש-רש"י. די מיטארבעט פון די עלטערן איז דער גרעסטער שליסן אין הצלחה פאר די קינדער.

חפץ ה' בידינו יצליח, צו קענען מגדל זיין ערליכע תלמידים מצויינים בתורה ויראת שמים על דרך ישראל סבא.

**המנהל**




זיין ממארי דחושבנא.

פארמיטאג לערנט מען ווייטער דעם שיעור עיון, אין פרק האיש מקדש. אין די וואכן גרייט מען זיך צום פארהער אויף עטליכע בלעטער, און דער קול תורה הילכט אפ בקול אמיץ וחזק.

## תענית הראב"ד ביי מיטאג

ביים ענדע פון פארמיטאג סדר דאווענט מען מנחה אין ביהמ"ד.

ווי אינטערעסאנט איז דער פאקט, אז כאטש די מאכלים ווערן צוגעגרייט אויף די טישן וואס געפינט זיך אין ביהמ"ד, איז ניטאמאל עולה על הדעת פאר קיין שום בחור צוצוגיין א קוק טוהן וואס איז דא אויף מיטאג... א שטייגער ווי נייגעריגע בחור'ליך אין די אינגע יארן...

## "פילעווען חומש מיט רש"י"

אין אונזערע הייליגע מוסדות איז פון אלעמאל געלייגט געווארן א גרויסער דגוש אויפן לימוד פון חומש מיט רש"י, ווי רבינו הק' זי"ע האט דאס שטענדיג פארלאנגט און געפאדערט ביי די אסיפות מלמדים. דער רבי זי"ע פלעגט צומאל דערציילן די מעשה, אז ווען ער איז געווען א קינד האט אים אמאל פארהערט הרה"ק רבי מרדכי'לע מנאדבורנא זי"ע, און ער האט אים דאן געזאגט: "זאלסט פילעווען [הארעווען] חומש מיט רש"י. מרדכי'לע האט געקענט אסאך גרויסע לייט, וויבאלד זיי האבן נישט געפילעוועט חומש מיט רש"י האבן זיי נישט געוואוסט וואו דער בורא עולם שטייט איין".

דעריבער איז באשטימט אז א גרויסן חלק פונעם נאכמיטאג סדר איז מיוחד אויף לערנען חומש רש"י. די מלמדים שליט"א לערנען דאס פאר, מ'גייט דאס איבער, און מ'לערנט אדורך יעדע וואך די גאנצע פרשה מיט א קלארן פארשטאנד, בהבנה יתירה, אז די בחורי חמד זאלן אין זייערע אינגע יארן קונה זיין א קלארע ידיעה אין די פרשיות ופסוקי התורה, וואס וועט זיי צונוץ קומען אויף אייביג.

ענדע וואך ווערט פארטיילט פאר די בחורים דער גאר שיינער און אינהאלטספולער קונטרס "חזרת פרשיות", וואס איז נתחבר געווארן דורך הרב זרח שפירא שליט"א מרביץ תורה אין מוסדותינו הק' אין קרית יואל. דער קונטרס אנטהאלט קלארע שאלות אויף יעדן פסוק, מדוייק לויט יעדע ווארט און פשט פון רש"י, (און צומאל שיינע פשטים פון די מפרשי רש"י), אז די תלמידים זאלן קענען פאר זיך אדורכגיין אלע פסוקי הפרשה צו זען אז זיי קענען דאס קלאר.

נאכמיטאג לערנט מען שיעור פשוט, פון אנהייב מס' קידושין. ענדע וואך באקומט מען א גליון "שואל כענין" מיט שאלות צו קענען איבערגיין אינדערהיים און זיך גוט איינ'חזר'ן די שקלא וטריא פון די סוגיות הגמרא.

## קונטרס "ויגדל האיש"

אין די טעג איז ערשינען פאר די תלמידים א גאר שיינער קונטרס "ויגדל האיש", וואס איז מיוחד פאר די בחורי חמד אין די תקופה אנהויב פון זייער לעבן, ווען מ'קומט אריין אין די ימי הבחרות, מיט גאר וויכטיגע ענינים פאר בחורי חמד ווען זיי שטעלן די ערשטע טריט אין זייער בחור'ישע יארן.

דער קונטרס אנטהאלט די דרשה וואס כ"ק מרן רבינו שליט"א האט משמיע געווען פארגאנגענעם מיטוואך פר' ויצא ביי זיין באזוך אין די ת"ת, וואו דער רבי שליט"א האט מעורר געווען אויף עטליכע ענינים, בזהירות קדושת התפלין, חסידי'שן לבוש, לערנען ספרי חסידות, און נאך עטליכע דרשות וואס דער רבי שליט"א האט געזאגט ביי פארשידענע געלעגנהייטן פאר בחורי חמד.

## דרשת הרה"ג ר' אלטר קויפמאן שליט"א

עטליכע וואכן צוריק האבן די בחורי חמד געהאט דעם כבוד צו הערן א פייערדיגע דרשה פון הרה"ג המהולל רבי אלטר קויפמאן שליט"א מנהל מוסד חכמת לב אין ארצינו הק', וועלכער געפינט זיך דאהי צו זאמלען צדקה לטובת זיין הייליגן מוסד וועלכע איז נישט נהנה קיין פרוטה משלחן איזבל.

מיט גרויס אינטערעסע האבן די בחורים זיך צוגעהערט צו די דרשה פון רבי אלטר שליט"א, וואו ער האט ארויסגעהויבן יסודות אין תפלה וואס איז דער ריכטיגער דרך נתקרב צו ווערן צו השי"ת, די זיסקייט פון מעשה המצוות, וואו ער האט אנגעגעבן אלס ביישפיל, ער געפינט זיך שוין א לענגערע צייט אין אמעריקא צו זאמלען געלט, און "איך שפיר דערין א זיסקייט, ס'איז געשמאק, ווייל איך ווייס אז דערמיט טוה איך דעם רצון ה'".

די דרשה איז געווען א קייט פון דברי מוסר און התחזקות, און פארשידענע ענינים נשגבים וואס זענען וויכטיג פאר אינגע תלמידים ביים אנהויב פון זייער לעבן, זיך צו פירן בקדושה וטהרה מיט יראת שמים און ערליכקייט, אויסצוואוואקסן זרע ברך ה'.

## דרשת הרה"ג ר' אברהם מרדכי דאווידאוויטש שליט"א

אויך האט מען דעם ווינטער שוין געהאט דעם כבוד צו הערן א דרשה דורך הרה"ג ר' אברהם מרדכי דאווידאוויטש שליט"א מנהל ת"ת דושינסקיא בירושלים. הרב דאווידאוויטש שליט"א האט א לענגערע צייט מאריך געווען איבער דעם קנין המדות טובות וואס מ'דארף זיך צוגעוואוינען אין די אינגע יארן, ארויסהעלפן איינער דעם צווייטן, וואס דאס באגלייט אויף שפעטער זיך זיין מצויין אין גוטע מדות.

די הנהלה האט זיך הערצליך באדאנקט פאר זיינע ווארימע ווערטער, וואס איז געווארן אויפגענומען דורך די בחורי חמד מיטן פולסטן מאס ערנסטקייט.

# כיתה: ד' — ח'

**סניף הרב משה אלי' גרין שליט"א, מנהל**

**סניף הרב יואל שטערן שליט"א, מנהל**

## כיתה ח' – פרק האשה נקנית

מיט קארגע צוויי חדשים צוריק, ענדע פאריגן זמן, איז פארגעקומען ביי אלע תלמידים די צענטראלע פארהערן, וואו די קינדער שטעלן זיך צום פארהער אויף די לימודים פונעם גאנצן יאר. די תלמידים פון כיתה ח' האבן זיך געלאזט פארהערן מס' מכות וואס זיי האבן געלערנט פארגאנגענעם יאר אין כיתה ז', און די לימודים פון כיתה ח', דער צווייטער העלפט פון פרק האשה נקנית אין מס' קידושין.

דערמיט איז צוגעקומען א רינגעלע אין די קייט פון בלעטערע גמרא וואס די קינדער חזר'ן אלס הכנה צום גרויסן פארהער ענדע כיתה ט', ווען מ'פארהערט זיך אויף אלע לימודים וואס מ'האט געלערנט אין די חדר יארן.

## כיתה ז' – מס' מכות

אין כיתה ז' האבן אלע תלמידים זיך געשטעלט צום פארהער ביים רב שליט"א אויף גאנץ מס' מכות, וואו דער רב שליט"א האט באוואונדערט זייערע קענטעניסן בידיעת המסכתא מיט גרויס קלארקייט.

דאן האט נאכגעפאלגט גאר שיינע מסיבות סיום מסכתא, וואו יעדער מלמד האט זיך משמח געווען אין זיין קלאס מיט די תלמידים, און געפראוועט דעם יומא טבא לרבנן מיט א סעודת מצוה, געטיילט תעודות, מתנות, און צוגאב צו א מכתב תעודה פונעם רב שליט"א.

## כיתה ו' – פרק לולב הגזול און לולב וערבה

אויך די אינגערע תלמידים פון כיתה ו' האבן אריינגעלייגט גאר שטארקע כוחות אין לויף פונעם זומער זיך צו לאזן פארהערן אויף פרק לולב וערבה, וואס איז געווען די שענסטע הכנה צום יו"ט סוכות, צו וויסן די טעמי המצוה, שמחת החג, ניסוך המים, שמחת בית השואבה, הלל ושמחה, און נאך.

## נסיעה צו מקומות הקדושים אין ניו יאָרק ברענגט אַריין אַלע תלמידים אין געוואַלדיגן התעלות'דיגן רושם

ענדע פארגאנגענעם יאר, עטליכע טעג בעפאר ראש השנה, האט דער מנהל הרב יודא בער טעללער שליט"א מסדר געווען א גאר אינהאלטספולע נסיעה פאר אלע תלמידים פון כיתה ט' מכינה לישיבה קטנה, צו די מקומות הקדושים איבער ניו יארק, וואס האט אריינגעברענגט די תלמידים אין א געוואלדיגן רוח פון התעלות, און ס'וועט אויף גאר לאנג געדענקט ווערן.

באלד אינדערפרי זענען די בחורים ארויסגעפארן קיין מאנסי, וואו מ'האט זיך צוערשט אפגעשטעלט אין בית מדרשינו דקהל יטב לב. הגה"צ אבד"ק סאטמאר מאנסי שליט"א האט אויפגעטרעטן מיט א דרשת התעוררות פאר אלע תלמידים, צו וויסן דעם חובת השעה, און דער גרויסער כח מתפלל צו זיין אין די טעג לפני בוא יום הדין הגדול והנורא, ובפרט ווען מ'גרייט זיך צו באזוכן אזעלכע גרויסע פלעצער, מקום מנוחת משכן קדשם פון די צדיקים וקדושים אשר בארץ החיים המה.

דאן האט נאכגעפאלגט א התלהבות'דיגער תפלת שחרית. נאכ'ן דאווענען און טעימה קלה איז מען צוגעפארן צוערשט צום בית עלמין אין די שטאט מאנסי, וואו ס'איז מקום מנוחת הרה"ק מסקולען זצוק"ל, הרה"ק מריבניץ זצוק"ל, הרה"צ מאוהעל זצ"ל, און נאך.

אויפן וועג צום ביה"ח האט משמיע געווען דברי התעוררות הרה"ג המהולל דבש וחלב תחת לשונו הרב שמואל שלמה טעללער שליט"א מרביץ תורה אין קרית יואל, איבער דעם מעלת הנסיעה צו קברי צדיקים און די קדושת הצדיקים וועלכע זענען נטמן אין דעם פלאץ. מ'האט געזאגט תהלים מיט גרויס התלהבות דורך דעם בעל תפלה ומכבד את ה' מגרונו הרה"ג רבי אברהם לייב ליכטמאן שליט"א מרביץ תורה, און הרה"ג רבי שלמה לייפער שליט"א מרביץ תורה האט פארגעזינגען דעם באקאנטן סקולענער ניגון אויפן פסוק "יודע בגוים לעינינו נקמת דם עבדיך השפוך, תבוא לפניך אנקת אסיר", וואס אלע בחורי חמד האבן מיטגעזינגען מיט גרויס ערנסטקייט.

פון דארט איז מען צוגעפארן קיין שיכון סקווירא, צום ביה"ח וואו ס'איז נטמן הרה"ק מסקווירא זצוק"ל, און הגאון האדיר רבי משה ניישלאס אבד"ק סערדעהעלי ואבד"ק ניו סקווירא. מ'האט געזאגט פרקי תהלים מיט התעוררות.

דאן האט מען זיך ארויסגעלאזט אויף א לענגערן וועג צום "וואשינגטאן סעמעטערי" אין ניו דזשורסי. דער בית החיים וואו פילע קהלות קדושות בישראל האבן חלקי קבורה און ס'איז דארט נטמן פילע גאונים וצדיקים פון פריערדיגן דור. אויפן גאנצן וועג האבן די בחורי חמד געהערט סיפורי צדיקים דורך רבי שמואל שלמה טעללער שליט"א.

אינעם בית החיים האבן די טייערע בחורים באזוכט ביי די קברים פון הרה"ק רבי יחזקאל'ע מערץ זצוק"ל, אביו הרה"ק רבי יואל זוסמאן זצוק"ל, משפחת הרה"צ מטשענסטעחוב זצ"ל (פאטער פון הרבנית הצ' מרת אלטא פיגא ע"ה), משפחת הגה"צ מווייטצן וסאראוואש זצ"ל, הרה"ק מספינקא זצוק"ל, הרה"ק בעל שאר ישוב מקיוויאשד זצוק"ל, הרה"ק בעל חקל תפוחין מקאלוב זצוק"ל, הרה"ק מפאלטישאן זצוק"ל, אדמו"י בית באבוב זצוק"ל. אויך האט מען באזוכט אינעם ביה"ח דק"ק עצי חיים סיגוט וואו ס'איז נטמן הגה"צ רבי יחיאל יהודה איזאקסאהן זצ"ל חדב"ן פון מרן הגה"ק בעל עצי חיים זי"ע, און זו' הרבנית חנה ע"ה, די טאכטער פון עצי חיים זי"ע, וואס יענעם טאג כ"א אלול איז זיך געפאלן איר יארצייט.

ווען מ'האט צוגעענדיגט מיט די תפלות און פרקי תהלים אויף די קברי הצדיקים, איז מען צוגעפארן צו "ישיבת רבינו יעקב יוסף" וואו מ'האט טועם געווען מיטאג. פארנאכט לעת ינטו צללי ערב איז מען אנגעקומען צו די חלקה פון ק"ק עדת יראים וויען, וואו ס'איז באהאלטן הגה"ק רבי יהונתן שטייף זצוק"ל, הגה"ק רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זצוק"ל, און הגה"צ רבי עזריאל יהודה לעבאוויטש זצ"ל בעל עזר מיהודה.

אויך אויפן וועג צוריק האט ממשיך געווען מיט די סיפורי צדיקים הרב שמואל שלמה שליט"א, און דער טאג האט זיך בעז"ה געענדיגט אין א גוטע שעה, האפנדיג אז מ'האט גע'פועל'ט ישועות ורפואות פארן פרט און פארן כלל, לנו ולכל ישראל אמן.




## כל הקובע מקום לתפלתו

דער נייער בנין התלמוד תורה האט אריינגעברענגט א געוואלדיגע הרחבת הדעת צווישן די תלמידים, און האט גלייכצייטיג געגעבן די געלעגנהייט פאר די הנהלה רוחניות צו פארברייטערן די השגחה לתועלת התלמידים. איינס פון די אויפטועך איז דער פאקט אז יעדער "ברענטש" דאווענט באזונדער, אונטער די השגחה פון זייער מנהל, אזוי קען דער מנהל ריכטיג משגיח זיין אויף זיינע תלמידים מיט אן השגחה מעולה אויף יעדן באזונדער, און אויף א בעסערן פארנעם אריינברענגען דעם חשק התפלה מיטן ריכטיגן התעוררות.

## "הגולל" נוטל שכר כנגד כולם

אין אפטיילונג פון הרב משה אלי' גרין שליט"א איז געווארן איינגעפירט, אז די מלמדים פארטיילן "כתר תפלה קארטלעך", און די כיתה וואס באקומט דעם אויסצייכענונג באקומט דעם שאנס צו האבן דעם כיבוד פון "גלילה" אויף די ס"ת בימי הקריאה ב' וה'. דער מלמד קלויבט אויס דעם תלמיד וועלכער האט זיך דאס מערסטע אויסגעצייכנט בעמוד התפלה און דער תלמיד גייט גלילה, דערנאך ווערט דאס פארצייכנט אויף א גרויסן טאוועל אין ביהמ"ד, וכל רואיו יכירון ויאמרון אז דער תלמיד איז א מצויין, און דאס ברענגט דעם ריכטיגן קנאת סופרים ביי אנדערע תלמידים זיך צו באפלייסן מיטן דאווענען.

## מלמדים שמועסן זיך אדורך

עס איז געווארן איינגעפירט א געוואלדיגער אויפטוה, דער מפעל "מלמדי השכלתי", וואס איז געווידמעט פאר די מלמדים זיך אדורכצושמועסן מזמן לזמן אויף יעדע אקטועלע נושא וואס קומט זיי אויף אין פעלד פון מלומדות, זיי זאלן קענען הערן מיינונגען פון אנדערע מלמדים און זיך ארויסהעלפן איינער דעם צווייטן בעצה ותושי'.

יעדע וואך-צוויי איז מיוחד א באשטימטער צייט ווען אלע מלמדים קומען זיך צונויף און שמועסן אויס אלע נושאים וואס קען ווערן באהאנדלט ברבים, און ס'איז וואונדערבאר צו הערן ווי פילע ספיקות און אומקלארקייטן ווערן געלעזט דורך דעם פראגראם, ותשועה ברוב יועץ.

## ווען דער טאטע ווייסט וואס צו פרעגן...

עס איז געווארן איינגעפירט א תיקון גדול, אז יעדער מלמד שיקט אהיים מיט די תלמידים, א פונקטליכע רשימה פון אלע לימודים וואס מ'האט געלערנט די וואך אין חדר. די רשימה אנהאלט דעם שיעור אין חומש-רש"י, גמרא, רש"י, תוספות, מפרשים, נ"ך, הלכות, ידיעות, סיפורי צדיקים, א.א.וו. וואס דאס ברענגט א געוואלדיגע קאמינוקאציע צווישן די קינדער און די עלטערן, אז די טאטעס ווייסן אלעס וואס דאס קינד האט געלערנט אין חדר. אזוי קען דער פאטער איבערשמועסן וואס דער מלמד האט געלערנט און דערציילט אין חדר, און אויך קען מען צולערנען אויב דאס קינד האט על פי סיבה געפעלט אינמיטן די וואך.

## חומש-רש"י, א שטארקער לימוד

כדי צו באפעסטיגן דעם לימוד פון חומש מיט רש"י, אז די קינדער זאלן דאס קענען גאר גוט, האט מען מסדר געווען בחינות בכתב, וואס די קינדער דארפן אויספילן יעדן זונטאג. דאס ווערט געצייכנט און דערנאך אונטערגעשריבן דורך די עלטערן. דאס ברענגט א געוואלדיגע חשק צווישן די קינדער און זיי באפלייסן זיך גאר שטארק.

## נאך א "בחינה"

צוליב דעם וואוקס פון תלמידים, האט מען אין צוגאב צו די פריערדיגע פארהערער, הרה"ג רבי חיים ארי' כהנא שליט"א ר"מ בישיבת היכל התורה, און הרה"ג רבי משה יוסף ראזענפעלד שליט"א ר"מ בישיבת היכל התורה, אויפגענומען צוויי נייע פארהערער, ה"ה

# הערליכער מסיבת סיום מסכתות קידושין ומכות בהשתתפות רבינו שליט"א, נאָך גרינטליכן פאַרהער ביים רב שליט"א

### רובם ככולם בחורים פארהערן זיך גאנץ מס' קידושין ברציפות בבקיאות נפלא

"הזורעים בדמעה ברנה יקצורו". נאך לאנגע און העכסט-פלייסיגע חדשים פון שווערע חזרות און אייגענע שעות התמדת התורה אין פרייע צייטן, ווען די בחורי חמד פון כיתה ט' חזר'ן איבער אלע בלעטער גמרא פון מס' קידושין וואס מ'האט געלערנט אין לויף פון כיתות ח' און ט', איז געקומען דער גרויסער פארהער, ווען הגה"צ אבד"ק ור"מ שליט"א האט פארהערט די בחורים המצטיינים אויף גאנץ מס' קידושין.

דער פארהער ביים רב שליט"א איז געווען איינגעטיילט אין צוויי משמורות. דער רב שליט"א איז אריבער די גאנצע מסכתא מהחל ועד כלה, גאר גרינטליך און בדייקנות, שווער פארהערט יעדע סוגיא באזונדער, יעדע שקלא וטריא, גמרא רש"י און תוספות, צו זען די פירות פון די שווערע חדשים חזרה.

צום פארהער ביים רב שליט"א האבן זיך געשטעלט רובם ככולם בחורים אויף די גאנצע מסכתא "ברציפות". ד.ה. די גאנצע מסכתא מתחילתו ועד סופו אויף איינמאל. אויך דער קלענערער טייל בחורים האבן זיך געשטעלט צום פארהער צוטיילט אין טיילן, למחצה לשליש ולרביע, און אזוי זיך געלאזט פארהערן די גאנצע מסכתא.

וואס א מינוט שפעטער אינעם פארהער איז דער רב שליט"א ממש נתפעל געווארן צו זען דעם געוואלדיגן בקיאות פון די תלמידים אין די מסכתא. און אז די שאלות ווערן געענטפערט בעל פה, פליסיג און קלאר, ואם יאמר אדם אל תגמגם בו, נאר מיט גרויס בהירות און קלארקייט.

*

באלד נאך יו"ט, דינסטאג פר' נח, איז פארגעקומען א גרויסארטיגע סעודת מצוה וסיום מסכתות מכות וקידושין, וואו עס זענען געווארן געלאדענט די גליקליכע עלטערן, טאטעס און זיידעס פון די חתני המסיימים.

די מסיבה איז פארגעקומען אינעם גרויסן ביהמ"ד פון כיתה ט', וואס איז נתנדב געווארן דורך הרבני הנגיד המהולל מו"ה יצחק זאב פילאף הי"ו, און איז געווען באשיינט בהשתתפות פונעם נשיא המוסדות כבוד קדושת מרן רבינו שליט"א.

הרב ישעי' יצחק רובין שליט"א מנהל אין די תלמוד תורה האט געדינט אלס טשערמאן, זייענדיג א גליקליכער טאטע פון בנו הב' יחיאל נ"י וועלכער האט זיך געלאזט פארהערן די גאנצע מסכותא ברציפות.

על פי הגורל האבן צוויי בחורים וועלכע האבן זיך געשטעלט צום פארהער אויף די גאנצע מס' ברציפות, מסיים געווען מס' מכות און מס' קידושין ברוב עם. ה"ה הב' בערל ראזענפעלד נ"י בן הרה"ג רבי משה יוסף שליט"א ר"מ בישיבת היכל התורה האט מסיים געווען מס' קידושין. און הב' זלמן לייב פאוועל נ"י בן הרה"ח מו"ה מענדל בער הי"ו מחברי הנהלת אולמי מנוחה ושמחה האט מסיים געווען מס' מכות.

צווערשט איז מכובד געווארן הרה"ג רבי משה יוסף ראזענפעלד שליט"א ר"מ בישיבת היכל התורה אויפצוטרעטן מיט א דרשה, זייענדיג א גליקליכער טאטע פון איינער פון די מסיימי מס' קידושין, און א אויסגערופענער מחנך ביי די בחורי חמד אין די ישיבה קטנה. ער האט בתוך הדברים אויסגעדריקט רגשי לבבו, און איבערגעגעבן זיין ערפארונג בחינוך התלמידים וואס איז שטארק נוגע פאר די עלטערן אין די אינגע שנות הבחרות פון זייערע קינדער.

מיט די צענטראלע דרשה האט אויפגעטרעטן דער חשובער מנהל, הרה"ג רבי יודא בער טעללער שליט"א. דער מנהל האט ארויסגעהויבן די שמחה פון די תלמידים נאכדעם וואס מ'האט אזויפיל כוחות אריינגעלייגט צו חזר'ן די לימודים, און יעצט איז מען ביי די בחינה פון ברנה יקצורו, צו שניידן די פירות פון די הארעוואניע.

כבוד הגה"צ דער רב שליט"א האט דערנאך אויפגעטרעטן מיט א התרגשות'דיגע דרשה, ארויסברענגענדיג זיינע הרגשי הלב פון דעם שיינעם מראה וואס ער האט בייגעוואוינט ווען ער האט א לאנגע צייט פארהערט די בחורים אויף די לימודים אין מס' קידושין, וואו זיי האבן געקענט מיט אזא קלארקייט, יעדע שקלא וטריא, יעדע ד"ה פון רש"י, אפילו די וועלכע מ'רופט "א פארשטיפטע רש"י", אלעס האבן זיי געקענט מיט אזא קלארקייט, ממש צום באוואונדערן די געטרייע ארבעט וואס ווערט אריינגעלייגט אין די טייערע בחורים.

מיט יראת הכבוד האט דער גאנצער פארזאמעלטער ציבור זיך צוגעהערט צו די דברות קודש פון רבינו שליט"א, וואס איז געווען איין קייט פון דברי הדרכה בענין חינוך הבנים, פאר די עלטערן פון די אינגע בחורים, און פאר די בחורים זעלבסט, אז יעצט ווען מ'גייט אריין אין די ריכטיגע "בחור'ישע יארן" דארף מען מוסיף זיין בהתמדת התורה ויראת שמים, ראשית חכמה יראת ה', ארבעטן אויף ערליכקייט, אויף אפגעהיטנקייט, אויף מדות טובות מיט איידלקייט און באשיידנקייט, צו האבן סייעתא דשמיא קען מען נאר דורך שמירת עינים און ערליכע מחשבות, און זיך פירן בחסידות וקדושה, נישט זיך פרובירן צו פיצן כדי צו געפעלן פאר אנדערע, נאר אזוי וועט דער קאפ קענען "ליגן אין לערנען" צו פארשטיין די תורה הק' און שטייגן אין עבודות ה'.

דא האט דער רבי שליט"א געוואנדן זיינע ווערטער צו די חשובע עלטערן, וועלכע האבן זוכה געווען צו א גרויסע שמחה אז די קינדער זאלן מסיים זיין און זיך שטעלן צום פארהער אויף צוויי מסכתות אין ש"ס, דארף מען וויסן אז אין די ת"ת און די ישיבה קטנה לייגט מען אריין געוואלדיגע כוחות דורך די מרביצי תורה תלמידי חכמים ויראי ה' אז די בחורים זאלן שטייגן בתורה ויראת ה', דארף מען דערצו מסייע זיין און נישט פרובירן צו צייגן "בעל-בתיש'קייט" אויפן חשבון פון די טייערע בחורים, זיי נישט באפוצן מיט הבלי עולם הזה, דאס איז ממש הבל הבלים.

א טרעפליכן געדאנק האט דער רבי שליט"א נאכגעזאגט: "ווען מ'לערנט אויס א קינד צו מאכן א ברכה, מ'הייבט אן "ברוך", זאגט דאס קינד "אתה", א קינד ווייזט פאר די עלטערן איך גיי אלעמאל א מדריגה ווייטער... וויל איך זאגן פאר די עלטערן, וועט איר זאגן "ברוך", וועט דאס קינד זאגן "אתה", וועט איר צושטעלן די קינדער זאלן זיין כך וכך, דאס קינד וועט נאך מוסיף זיין מדילי', מ'זאל זיך גארנישט זארגן אויף די עניני עולם הזה, זיי פארשטייען זייער גוט, מ'זאל נאר ארבעטן אז די קינדער זאלן זיין איידל און ערליך, און חסיד'יש, און דער רבוש"ע וועט אזוי העלפן אז מ'וועט מצליח זיין למען לא ניגע לריק, אז די כוחות וואס דער פעטער ז"ל האט דא מייסד געווען, און דער טאטע ז"ל האט אזויפיל כוחות אריינגעלייגט, זייער ארבעט, זייערע כוחות, זייערע טרערן, און זייערע תפלות וועלן ווייטער באגלייטן צו ברענגן די ריכטיגע פירות, צו מאכן א פרי למעלה ושורש למטה, מגדל צו זיין די קינדער לתורה לחופה ולמעשים טובים.

מיט ברכת המזון איז נתכבד געווארן הרבני הנגיד מו"ה מנחם גרשון לעבאוויטש הי"ו חבר הנהלת המוסדות, וועלכער לייגט אריין געוואלדיגע כוחות אין די מוסדות הק', און איז געווען א גליקליכער טאטע פון בנו הב' ישעי' נ"י וועלכער האט זיך געשטעלט צום פארהער אויף די גאנצע מסכתא מיט גרויס בקיאות.

די מסיבה האט זיך געשלאסן אין א גאר געהויבענעם אטמאספערע, ובפרט פון די דברות קודש פון רבי'ן שליט"א וועלכע האבן געמאכט א געוואלדיגן רושם אויף אלע אנוועזנדע, און איז דערנאך געווארן אהיימגעשיקט פאר אלע עלטערן למשמרת ולזכרון.




הרה"ג רבי יעקב ישראל כהנא שליט"א בן כ"ק אדמו"ר מקארלסבורג שליט"א, און הרב יואל קליין שליט"א מרבני כולל תורה ויראה ד'סאטמאר.

## גוי צדיק "שומר אמונים"

אין חדר איז איינגעפירט א פראגראם "שומר אמונים". דער פראגראם איז געצילט צו האלטן די קינדער געשפאנט בימי שבתות וימים טובים, ווען זיי דאווענען נעבן די טאטעס אין ביהמ"ד, אז זיי זאלן דאווענען שיין הויך, זיצן מיט דרך ארץ נעבן טאטן, ענטפערן הויך אמן יהא שמי' רבה, אויסהערן קריאת התורה מיט איידלקייט, א.א.וו.

דער פראגראם איז געווארן איינגעשטעלט דורך הרב אלעזר שטיינבערג שליט"א מרביץ תורה אין מוסדותינו הק' אין בארא פארק, וועלכער איז ביי די קינדער גאר שטארק געליבט און געשעצט, און זיי זענען צו אים שטארק אויך נאכדעם וואס מ'פארלאזט זיינע טויערן. — און ווערט אנגעפירט אין חדר דורך הרב אברהם הלוי בערגער שליט"א מרביץ תורה.

## "עמוד" התורה

מיט די התנדבות פון הרבני הנגיד מו"ה אהרן משה שלאגער הי"ו האט די הנהלה רוחניות געלאזט ערצייגן ספעציעלע פריש-דעזיינטע "שטענדער", וואס ווערט גענוצט דורך די חשובע מלמדים אין די קלאסן.

די ניי-ערצייגטע "שטענדער" זענען געמאכט אויף א ספעציעלן אויסשטעל, ס'זאל קענען ווערן צוזאמגעלייגט צו דינען אלס "שטענדער-מיושב", און אויפגעשטעלט צו דינען אלס "שטענדער-מעומד", יעדער מלמד לויט זיין באקוועמליכקייט, "ברצותו מרחיב וברצותו מקצר", צוצושטעלן לויט דעם פארלאנג אין זיין קלאס.

די הנהלה באדאנקט זיך גאר שטארק פארן חשוב'ן נדבן מו"ה אהרן משה הי"ו, וברכתם צרופה צו קענען אויפטוהן נאך אסאך גוטע פעולות לטובה בקרב בית ישראל, ויתברך בברכה המשולשת בתורה לאורך ימים מתוך עושר ואושר.

## אמת קנה

גאר שטארקע כוחות ווערט אריינגעלייגט, מ'פארטיילט קארטלעך פאר די מצטיינים אין מדת האמת, ווי רבינו שליט"א האט דאס מעורר געווען אין די דברות קודש ביים באזוך פארגאנגענעם מיטוואך.

די קינדער האבן באקומען ארבעט... זיי קלויבן שטיקלעך מפי ספרים וסופרים איבער דעם חשיבות פון מדת האמת, זיי ברענגן דאס פאר די מלמדים און מ'איז דאס מפרסם לזכות בהם את הרבים.

## כיתה ח' – לערנען אליינס ספרי חסידות

אויף די בקשה וואס רבינו שליט"א האט שטארק פארלאנגט אין די דברות קודש ביים באזוך אין חדר, אז די קינדער פון כיתה ח', וועלכע קומען שוין נאענט לגיל הבחרות, זאלן זיך אויסלערנען צו לערנען אליינס א חסידי'ש ספר, כדי זיך איינגעוואוינען און מרגיל זיין צו קענען אפלערנען די הייליגע ווערטער פון די צדיקים וקדושים, תלמידי בעשטה"ק זי"ע, וואס מפיהם אנו חיים.

למלאות רצון צדיק האט מען אנגעהויבן מפרסם צו זיין גרינגע שטיקלעך פון חסידי'שע ספרים, וואס די קינדער לערנען פאר זיך, און דערנאך גייט מען דאס איבער מיט די מלמדים, איבערצושמועסן דעם תוכן פון די הייליגע ווערטער.

## כיתה ו' – "חברת ושננתם"

א פלאקער טוט זיך אין כיתה ו', יא, באלד ביים אנהויב פון די שנות הילדות געוואוינט מען צו די תלמידים צו חזרה, צו חזר'ן און געדענקן די אלטע לימודים.

דערפאר איז געגרינדעט געווארן די חברת "ושננתם", צו חזר'ן די בלעטער גמרא וואס מ'האט געלערנט אין כיתה ה' און ו', מ'טיילט מתנות און גורלות, אזוי ברענגט מען אריין דעם חשק שוין ביי די אינגע קינדער צו חזר'ן אלע לימודים, צו זיין ראוי זיך צו פערהערן ענדע יאר אויף א גרויסן כמות בלעטער גמרא.

## ווארט צו די עלטערן:

### כיתה: ד' – ח'

**מנהל: הרב משה אלי' גרין שליט"א**
**מנהל: הרב יואל שטערן שליט"א**

בעזרת ה' גייט אן דער חינוך אין די מוסדות הק' אויפן שטארקסן פארנעם, וואס ווערט ווי פארשטענדליך ערמעגליכט בלויז מיט די הילף פון די עלטערן, דעריבער שפירן מיר אז מיר האבן אן אוזן קשבת צו מעורר זיין אויף די געציילטע נקודות פאר די הצלחה אויף ווייטער.

1. צומאל לייגט מען אריין אסאך כוחות אין חדר אין א געוויסע נושא, דער מנהל זאגט דרשות, די מלמדים פאדערן דאס און ערקלערן דאס חשיבות דערפון, צב"ש א דבר מצוה, חסיד'ישער מנהג, מדות טובות, חזרות אויף געוויסע לימודים, א.ד.ג. און טייל קינדער ברענגען זיך נישט ארויס בטבע, אזוי קומט אויס אז די עלטערן ווייסן ניטאמאל דערפון. דארף מען זיין אויפמערקזאם אז ווען א קינד דערמאנט אינדערהיים א ווארט איבער א גוטע נקודה אדער מדה טובה, איז דאס בלויז א "שילד", אונטער דעם קען ליגן אן אריכות פון כוחות און שעות הארוואניע. זאל מען אים פונקטליך אויספרעגן און ארויסציען וואס ער ווייסט דערוועגן, און דאס מחזק זיין און באגלייטן.
2. דאס מציאות אין חדר איז, אז אין די זומער חדשים קומט מען זונטאג עטוואס שפעטער ווי ווינטער, צוליב דעם שפעטן זמן מוצאי שב"ק. למעשה ביי טייל משפחות איז גאר פארקערט, אז ווינטער לייגט מען זיך שפעטער צוליב די לאנגע מלוה מלכה וואס מ'פראוועט משפחה ומשפחה. זאל מען אין באטראכט נעמען אז דאס איז אויפן חשבון פון די לימודים פון די קינדער אום זונטאג, און צומאל איז דאס יצא שכרו בהפסדו.
3. פאראן עלטערן וואס האלטן זיך אפ פון רופען דעם מלמד אדורכצושמועסן די אויפפירונג פון זייער קינד. מ'קלערט אז מ'וויל נישט באמיטשען און נודזשען, אדער ווען אלעס איז אין ארדענונג. אבער למעשה דערלייגט מען גאר אסאך פון נישט רופן. ווען א מלמד זעט אז דער טאטע שעצט די ארבעט אין זיין קינד, אפילו ווען ס'איז נישטא קיין פראבלעמען, איז דאס מענטשליכע מציאות אז מ'פרובירט אריינצולייגן מער כוחות. און ווען דער מלמד הערט צוריק אז דער טאטע שעצט זיין ארבעט דערקענט זיך דאס אויפן קינד און בלויז דער טאטע האט דערפון הנאה. דאס זעלבע פארקערט, ווען מ'האלט זיך צוריק פון רופן קען דאס בלויז ברענגן עגמת נפש פאר די עלטערן.

מיר האפן אלע צו השי"ת צו קענען ווייטער מחנך זיין די קינדער על דרך התורה והיראה, אויסצושטייגן גדולים בתורה, יראי ה' וחושבי שמו.

**המנהלים**

## הלכות: "דרך החיים המבואר"

### פון כיתה ו' ביז נאך כיתה ט'

ווי באקאנט האט רבינו הקדוש מרן בעל דברי יואל זי"ע דער מייסד המוסדות מתקן געווען אז די קינדער אין תלמוד תורה זאלן לערנען הלכות אינעם ספר דרך החיים, פון זיין גרויסן זיידן הגאון בעל חות דעת זצוק"ל. דער רבי זי"ע האט דאס מערערע מאל ערוועגט ביים אסיפות מלמדים אין לויף פון די יארן.

ווי ס'האט זיך אבער ארויסגעשטעלט, איז דער לשון אין דרך החיים געשריבן זייער בקיצור, און אויף אן אופן וואס איז נישט אזוי היקף'דיג פאר די תלמידים וועלכע לערנען די הלכות צו געדענקן אויף זייער גאנץ לעבן, און פילע הלכות פון שולחן ערוך און די נושאי כלים ווערן בכלל נישט דערמאנט.

אין אנדערע מוסדות האט מען טאקע אויסגעקליבן צו לערנען אין אנדערע ספרי קיצורי הלכות, ווי אין קיצור שו"ע אדער משנה ברורה א.ד.ג. אבער ווען די מנהלים האבן פארגאנגענעם יאר אנגעפרעגט בדעת קדשו פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, האט דער רבי שליט"א באלד גע'פסק'עט אז מ'קען זיך נישט אוועקרירן פון דעם וואס רבינו הק' זי"ע האט מתקן געווען אין חינוך הבנים.

דער רבי שליט"א האט געבעטן א צייט מעיין צו זיין אין די נושא, און נאך עטליכע טעג איז אויפגעקומען א דאפעלטע לעזונג, צו מסדר זיין א "דרך החיים המבואר", צו משפר זיין און ממלא זיין דעם לשון פון דרך החיים, דורך אריינפילן די הלכות וואס זענען נישט מבואר אין דרך החיים, און דורך דעם רייכער מאכן דעם אינהאלט פון זיינע הייליגע ווערטער מיט אלע וויכטיגע הלכות וואס איז שייך פאר די תלמידים, און דאס לערנען צווישן די ווערטער פונעם דרך החיים.

נאכדעם וואס דער רבי שליט"א האט מיט שמחה אויפגענומען די הצעה, איז נתמנה געווארן אחד מיחידי המורים אין די קהלה קדושה, הרב הגאון המפורסם רבי אברהם זאב שנעעבאלג שליט"א מורה צדק בקהלתינו הק' ומחבר ספרי ארחות חיים אויף שו"ע או"ח.

דער דיין שליט"א, זייענדיג א שטארקער בקי און ידען נפלא אין אלע פרטי הלכה, טוט ער א מעשה ידי אומן נפלא, געשריבן אויף א לייכטן שפראך, בקיצור, בלויז צו ערפילן דעם חלל וואס פעלט אין דרך החיים, און אלעס געפלאכטן אין די ווערטער פונעם דרך החיים, למען ירוץ בו הקורא.

דער סדר הלימוד אין הלכה האט מיט דעם "דרך החיים המבואר" באקומען א פרישע צורה, די קינדער לערנען דאס מיט חשק, און די מלמדים לערנען דאס פאר מיט הבנה און ברייטע פארשטאנד, און אלע הלכות ווערן נקבע אין די הערצער פון די תלמידים.

אין די סעיפים וואס דער דרך החיים איז מאריך אין איין לאנגן המשך, ווי צ.ב.ש. אין הל' פורים, ווערט דער סעיף צוטיילט אויף קלענערע סעיפים, און אלע הלכות ווערן אריינגעלייגט, דבר דבור על אפניו.

ווען די מנהלים שליט"א האבן געצייגט די גליונות פונעם "דרך החיים המבואר" פארן רבי'ן שליט"א, האט ער געוואלדיג מפליא געווען דעם סגנון הלשון און לייכטער סדר מיט וואס די הלכות זענען געשריבן, און אויסגעדריקט זיין געוואלדיגע קורת רוח צו די שלימות'דיגע ארבעט פונעם דיין רבי אברהם זאב שליט"א וואס דורך דעם קען מען זיך ווייטער האלטן צו די הוראה פון רבינו הק' זי"ע צו לערנען את דר"ך עץ החיי"ם.

דער לימוד פון הלכות אין "דרך חיים המבואר" ווערט דורך דעם ערליך אנגעהאלטן מדי שבוע בשבוע. יעדע וואך ווערט פארהערט די הלכות צו פארזיכערן אז די קינדער קענען די וויכטיגע הלכות וואס איז נוגע מדי יום ביומו אינעם תהלוכות החיים פון א אידיש קינד.

אזוי אויך ווערט יעדע צוויי חדשים געגעבן א בחינה אויף אלע הלכות וואס מ'האט געלערנט אין די לעצטע חדשים, אזוי געדענקן די קינדער גוט אלע הלכות, לשמור לעשות ולקיים.

דערווייל האט מען שוין אדורכגעלערנט די וויכטיגע הלכות פון ברכת השחר, נטילת ידים שחרית, הל' תפלין, משיב הרוח ומוריד הגשם, ותן טל ומטר, חודש אלול, הל' ראש השנה, הל' יום כיפור, הל' סוכות, הל' פורים, הל' פסח, און אזוי ווערט געלערנט יעדן זמן די הלכות פון די ימים טובים פון דעם זמן, און ביי געוועונליכע חדשים איז מען ממשיך אין או"ח ח"א, לדעת הלכות שבכל יום ויום מיט א קלארקייט.




## כיתה ד' קאָכט און זידט: "איזהו מקומן של זבחים"...

### בעסטע הכנה ביז מ'הייבט אן לערנען גמרא

ביז היינט איז געווען איינגעפירט, אז אין כיתה ג' לערנט מען עטליכע פרקים משניות אין מס' ברכות, און ווען די קינדער ווערן עלטער און גייען אריין אין כיתה ד', ווארט מען אויף ביז נאך חנוכה אנצוהייבן לערנען גמרא, און דערווייל טוט מען דאס פארקערטע פון "מעלין בקודש", און מ'לערנט נישט (דעם קינדערישן לימוד...) קיין משניות.

אבער ווידער דאס לערנען גמרא הויבט מען אן הערשט בערך חנוכה צייט, ווען דער קאפ פון די קינדער איז שוין עטוואס רייפער און פארשטענדליכער, און אינצווישן גייט אדורך עטליכע חדשים בלויז מיט לערנען חומש-רש"י, און ס'איז באמת א שאד נישט אויסצונוצן די טייערע צייט.

האט מען איינגעפירט אז די ערשטע חדשים פונעם ווינטער לערנט מען אין כיתה דעם פרק איזהו מקומן אין מס' זבחים.

ס'איז באקאנט דאס גרויסקייט פון דעם פרק, ווי דער הייליגער מחבר זאגט אין שו"ע (סי' נ' סעי' א') אז מ'האט ספעציעל קובע געווען צו זאגן יעדן טאג משנת איזהו מקומן (צווישן פרשת התמיד און ברייתא דר' ישמעאל), כדי יעדער מענטש זאל יעדן טאג לערנען מקרא (פרשת התמיד), משנה (איזהו מקומן) און גמרא (ברייתא דר' ישמעאל).

אויך איז באקאנט אז דער הייליגער חוזה פון לובלין זי"ע האט איינמאל אינמיטן נעמען קוויטלעך מפסיק געווען און זיך פארשלאסן אין שטוב, און זיך גענומען עוסק זיין אין משנת איזהו מקומן. אויף די פראגע פון די תלמידים האט ער געזאגט, אז דעריבער האט ער מפסיק געווען פון נעמען קוויטלעך, ווייל זיין גאנצן כח צו ווינטשן פאר אידן איז נאר דורך די תורה, און דעריבער האט ער געוואלט עוסק זיין בתורה, און דער פרק איזהו מקומן איז דער איינציגער פרק אין גאנץ ש"ס וואו ס'איז נישט פאראן קיין איין מחלוקה צווישן צוויי תנאים, איז דאס דעריבער געוואלדיג מסוגל אויף אלע גוטע ענינים.

מ'האט אין חדר אויפגעשטעלט פון שפילצייג א הערליכן "מזבח" מיט אלע "פיטשעווקעס", דער יסוד, דער כבש, דער סובב, די קרנות, אז די קינדער זאלן פונקטליך פארשטיין דעם גאנצן הלוך-ילך. מ'האט געלערנט די משניות פון אינעווייניג, און דאן אויסגעשמועסט אלע פרטים, די טעמים אויף יעדע נקודה, די סארט קרבנות, פארוואס איז מתן דמים שתים שהן ארבע, און די קינדער באקומען א ברייטע ידיעה אין די יסודות פון קדשים, וואס וועט זיי בלייבן איינגעקריצט אויף שפעטער.

איבריג צו זאגן, אז נאכ'ן לערנען דעם פרק "איזהו מקומן" און דאס קענען בעל פה, וועלן זיי יארן שפעטער וויסן דעם דיפרענץ פון "פר ושעיר של יום הכפורים" און "פרים הנשרפים ושעירים הנשרפים", וואס פילע עלטערע פון זיי ווייסן נישט...

# כיתה: א' – ג'

### מנהל: הרב חיים ראובן שעהנברוין שליט"א

## "די מדה פון די וואך"

ביי די אינגע כיתות פון א' ב' און ג', איז איינגעפירט אין תלמוד תורה, צו לערנען מיט די קינדער יעדע וואך א באזונדערע מדה, וואס מ'קען זיך אפלערנען פון די סדרה פון די וואך. דער פראיעקט האט זיך ב"ה זייער גוט איינגעגעבן, און מ'זעט ב"ה אז די קינדער נעמען דאס אויף מיט די גרעסטע מאָס ערנסטקייט.

אין לויף פון די וואך לערנט מען מיט די קינדער די מדה מיט אלע פרטים, מ'גיט דאס זיי צו פארשטיין לויט זייער פארשטאנד און כשרונות, צולייגט 'אויף קליין געלט', מיט מעשיות און הלכות, א.ד.ג. וואס דאס גיט זיי דעם פארשטאנד פון די מדה אדורך און אדורך.

יעדער מלמד ביי זיך אין קלאס רעדט צו די קינדער איבער די מדה, ער איז מאריך אין די פרטים וואס איז שייך צו די מדה פון די וואך. אזוי אויך רעדט דער חשוב'ער מנהל הרב חיים ראובן שעהנברוין שליט"א יעדן טאג אין עס-זאַל צו די קינדער איבער די מדה פון די וואך, ער איז זיי דאס מסביר בנועם שפתיו, און לייגט דאס אריין אין די אינגע מוחות מיט א צוגעגנגליכע שפראך אז זיי זאלן דאס גוט פארשטיין.

דערביי ווערט ארויסגעהאנגען אין אלע קארידארן פון די קליינע קינדער אפטיילונג, בילדער איבער די מדה פון די וואך, אז די קינדער זאלן דאס זען פאר די אויגן, און זיך דאס איינ'חזר'ן אין לויף פון די וואך.

דאס ווערט געמאכט מיט א געוואלדיגע "צוזאמענארבייט" פון די חשוב'ע עלטערן, דורכדעם וואס די עלטערן אינדערהיים פּאַסן אויף אויף דאס קינד'ס באנעמונג, און זעען ב"ה מיט פרייד, ווי דאס קינד פרובירט דאס מערסטע ווי נאר מעגליך צו קענען אנקומען ווי העכער אין שלימות פון "די וואכעדיגע מדה".

אריינקומענדיג אינעם קארידאר פון די קליינע קינדער, איז מקבל פנים א ריזן טאוועל, מיטן בילד פון די ת"ת, און אין יעדע פענסטער איז אויפגעצייכט די מדה פון די וואכן, וואס די קינדער זעען בבואם ובצאתם, נכנס ונתקל בו יוצא ונתקל בו...

פר' נח האט מען געלערנט די מדה פון נישט גנב'נען, (לא נחתם גזר דינם אלא על הגזל), פר' לך לך די מדה פון מסירות נפש (אברהם בכבשן האש), פר' וירא די מדה פון הכנסת אורחים (מדתו של אברהם), פר' חיי שרה די מדה פון גמילות חסדים (שרה אמינו מיט די גמלים), פר' תולדות די מדה פון התנהגות האכילה (הגמיאיני נא מן האדום האדום הזה...), פר' ויצא די מדה פון נישט נקמה נעמען (יש לאל ידי לעשות עמכם רע), פר' וישלח די מדה פון חברותא (יעבר נא אדוני לפני עבדו ואני אתנהלה לעתי), פר' וישב די מדה פון קנאה (ויקנאו בו אחיו), א.א.וו.

## קונטרס "שערי לימוד"

אין כיתה ג' ווערט ארויסגעגעבן יעדע ענדע וואך א העכסט אינהאלטסרייכער קונטרס "שערי לימוד", מיט גאר אקטועלע לימודים פון די פרשה פון די וואך, און דארט ווערט ברייט ארומגערעדט פון "די מדה פון די וואך". דער קונטרס ווערט אהערגעשטעלט דורך דעם בארימטן מלמד הרב יוסף שאול ליכטנשטיין שליט"א.

דער גאנצער קונטרס איז "געפינטעלט", מיט שיינע נקודות, וואס ברענגט א צוויי פאכיגן אויפטוה, סיי אז דורך דעם קענען דאס די קינדער ליינען פאר זיך, און סיי אז דורך דעם לערנט מען זיך בעסער אויס צו ליינען מיט נקודות, חזר'ן די ווערטער, און צוזאמשטעלן גאנצע פאראגראפן.

אין דעם קונטרס "שערי לימוד" איז צווערשט פאראן עטליכע דברי תורה פון הייליגע צדיקים, א ברייטער שמועס איבער די "מדה פון די וואך", מיט שיינע ענינים פון ספרים הק', א מוסר שמועס מיט סיפורים צדיקים אויף די "מדה פון די וואך", קורצע הלכות און הנהגות טובות וואס מ'לערנט זיך אין די "מדה פון די וואך", מעשיות פון צדיקים איבער די "מדה פון די וואך", און נאך פיל גאר אינטערעסאנטע ענינים פאר די קינדער.

דער קונטרס גיט דאס קינד א גוטע געלעגנהייט איינצהאנדלען פארשידענע וויכטיגע ידעות און ער קען דאס לערנען אין די פרייע צייט. עס ברענגט אריין הבנה אין די שרשים און שמושים, ער זאל פארשטיין וואס ער רעדט. און אז מ'שמועסט שוין, דארף מען אויסניצן די געלגנהייט אויפמערקזאם צו מאכן אז די טאטעס דארפן אביסל ארויסהעלפן די קינדער אינדערהיים זיי זאלן זיך איינקויפן די ידיעות.

לעצטענס האט מען דאס אויסגעברייטערט און צוגעלייגט שאלות-ותשובות צו פארשטיין בעסער די פסוקי החומש, אז די עלטערן זאלן ארויסהאבן דעם תוכן וויאזוי די קינדער האבן געלערנט די פסוקים אין חדר, און אזוי פארהערן אינדערהיים. דער טייל ווערט מסודר מיט גרויס קלארקייט דורך דעם מלמד מומחה רבות בשנים הרב שמואל דוד מאשקאוויטש שליט"א, און האט זיך ארויסגעשטעלט אלס געוואלדיגער תועלת.

## קמ"ץ אלף אָ... מלאפו"ם תיו, תוּ...

אין כיתה א' האט מען שוין געענדיגט ב"ה דאס גאנצע א"ב מיט אלע נקודות, יעצט גרייט מען זיך שוין מיט גרויס שפאנונג אויף די וואך פון חנוכה ווען מ'וועט בעז"ה אנהייבן לערנען עברי, צוזאמשטעלן און אויסליינען גאנצע ווערטער. אוי וועט דאס זיין געשמאק...

## זאגט די הייליגע תורה...

אין כיתה ב' האט מען שוין אנגעהויבן אין א גוטע שעה לערנען עטליכע פסוקים חומש, ס'איז א תענוג אדורכצוגיין אין די קארידאר און הערן ווי די צאן קדשים זינגען די פסוקי חומש, וואס צעגייט זיך אין די ביינער.

א ספעציעלער דגוש ווערט געלייגט אויף הבנה, אז די קינדער זאלן פארשטיין די פסוקים. אויב א מלמד דערשפירט אז א קינד דארף סיי-וועלכע הילף, ווערט דער מנהל באלד אינפארמירט דערפון און מ'באגלייט דאס קינד צו באקומען די נויטיגע הילף צו קענען מיטהאלטן אין קלאס מיט די אנדערע קינדער.

אין כיתה ג' לויפט מען אויך איבער די כללים פון "עברי", צו זען אויף יעדעס קינד איז גוט אויסגעקאכט דערמיט, און איז נישט פארבליבן שוואך פון די פריערדיגע יארן אין כיתה א' און ב'.

## ווארט צו די עלטערן:

### כיתה: א' – ג'

### מנהל: הרב חיים ראובן שעהנברוין שליט"א

אלס מנהל פון די קלענערע דרדקי קינדער, שפירן מיר פאר וויכטיג מעורר צו זיין אויף געוויסע נקודות, און מיר האפן אויף די פארשטענדעניש פון די עלטערן.

1. **פארהערן:** ס'איז זייער וויכטיג אז מ'זאל פארהערן דאס קינד שב"ק, און שרייבן א צעטל פארן מלמד וויאזוי ער האט געקענט. דער מלמד לייענט די צעטליך און הייבט ארויס וויאזוי דאס קינד האט געקענט, און ווי פארשטענדליך גיבט דאס חיזוק אויף ווייטער. דאס זעלבע פארקערט, ווען אלע קינדער ברענגען פאזיטיווע צעטליך, און איין קינד איז אן אוסנאם, קען דאס גורם זיין אפצושוואכן זיין חשק.
2. **רעספעקט פאר מחנכים:** אלס יסוד גדול אין חינוך הבנים איז דער אופן וויאזוי מ'רעדט פון א מלמד אדער מחנך בכלל, און פונעם קינד'ס מלמד בפרט. אין געגנווארט פונעם קינד זאל מען רעדן מיטן גרעסטן מאס דרך ארץ. מיר פאדערן פון יעדעס קינד די פולסטע מאס רעספעקט און דרך ארץ, און אויב מ'רעדט מיט זלזול פון די מחנכים בפניו ברענגט דאס אריין א פארקערטע השפעה ח"ו. דארפן די עלטערן זיין געווארנט צו רעדן מיט גרעסטן מאס כבוד פון זייערע מחנכים.
3. **פארשטענדעניש:** צומאל קענען קינדער גאר שטארק מגזם זיין אן עונש וואס זיי האבן באקומען, און זעלבסט פארשטענדליך פארקלערנען די סיבה פונעם עונש, און די טבע פון עלטערן איז צו גלויבן זייער קינד און ס'דערוועקט זיך אין זיי דאס רחמנות אויפן קינד און דאס בויעט אן אומצוטרוי צום מלמד, אבער נאכ'ן אדורכרעדן מיטן מלמד שטעלט זיך געוויינליך ארויס גאנץ אן אנדער בילד. איז דערפאר דער ריכטיגער וועג אז מ'זאל דאס בעפאר אדורכרעדן מיטן מלמד אדער מנהל, און דאס ריכטיג באהאנדלען אז ס'זאל נישט האבן חלילה א שלעכטע השפעה אויפן קינד.
4. **ריסעס:** די קינדער באקומען ב"ה אין חדר פולע מאלצייטן. פרישטאג, מיטאג, און סנעקס. איז ראטזאם צו שיקן וואס ווייניגער ריסעס, און קיין נאש איבערהויפט נישט, ווייל אז דאס קינד עסט זיך אן מיט די ריסעס נעמט דאס אוועק דעם אפעטיט פון עסן די נאטורליכע מאלצייטן, און ס'נעמט אוועק דעם קאפ פון לערנען.

זאל דער רבוש"ע שיקן אסאך תענוג ונחת פאר אלע עלטערן פון זייערע קינדער עד זקנה ושיבה.

**המנהל**




## שטייט אין פסוק... זאגט די הייליגע רש"י...

אין כיתה ג' הילכט שוין אפ יעדע וואך די דריי-פיר פסוקים רש"י וואס מ'לערנט. די קינדער חזר'ן דאס אזוי זיסלעך און בא'טעמ'ט, מתוקים מדבש ונופת צופים.

מ'גרייט זיך שוין אנצוהייבן לערנען משניות, וואו מ'וועט בעז"ה לערנען 4 פרקים משניות און דאס לאזן פארהערן בעל פה.

## כיתה ג' – שיינע ידיעות

א גוטער איינפיר האט מען היי-יאר איינגעשטעלט אין כיתה ג'. יעדן אינדערפרי ביי פרישטאג הערן די קינדער פון הרב נתן מאיר ליכטנשטיין שליט"א ווי ער דערציילט פארשידענע ידיעות פון די פרשת השבוע, פון מדרשים און סיפורי צדיקים, און סתם אינטערעסאנטע ענינים וואס ציהט זייער נייגער, און הערן דאס אויס מיט דארשט.

## פרישע כוחות אין "שיין שרייבן"

גאר אסאך כוחות איז געווארן ארייגעלייגט אויפצוארבעטן דעם לימוד פון "שיין שרייבן" ביי די אינגע קינדער.

ס'איז געווארן אויפגענומען הרה"ג רבי ברוך מרדכי ליכטנשטיין שליט"א, דער לאנגיעריגער מרביץ תורה און מחנך נפלא, וועלכער איז ברייט באקאנט מיט זיינע קענטעניסן אין אידיש-שרייבן און ווערטער-אויסלייג. אין לויף פון זיינע לאנגע חינוך יארן האט ער שוין ארויסגעגעבן פילע ספרים אין אידיש וואס ווערט געלערנט אין די בתי חינוך אלס ספרי יסוד צו ערליכע ליין-מאטריאל.

די הנהלת הישיבה האט ספעציעל געלאזט שרייבן א נייעם אות דורכ'ן קאמפיוטער, כדי צו פארגרינגערן פאר די קינדער ביים זיך לערנען שרייבן, אז מ'זאל זיך גרינגער קענען צוגעוואוינען און נאכשרייבן.

## וואס טוט מען ביי "לאנטש"?

נאך א גוטן איינפיר האט מען איינגעשטעלט, צו פארמיידן קריגערייען און צייט שטופעריי ביי די קינדער, און מוסיף זיין אחדות און אהבת חברים, אז די קינדער קענען נעמען "געימס" צו שפילן אין די פרייע צייטן, אז זיי זאלן זיצן מיט דרך ארץ אין די קלאסן, און נישט ארומלויפן ליידיג.

## ניתי ספר וניחזי

פאר די מלמדים איז געווארן צוגעשטעלט א "אוצר הספרים", מיט פילע מאטריאל פון ספרי הליקוטים וסיפורי צדיקים, צו קענען דערפון נעמען חומר נאכצוזאגן פאר די תלמידים. עס זענען פאראן דארט אזעלכע ספרים ווי ספר המדות, מנורת המאור, ילקוט מעם לועז, אוצר פנינים, כבוד שבת, אוצר אגדות חז"ל, יציאת מצרים אין אידיש, דער מדרש דערציילט, ספר ימים טובים אויף אידיש, אוצר השבת, אוצר המועדים, און אנדערע ספרים אויף קדושת השבת, א.א.וו.

## גדולה הכנסת אורחים

ס'איז נארוואס געוועזן פר' וירא, האט מען פאר די קליינע קינדער געברענגט דעם "הכנסת אורחים ווען", דורך דעם וועד להכנסת אורחים, אין שפיץ פון הרה"צ בנש"ק רבי ברוך האלברשטאם שליט"א.

דער "ווען" איז געקומען אין חדר אנגעפילט מיט עסן און טרינקן, בעט געוואנט און אנדערע געצייג, און די קינדער האבן געזען ווי מ'איז מקיים מצות הכנסת אורחים אין די היינטיגע צייטן. די הנהלה האט זיך גאר שטארק באדאנקט פאר הרב ברוך שליט"א, פאר זיין טירחא.

## כיתה: פרי קינדערגארטן – נוירסערי

### מנהל: הרב ישעי' יצחק רובין שליט"א

## כן ירבה וכן יפרוץ

ווען מ'וויל נאר אנהויבן א שמועס מיטן מנהל הרב ישעי' יצחק שליט"א, איז דאס כמעט אוממעגליך, יעדע ווייל קלאפט מען אויף די טיר מיט א ניי קינד איינצושרייבן אין מוסד, בלי עין הרע.

אויף אונזער פראגע איבער דעם צאל נייע קלאסן, זאגט אונז דער מנהל אויס בסוד, אז בלויז אין די לעצטע נוירסערי אליינס, האבן אין די חדשים פון אלול ביז חשון זיך געעפענט גאנצע 4 נייע קלאסן, און אזוי וואקסט יעדן חודש דער ציפער פון נייע תלמידים. כן ירבה וכן יפרוץ.

## "בעסטע" אדער "גרעסטע"?...

דער מנהל לאזט פאלן א הערה, איבער די בקשה פון רבי'ן שליט"א אז "די מוסדות דארפן נישט זיין די גרעסטע נאר די בעסטע", אז די הנהלה האט פון די ערשטע מינוט זיך צוגעשטעלט צום צווייטן טייל פון די הארציגע בקשה און מ'פרובירט מיט אלע כוחות אז "די מוסדות זאלן זיין די בעסטע", אבער לויט דעם מספר פון נייע קינדער וועלכע קומען אריין יערליך איז בכלל נישט זיכער אויב מ'וועט קענען אויספירן אויך דעם ערשטן טייל...

## הרחבת הדעת אינעם נייעם בנין

דאס ערשטע וואס דער מנהל שפירט אלס חוב ארויסצוהייבן, איז דאס "הרחבת הדעת" אין חינוך וואס איז ערמעגליכט געווארן דורך דעם נייעם בנין: "דער נייער בנין ברענגט א געוואלדיגער הרחבת הדעת אין יעדן פרט, אז אלעס האט זיך אנגעהויבן מיטן רעכטן פוס".

ביז יעצט איז אלעס געווען געוואלדיג געדריקט, ובפרט ביי די

## ווארט צו די עלטערן:

### כיתה: פרי נוירסערי – קינדערגארטן

### מנהל: הרב ישעי' יצחק רובין שליט"א

ב"ה אז אונזער סטעף לייגט אריין געוואלדיגע כוחות אין די קינדער אנצוהייבן די התחלה פון זייער לעבן "מיטן רעכטן פוס", געבויעט מיט קענען די אותיות התורה, די פרשה, ניגונים און מדות טובות וואס מ'לייגט אין זיי אריין. איז נאר אין פלאץ צו ערקלערן די עלטערן אויף די געציילטע פונקטן.

1. **שאלה צעטל:** מיר ווילן דאס פארלייגן מיט דערדריקנדע פראגעס וואס עלטערן פרעגן. וואס איז דער באדייט פון א שאלה צעטל בכלל און ביי קינדערגארטן בפרט? דארף מען דאס קענען אינעווייניג? אויסענווייניג? אויב מיין קינד קען דאס נישט מיינט דאס אז ער דארף הילף? און פארוואס האבן די קינדערגארטן אזוי פיל שאלות? 'מיר' האבן נישט געלערנט די אלע זאכן אין די קינדער יארן, פעלט אונז דען עפעס? וואס וויל מען פון די קינדער?

דער ענטפער איז פשוט! א קינד וואס קומט אין חדר ביי די 3, 4, 5, יאר נאך בעפאר ער קען עברי, איז כדי דאס קינד זאל מיטהאלטן מיט אינטערעסע און זאל זיין פאראינטערעסירט, וואס דאס איז זייער וויכטיג ביי דעם יארגאנג. ווייל אויב א קאפ שטייט ליידיג ברענגט דאס נישט קיין גוטס. דעריבער האבן מיר צוגעשטעלט גאר א רייכן פראגראם צו וואס די קינדער האבן חשק. יעדן טאג דערציילט דער מלמד נאך א שיינע זאך מיט א פרישקייט, און כדי דאס צו מאכן אינטערעסאנט איז צוגעשטעלט פאר יעדע זאך א בילד, אזוי פארשטייט דאס קינד בעסער.

אויף די פראגע וויפיל דארף דאס קינד קענען איבערזאגן, איז אזוי: פאראן קינדער וואס זענען בטבע בעלי דרשנים און האבן חשק צו רעדן מער, און אנדערע קינדער זענען מער שטילער. דאס ווענדט זיך אסאך אין די צוהערהער וויפיל אינטערעסע זיי צייגן ארויס אים צו הערן.

גענוי ווי יעדע טאטע-מאמע ווילן וויסן וויאזוי זייער קינד פארברענגט א גאנצע וואך צווישן די ווענט פון חדר, אזוי וויל יעדער מלמד לאזן וויסן וואס ער האט פארגעשטעלט די וואך אין חדר, דעריבער שיקט מען סוף וואך אהיים די פרשה-צעטל, אויף פארשידענע אופנים אלעס כדי ארויסצוברענגען דעם אינהאלט פונעם קינד, מ'זאל ארויסבאקומען פון אים וואס ער ווייסט לויט זיין מעגליכקייט.

אבער, א קינד אין די יארן האט זייער ליב צו דערציילן זיין טאג אין חדר "ארגינאל" וואס ער געדענקט, דעריבער שטעלט מען צוזאם א פרשה-ביכל יעדע וואך פון אלע בילדער וואס מ'קען מסביר זיין פאר א קינד פון אלעם וואס מ'לערנט, און דאס ברענגען צו זיין פארשטאנד, די קינדער קוקן אינעווייניג אין "חומש'ל" ווען זיין רבי דערציילט און איז דאס מסביר, אזוי ארום קען ער דאס זייער גוט נאכדערציילן אן דעם וואס מ'זאל אים בכלל אויספרעגן.

איז פארשטענדליך, אז די שאלה-צעטל איז בלויז לויט דעם סדר וויאזוי דער מלמד האט דאס געלערנט, אבער אין חדר מען פרעגט נישט די שאלות און תשובות, ווייל ווען א מלמד גייט מיטן שאלה צעטל אויפן סדר איז דאס נישט אינטערעסאנט פארן קינד און דאס זעלבע אינדערהיים.

דער תכלית פון די שאלה צעטל איז בלויז, אז מ'זאל דאס אדורכקוקן איידער מ'פרעגט דאס קינד, דאן הייבט אן פרעגן פון דא און דארט. "וואס האט דער רבי פארציילט מיט דעם ענין"? דאס וועט מאכן פארן קינד ער זאל אנהייבן דערציילן. ווען ער הייבט שוין אן גייט דאס שוין בעסער. נאכאמאל, מ'דארף נישט קענען, עס איז א שאד די צייט צו פארזיכערן אז דאס קינד קען אלע תשובות פונקטליך מיט די שאלות. ער איז בסך-הכל קוים דריי יאר, דער עיקר איז די ידיעה ארום און ארום, געוועגטליך פון רעדן ארום א זאך עטליכע מאל כאפט דאס קינד אויף וויפיל ס'איז איהם אינטערעסאנט און דאס וועט ער דערציילן.

אבער ס'איז זיכער אז זיך מאכן קאפ-ווי דערפון אז דאס קינד קען נישט, ער ענטפערט נישט, דאס איז נישט ריכטיג. אין קינדערגארטן מאכט מען דאס קינד פרייליך ער זאל אויפנעמען אלעס מיט חשק און מיט ליבשאפט גיין אין חדר, און אזוי צייגט זיך איבער אז די קינדער נעמען זיך רעדן ווען עס איז נישט דא קיין פרעשור פון די זייט.

2. **קינדער'ס חברים:** עלטערן אינטערעסירן זיך כסדר ווער זענען מיין קינד'ס חברים. באמת איז דאס כמעט נישט שייך ביי דעם יארגאנג, ביז מ'ווערט עלטער בערך 7-8 יאר. די קינדער שפילן זיך זייער אסאך צוזאמען, יעדן טאג מיט א צווייטן. ווען איר פרעגט א קינד ווער איז זיין חבר וועט ער כמעט נישט ענטפערן מיט א נאמען, נאר זאגן "איך ווייס נישט", "איך האב נישט". נישט דאס איז די ארבייט וואס שטעלט צופרידן א קינד, די געטרייע מלמדים פרובירן כסדר אז די קינדער זאלן זיך שפילן איינער מיטן צווייטן באהבה ואחוה און נישט איינזאם, אבער "מיט וועם" איז בכלל נישט קיין טעמע, נישט פארן קינד און נישט פאר די חברים.

א קינד האט ליב צו רעדן פון זיין רבי און פון א קינד וואס דער מלמד האט ארויסגעהויבן יענעם טאג צווישן די קינדער, צי איז דאס ביי א שמחה אדער א גוטע אויפפירונג, א מצוה-צעטל אדער דאס פארקערטע ח"ו, אבער אין אלגעמיין וועט ער נישט רעדן פון א צווייט קינד. געדענקט חברים כל ישראל...

3. **ריסעס:** מ'בעט כסדר נישט צו שיקן אין חדר זאכן וואס ברענגען קנאה ושנאה צווישן קינדער. כמעט אלע עלטערן אנערקענען אז דאס ברענגט נישט קיין גוט'ס, נישט פארן קינד און נישט פאר די חברים. נאש איז נישט געזונט נישט בגשמיות און נישט ברוחניות!

א שיין געפאקטע פעקל געקויפט אפילו נאר "פאטעיטע טשיפס" איז גאר אנדערש ביים קינד ווען די מאמע לייגט דאס אריין אין א פשוט'ן בעג ספעציעל פארן קינד, און דאס נעמט נישט ארויס די אויגן ביי אנדערע קינדער, אבער ווען עס קומט אין דעם געקויפטן בעג ברענגט דאס קנאה ביי אנדערע קינדער, וד"ל.

4. **שפילצייג:** קינדער ברענגען לעצטנס "סעל-פאונס", סיי שפילצייגן סארט אדער אלטע טעלעפאנען וואס ארבייטן שוין נישט. די טוי-טעלעפאנען האבן על פי רוב נישט קיין שיינע בילדער ר"ל, און אפילו מ'דעקט דאס צו באלאנגט דאס נישט ביי א קינד אין די האנט, און זיכער נישט צו ברענגען אין חדר. ווידער א טעלפאן וואס ארבייט שוין נישט, די אנדערע קינדער ווייסן נישט אז דאס ארבייט שוין נישט, און מארגן כאפט ער צו דעם טאטנ'ס סעלפאן און ער ברענגט דאס אין חדר ווייל זיין חבר האט אויך. דארף מען וויסן, א טעלעפאן זאל א קינד נישט ברענגען אין חדר, קיין שום סארט.

לאמיר האפן אויף אונזער ווייטערדיגע הצלחה, וואס מיר וועלן קענען עררייכן בעזרת ה', מיט אונזער הארעוואניע, און מיט אייער מיטארבעט.

**המנהל**




קליינע קינדער וואו מ'מוז כמעט יעדן חודש עפענען נאך א כיתה, און ס'איז נישטא וואו... ווי נאר מ'איז אנגעקומען אינעם נייעם בנין, וואו יעדע כיתה האט ברייט פלאץ, די האלוועיס צו שפאצירן, די שטיגן, דער עס-זאל, דער אפיס וואו אויפצונעמען א טאטע-מאמע, די שטובער וואו אנצוגרייטן די אקטיוויטעטן פאר די קליינע קינדער, אלעס איז מיט א געוואלדיגן הרחבת הדעת.

פירט אויס דער מנהל: "וואויל איז פאר די חשובע נדבנים וועלכע האבן זיך געלאזט קאסטן און געהאט א חלק אין אוועקשטעלן דעם בנין מפואר צו קענען אריינברענגען א הרחבת הדעת אין חינוך הבנים ביי די צאן קדשים, פון קליין ביז גרויס".

## יעדעס קינד לערנט אין א קליינע מוסד

אלס יסוד ביי די קליינע קינדער איז אויסגעשטעלט, אז יעדעס קינד לערנט אין א קליינעם מוסד. קיין שום קינד איז נישט בלויז א "נומער", נאר א תלמיד מיט וועמען מ'גיבט זיך פערזענליך אפ.

## "לעבעדיגע" אקטיוויטעטן

אדאנק די הרחבת הדעת האט מען צוגעשטעלט אין חדר אזא "אינדאאר שפיל-חדר", וואו יעדע וואך ווערט אויפגעשפילט א חלק פון די סידרה, אז די קינדער זאלן דאס קענען מיטהאלטן "לעבעדיג". צומערסטנס ווערט דער שפיל פארגעשטעלט דורך די חשובע מלמדים, וואס ברענגט אריין די קינדער אין א פרייליכע אטמאספערע, און צומאל ווערט דער שפיל פארגעשטעלט דורך די תלמידים זעלבסט.

## יעדע וואך א אנדערע "אקציע"...

יעדע וואך ווערט צוגעגרייט פאר די לעכטיגע קינדער באזונדערע אקטיוויטעטן, וואס נעמט ארום דעם גאנצן וואס, און קוקט ענדערש אויס ווי א "אקציע" וואס האלט זיי פארנומען דורכאויס רוב טעג פון די וואך, אז ס'זאל ווערן נבלע בגופם.

פר' וירא האט מען אויפגעשטעלט א טענט, אלס די מדה פון "הכנסת אורחים". ס'איז געווען צוגעגרייט עסן און טרינקען, די קינדער האבן פארטיילט און זיך בפועל אויסגעלערנט די גוטע מדה פון מקבל זיין אורחים.

פר' חיי שרה, איז געווען "אויפגעשטעלט" די געצעלט פון שרה און רבקה, מיט די געבענטשטע חלה, א ריזן חלה פון וואס אלע קינדער האבן באקומען א שטיק צובייס, גרויסע לעכט, און א וואלקן העכער'ן דאך.

## "תנו רבנן", האבן די רבנן געלערנט...

פר' תולדות, ווען מ'לערנט דעם פסוק ויעקב איש תם יושב אוהלים, האבן די קינדער דאס מקיים געווען פערזענליך. מ'האט פאר אלע קינדער אויסגעלערנט דעם שטיקל גמרא "תנו רבנן", האבן די רבנן געלערנט, "קטן היודע לדבר", א קליין קינד וואס קען שוין רעדן, "אביו מלמדו תורה", לערנט זיין טאטע אים אויס צו לערנען תורה. "תורה צוה לנו משה", און אזוי ווייטער.

ענדע וואך האט דער גאנצער בנין "געדינערט" פון דעם קול הצאן הזה, ווי די קליינע קינדער קענען דעם שטיקל גמרא מיט אזא זיסן ניגון.

אויך האט מען צוגעלערנט "מודה אני" מיט די אידיש טייטש, אז די קינדער זאלן וויסן וואס מ'זאגט באלד אינדערפרי ווען מ'צועפענט אויף די אויגעלעך.

א וואך שפעטער, מיטוואך פר' ויצא, ווען כ"ק מרן רבינו שליט"א האט באזוכט אין תלמוד תורה, האבן די קליינע קינדער דאס פארגעזינגען פאר'ן רבי'ן, ס'איז געווען רירנד ביז גאר צו הערן ווי די גאנץ קליינע קינדערלעך קענען דעם שטיקל גמרא מיט אזא מתיקות, נאכגעפאלגט מיטן פארזאגן "מודה אני" מיט אידיש טייטש.

## געשריי פון א מאמע: "איר האט אויסגעריסן אן אלטן מנהג"!

דער מנהל ר' ישעי' יצחק שליט"א ציגט אונז א בריוו וואס ער האט ערהאלטן פון א מאמע פון א קליין קינד, וועלכער איז נארוואס אריינגעקומען אין מוסד.

נעמענדיג דעם בריוו אין די האנט איז געווארן טונקל פאר די אויגן. דער בריוו הייבט זיך אן מיט גרויסע אותיות ווי פאלגענד: "מנהל, איר זאלט וויסן, איר האט אויסגעריסן אן אלטן מנהג"!

דערשראקן ביז גאר פרעגן מיר דעם מנהל אויב מיר מעגן פארזעצן צו ליינען דעם "מוסר-בריוו", אויף וועלכן דער מנהל לאזט אונז גערן.

נאך עטליכע שורות ווערט עטוואס בעסער אויפן געמיט, זעענדיג אויף וואס די שורות באציען זיך. נעמליך, אויף דעם אלטן מנהג מימים קדמונים, אז דעם ערשטן טאג, אדער גאר די ערשטע טעג, ווען מ'פלעגט ברענגן א קינד אין חדר, פלעגט דאס קינד וויינען מיט בכיות עצומות מאין הפוגות.

און פלוצלינג... די מאמע האט אריינגעשיקט א קינד אין חדר, זי האט אים אפגעברענגט פערזענליך, דער מנהל האט אויפגענומען דאס קינד, אים געפירט פון איין קלאס צום צווייטן, אים געוויזן די שיינע לעכטיגע קלאסן ווי די קינדערלעך פון זיין יארגאנג טאנצן און שפרינגן ארום, מ'שפילט זיך שיין, ער פירט אים ווייטער צו די אנדערע קלאסן ווי די קינדער זינגען פרייליך, דאס קינד קומט אריין אין א אנדערע וועלט פון גליק און שמחה, ער קען שוין קוים ווארטן אויך צו זיין "אין חדר", אזוי אז ביז ער קומט אן צו "זיין" חדר, לויפט ער באלד אריין, און פארגעסט אינגאנצן פון דעם אלטן מנהג אז דער ערשטן חדר טאג דארף מען וויינען...

"אט דאס איז אונזער קינדערגארטן, מ'מאכט א פרייליכע אטמאספערע צו פארזיכערן אז די קינדער זענען פרייליך צו גיין אין חדר. און אויף דעם זאגן עדות אלע טאטעס און מאמעס, ב"ה".

## גוטע מדות

אויך האט מען פר' תולדות פארטיילט פאר די קינדער דעם "נזיד עדשים", רויטע לינזן, (דזשעלאו), און מ'האט זיי דערביי געוויזן און אויסגעלערנט וויאזוי א איד דארף זיך אויפפירן ביים עסן.

## ויעש משתה – מ'האט געמאכט א חתונה

דינסטאג פר' ויצא, די וואך ווען מ'לערנט איבער די חתונה פון יעקב אבינו מיט רחל און לאה אמינו, האבן די קינדער מיטגעלעבט א פרייליכע "עכטע" חתונה.

עס זענען זיך צונויפגעקומען אלע תלמידים פון נוירסערי און קינדערגארטן, אין די זאלן פון "קאנטינענטאל", אין לויף פון העכער א שעה. מ'האט פארטיילט א חתונה סעודה פאר די קינדער, (לויט די תקנות...), די קינדער האבן געטאנצן און געשפרינגען לכבוד החתן, און די שמחה איז געווען עד לב השמים.

די מנהלים און מלמדים האבן זיך ספעציעל שיין באדאנקט פארן פארוואלטער פונעם שיינעם זאל, הרבני הנגיד מו"ה ישראל יעקב הירש הי"ו, וועלכער האט צוגעשטעלט דעם זאל לטובת די ילדי תשב"ר. ישא ברכה מאת ה' בברכה והצלחה בכל מעשי ידיו.

פר' וישלח ווען ס'ווערט דערציילט איבער די פכים קטנים וואס יעקב איז צוריקגעגאנגען אפנעמען, האט מען געלערנט איבער די מדה פון בל תשחית, און דאס מסביר געווען פאר די קינדער בטוב טעם ודעת.

## אריינבאקן הלכות ביי די קליינע

יעדע וואך לערנט מען אויך א גוטע "מדה", מ'דערציילט דערויף א מעשה, און דאס ווערט באגלייט מיט הלכות און מנהגים אין טאג-טעגליכן סדר החיים.

אנגעהויבן האט מען מיט די הלכות פון "השכמת הבוקר", מודה אני, נעגל וואסער, נטילת ידים, אנטוהן, רעכטע-לינקע, צניעות, איידלקייט, א.א.וו.

א שטארקער דגוש ווערט געלייגט אויף די "טשארטס" וואס מ'שיקט אהיים אז די עלטערן זאלן צייכנען, וואס דאס ברענגט געוואלדיגע רעזולטאטן.

די וואך פון פר' ויצא האט מען געלערנט די מדה פון בטחון, ווי יעקב אבינו האט געזאגט "לית אנא מוביד סברי מן בריי", אז ער בלייבט שטארק מיט דעם כח הבטחון.

## "ריסעס" אין חדר פולקאם אפגעשאפן

ביי אונז אין חדר האט מען לעצטן יאר שטארקע כוחות אריינגעלייגט אינעם ענין פון "ריסעס". ס'איז געווארן גאר שטארק דער רוח אין חדר נישט צו שיקן קיין שום "ריסעס" מיט די קינדער, ובפרט נישט קיין געקויפטע נאשערייען. אויב דער מנהל באמערקט אז א קינד ברענגט נאשערייען פון דערהיים, רופט ער אפ די עלטערן און קלערט זיי אויף דעם שעדליכקייט דערפון, ודבריו עושים פירות לטובה.

## חבר טייערער, א רפואה שלימה!

אויך איז גאר שטארק אויפגעארבעט אין חדר, אז אויב א קינד פעלט פון חדר עטליכע טעג און איז נישט בקו הבריות, רופט מען אים אפ פון חדר אים צו וואונטשן א רפואה שלימה. דאס ברענגט אריין אהבת חברים צווישן די תלמידים און דעם געדאנק זיך צו זארגן בשלום פון א צווייטן.

## עזר לתלמיד, "אין" חדר!

אין אונזער תלמוד תורה איז איינגעפירט אז ס'איז פאראן בלויז איין מלמד פער קלאס, דאס האט זיך ארויסגעשטעלט אלס גרויסער תועלת, ס'זאל נישט זיין קיין "קדירא דבי שותפי"...

אבער כדי צו זיין געגנוג אויפמערקזאם אויף יעדעס תלמיד באזונדער, איז געשטעלט א ספעציעלער ממונה וועלכער העלפט ארויס די קינדער דארפן הילף אין קלאס. ער נעמט ארויס די קינדער אין א זייטיגן חדר, לערנט מיט די קינדער מיט א ליבליכע ווארימקייט און צוגעלאזענקייט, וואס גייט אריין אין מח פונעם קינד, בעסער אויפצוכאפן די א"ב און אנדערע לימודים.

## "העלאו, דא רעדט שלמה'לעס מלמד"...

אויך איז איינגעשטעלט אז די מלמדים רופן די עלטערן אויף יעדע אויסערארדענטליכע אנטוויקלונג אין זייער קינד. און ווי מ'הערט צוריק, זענען די עלטערן גאר רואיג ווייסנדיג אז די מלמדים קענען רופען סיי ווען מיט א פראבלעם, און זיי קענען רופן דעם מלמד אין יעדן פאל.

## "משה'לע, ווער האט דאס געמאכט, דיין רבי?"

א געוואלדיגער דגוש ווערט געלייגט אין קינדערגארטן, ארויסצוברענגען די כשרונות פון די קינדער זעלבסט, אז זיי זאלן אליינס טוהן די אקטיוויטעטן פון שניידן און קלעבן, אלעס מיט די אייגענע הענט. יעדעס קינד האט מען אינזין פערזענליך, און די מלמדים לערנען מיט די קינדער אויף אן אופן אז די קינדער זעלבסט זאלן זיין א טייל פון דעם פראגראם.

## וואס איז באמת דער סוד?

צולעצט, שטעלן מיר א פראגע ביים מנהל ר' ישעי' יצחק שליט"א. נאכ'ן שמועסן מיט אלע מנהלים, און צוזען דעם סדר החינוך, ווי יעדער מנהל זוכט מוסיף צו זיין נאך און נאך ידיעות ביי די קינדער, יעדער יארגאנג אויף זיין מהלך, ווילן מיר פארשטיין דעם סוד וואס שטיפט די מנהלים אזויפיל אריינצולייגן אין די קינדער, אויף א פארנעם וואס מ'זעט נישט ערגעץ אנדערש.

"לאמיר אייך מסביר זיין", ערקלערט דער מנהל, "איר ווייסט דאך אוודאי אז רבינו שליט"א, טראץ אלע זיינע טירדות בעניני הכלל, שטייט ביי אים די מוסדות אין וויליאמסבורג העכער אלעם. ווען דער רבי טרעפט סיי-וועלכן מנהל אדער מלמד פון די מוסדות אין וויליאמסבורג, פרעגט ער אים אויס אויף די סדרי הלימוד און אינטערעסירט זיך אין יעדן דעטאל פון דעם סדר המוסדות, אלעס צוצוקמען צום ציל צו זיין "די בעסטע מוסדות" פון די שטאט.

"אין צוגאב צו דעם, ביי די דרשות פאר די קינדער פאדערט דער רבי שטענדיג אויף צו לערנען זייטיגע ידיעות און לימודים, דאס מאכט אז יעדער מנהל אין זיין ברענטש לייגט אריין אזויפיל איבריגע כוחות צו לערנען זייטיגע ידיעות, און די קינדער האבן אזא חשק און אינטערעסע דאס צו לערנען און קענען, ווייל מ'זעט אז די מנהלים פערזענליך האבן אזא אינטערעסע דאס אהערצושטעלן".

# א בליק אין די מוסדות



די טייערע תשב"ר פון כיתה ג' ביי א נאראפטיגן מיטאג



די קינדערלעך זיצן מיט גרויס דרך ארץ



דער מלמד איז זיך מטפל מיט יעדן תלמיד באזונדער



די קינדערלעך אונטערן אויפזוכט פון די חשובע מלמדים



אקטיוויטעטן פון חודש תשרי



שמחתי באומרים לי בית ה' נלך



ה.ב.ש.ג.

# איך בין געווען מיטן רבי'ן אין תפיסה

## נייע אנטדעקטע פאקטן פון די פינסטערע מאמענטן ווען דער רבי איז געווען אין קלויזנבורגער תפיסה – פון אן עד ראיה

**י' אייר תש"ד, פינף אזייגער פארטאג'ס – א גרופע אידן בלאנזשען ארום אין די פריע פארטאג'ס שעה'ן איבער די טונקעלע גאסן פון קלויזנבורג, פארלוירן און דערשראקן. די איינציגע ליכטיגקייט שטראלן זעט מען ווייט אוועק אין פארעם פון באמבעס וועלכע די אליאירטע עראפלאנען גיסן אויס מיט א שפע איבער די נאצי אקופירטע אונגארן. ניטאמאל ווייסן זיי אז דער צוקונפט פון גאנצן יהדות החרדית בלאנזשעט יעצט אינאיינעם מיט זיי.**

**א קליינע גרופע אידן האבן מיטגעהאלטן דעם גורל'דיגן מאמענט וואס וועט שפעטער אריינגיין אין די היסטאריע, ווערנדיג דערציילט פון עלטערן צו קינדער אלס די מאמענטן וואס די כוחות הטומאה האבן אפגעהאלטן איינע פון זייערע גרעסטע קאמפן מיט די כוחות הקדושה אין לויף פון די פינסטערע מלחמה יארן, ביים זוכן צו לייגן די בלוטיגע לאפעס אויף מרן רבינו הקוה"ט בעל דברי יואל מסאטמאר זי"ע.**

**פון די וועלכע האבן עס מיטגעהאלטן זענען שוין דער גרעסטער טייל ארויף למנוחות, איינער פון די געציילטע וועלכער געפינט זיך נאך מיט אונז לאורך ימים טובים איז מוהר"ר חיים מאשקאוויטש הי"ו וועלכער וואוינט היינט אין בארא פארק.**

**אין אנבליק פון דעם בעפארשטייענדן כ"א כסליו, ווען די גאנצע אידישע וועלט אין שפיץ פון די צענדליגער טויזנטער תלמידי וחסידי סאטמאר פייערן דעם גרויסן נס פון הצלת רביה"ק זי"ע, האט "קול סאטמאר" זיך פארבינדן מיט ר' חיים צו הערן זיין שילדערונג פון די היסטארישע מאמענטן אין די פארכטיגע נאכט.**

**כדי צו קענען בעסער פארשטיין די זכרונות פון ר' חיים'ען האבן מיר געפילט פאר וויכטיג איבערצוגיין די דעטאלן פון די געשעענישן וועלכע האבן געפירט צו דעם גורל'דיגע מאמענט ווען די טומאה האט געפאנגען אין איר נעץ דעם צוקונפט פון כלל ישראל, ווען די השגחה עליונה האט אין די לעצטע מינוטן ארויסגעריסן פון אירע נעגל, להחיות לנו לפליטה גדולה.**

אונגארן, תש"ד – די שווארצע וואלקענעס וועלכע האבן זיך פערמאנענט אויסגעצויגן העכער די אייראפעאישע הימלען שפייען מיט פייער און האגל שוין די לעצטע עטליכע יאר. זינט דער צורר היהודים אדאלף היטלער ימש"ו האט אונטערגענומען דעם זיגרייכן בליץ קריג קעגן פוילן און דערמיט אפיציעל אנגעהויבן די צווייטע וועלט מלחמה ביז היינט האט אייראפע נישט געזען קיין טאג ריין פון פייער און בלוט.

די אומגלויבליכע שמועות זענען שוין ליידער היינט באשטעטיגט אלס טרוקענע פאקטן, דער רשע האט פארווירקליכט זיינע חלומות און געברענגט אויף אידישע קינדער דעם ערגסטן קאשמאר אין די היסטאריע, מיליאנען אידן זענען שוין אומגעקומען אויף קידוש השם אין די נאצי אקופירטע לענדער, אבער מיליאנען אנדערע זענען נאך איינגעקלאמערט אין די אייזערנע נאצישע פויסטן, דעם גרעסטן טייל פון זיי וועט דער חרון אף באטרעפן אין די קומענדיגע אנדערטהאלבן יאר.

די אליאירטע לענדער זענען שוין פונלאנג אריינגעדרינגען אין די נאצישע אייראפע, דער אונטערגאנג פונעם דייטשן רייך האט שוין געשוועבט אין דער לופטן. די אונגארישע רעגירונג האט געשפירט וואו דער ווינט בלאזט און דער פרעמיער מיניסטער קאלאאי האט גענומען שטילערהייט פארהאנדלען אונטערן טיש מיט די אליאירטע זיך אפצורייסן פון פאשיסטישן אקס און זיך פאראייניגן מיט די אליאירטע נאצי פיינט.

די פארהאנדלונגען זענען שטארקער געווארן נאך דעם דייטשן דורכפאל צו די רוסן אין די בארימטע סטאלינגראד שלאכטן, וועלכע האבן צום ערשטן מאל געטוישט די ריכטונג אין די קריג פאר די דייטשן פון נאכאנאנדע זיגן צו ענדגילטיגן דורכפאל. דורכאויס די דאזיגע שלאכטן האט דער אונגארישער מיליטער פארלוירן איר גאנצע צווייטע ארמיי צו די רוסישע אטאקעס, און אונגארן האט ערנסט גענומען איבערטראכטן איר בונד מיט דייטשלאנד.

דאס באזארגטע אונגארישע אידנטום האט אנגעהויבן עטוואס לייכטער אפאטעמען. דער לאנגיאריגער רעגענט אין אונגארן, מיקלאש הארטי, האט טאקע ארויסגעגעבן אין די לעצטע יארן עטליכע אנטיסעמיטישע געזעצן וועלכע האבן ערנסט געשעדיגט אידנ'ס פאליטישע און עקאנאמישע רעכטן אין אונגארן. דער "מונקא טאבאר" [געצווינגענער דינסט אין מיליטער] האט אויך זייער פיל שאדן געטון פאר אידן.

טראץ וואס דער רעגענט איז באטראכט געווארן אלס אנטיסעמיטיש געניגט, זענען טייל היסטאריקער געניגט אנצונעמען אז הארטי האט נאר געשטיצט די אנטיסעמיטישע געזעצן כדי אזוי צו באפרידיגן עטוואס דעם חיה'שן אפעטיט פון נאצי דייטשלאנד. דער פאקט איז אז ער האט באוויזן צו שטעלן א הארטנעקיגן ווידערשטאנד קעגן די נאצישע פארלאנגען צו דעפארטירן די אונגארישע אידן קיין אוישוויץ.

יעצט ווען די פרישע ווינטן האבן געברענגט אין אירע פליגל דעם אנזאג פאר א נייעם פאליטישן קלימאט האבן אידן גענומען האפן אז אינאיינעם דערמיט וועט מען אויך באפרייט ווערן פון די אנטיסעמיטישע צוואנגען, אפגערעדט פון דער כסדר'דיגער פחד אז דער דייטש וועט עווענטועל צווינגען הארטי איינצוגיין אויף אידישער דעפארטאציע צו די נאצישע צוואנג'ס און מארד לאגערן.

דער רוסישער מיליטער איז דעם גאנצן ווינטער געשטאנען ביי די טויערן פון אונגארן. אויבצוואר הארטי האט פארהאנדלט נאר מיט די אמעריקאנער און בריטישע פארשטייער, און אויף זייער פארלאנג אויסגעמיטן די רוסן, האבן אידן געהאפט אז אויב די פארהאנדלונגען וועלן דורכפאלן וועט כאטש דער רוס זיך אריינרייסן אין לאנד. יבא הנס מכל מקום.

ווי עס האט זיך ארויסגעשטעלט זענען די ערווארטונגען געווען צו אפטימיסטיש. פארן דייטש איז די 'ענדגילטיגע לעזונג צו דער אידן פראגע' רח"ל געווען דער הויפט פריאריטעט, און טראץ די אומגעהויערע מפלות וואס די דייטשן האבן דאן געליטן אויף יעדן איינציגן פראנט מיט די אליאירטע כוחות איז זיי פארט געווען גאר וויכטיג צו באצווינגען אונגארן, און דאדורך די נאנט צו מיליאן אידן וועלכע האבן נאך געוואוינט דארט.

## "אפעראציע מארגארעטע 1"

במשך דעם ווינטער, די זעלבע צייט וואס דער אונגארישער אויסערן מיניסטער האט זיך פארבינדן אין געהיים מיט הויכראנגיגע ענגלישע דיפלאמאטן, האט דער דייטשער עס. עס. בריגאדיר עדמונד וועזענמייער פאראַרבעט צווישן די פאשיסטישע פארטייען אין אונגארן אז זיי זאלן זיך פאראייניגן און אומווארפן די הארטי רעגירונג, אבער ער האט דאס נישט געקענט דורכפירן.

ווען די דייטשן האבן געזען אז זיי שטייען אויס צו פארלירן די אונגארישע רעגירונג האט היטלער ימ"ש באאויפטראגט דאס מיליטער דורכצופירן "אפעראציע מארגארעטע". דער דייטשער מיליטער האט לאנג געהאט צוגעגרייט א פלאן, וואס האט זיך אנגעהויבן ווען היטלער האט געלאזט אריבער רופן דעם אונגארישן רעגענט, הארטי, צו זיין קלעסהיים שלאס אין בערכטעסגאדען, וואו ער האט געפאדערט פון אים דריי זאכן: אויפטוישן די קאלאאי רעגירונג מיט אנדערע פרא-נאצי באאמטע; אונגארן זאל דורכפירן טאטאלער מיליטערישער מאביליזאציע לטובת דעם דייטשן מיליטער; און דעפארטירן די נאנט צו מיליאן אידן אין אונגארן.

ווען הארטי האט קאטעגאריש אפגעווארפן אלע דריי פארלאנגען האט אים היטלער געמאלדן אז דער דייטשער מיליטער האט נארוואס אנגעהויבן ארייננמארשירן קיין אונגארן. דער אונגארישער הויפט גענעראל סעמבאטעהאלי וועלכער איז געווען מער נאצי געשטימט ווי הארטי, און איז אויך דארט געווען אין קלעסהיים שלאס מיט זיין רעגענט, האט געלאזט די דייטשן טעלעגראפירן אין זיין נאמען אז דער אונגארישער מיליטער זאל נישט שטעלן קיין ווידערשטאנד. אזוי האבן די דייטשן איבערגענומען די הערשאפט אין אונגארן אן קיין שאס.

די דייטשן האבן איינגעשטעלט א נייע פרא-נאצי רעגירונג אונטער א נייעם פרעמיער מיניסטער, דומא סטאָיאָי, א פארברענטער נאצי און געשוואוירענער שונא ישראל. אבער פאקטיש האבן זיי איבערגענומען די טאטאלע הערשאפט אין לאנד דורך דעם עס. עס. מאן וועזענמייער. עווענטועל האבן זיי אהינגעשיקט דעם טרויעריג בארימטן אכזר אדאלף אייכמאן ימש"ו וועלכער האט אנגעפירט מיט די ליקווידאציע פונעם אונגארישן אידנטום, הי"ד.

דאס איז געווען אין א צייט ווען די דייטשן זענען שוין געווען אויסטערליש שטארק אפגעשוואכט מיליטעריש, פארט האבן זיי פארנוצט קריטישע מיליטערישע רעסורסן פאר דעם צוועק. אויב האט עמיצער זיך געוואלט איינרעדן אז היטלער זוכט צו פארדינען מיליטעריש דורך דער פארלאנג פאר טאטאלער מאביליזאציע, האט זיך ארויסגעשטעלט אז אפילו דאס האבן די דייטשן נישט אינפארסירט. דער עיקר 'פראבלעם' איז זיי געווען די נאנט-צו-א-מיליאן לעבעדיגע אידן!

עס וועט זיין אינטערעסאנט צו באמערקן א זייטיגן אינטערעסאנטן היסטארישן פאקט. די דאזיגע "אפעראציע מארגארעטע" איז פאקטיש אנגערופן געווארן "מארגארעטע 1", די אנדערע "מארגארעטע 2" האבן די דייטשן געהאט צוגעגרייט דורכצופירן אן ענליכע אקציע אין רומעניע אין פאל זי שליסט א פאקט מיט די אליאירטע, אבער ווען רומעניע האט פאקטיש געשלאסן אן אפמאך עטליכע מאנאטן שפעטער זענען די דייטשן שוין געווען צו שוואך. זיי האבן אריינגעדרינגען אין עטליכע רומענישע גרעניץ שטעט אבער נישט באוויזן צו גיין גאר ווייט, וואס האט אפגעראטעוועט די צענדליגער טויזנטער אידן וועלכע האבן זיך דאן געפונען אין רומעניע.

[און אז מ'רעדט שוין דערפון, איז כדאי אנצוצייגן אויף די אפענע לעקציע וואס די השגחה עליונה האט אונז דערמיט געוואלט לערנען. די ציוני'סטישע אפיקורסים, ארייגערעכנט ליידער טייל א.ג. רעליגיעזע, חזר'ן נאכאנאנד ביז'ן היינטיגן טאג אז אויב די חסידישע רבי'ס וואלטן געשטיצט דאס עולה זיין קיין ארץ ישראל – דורך עובר זיין אויף די הארבע שבועה פון "לא יעלו בחומה" – וואלטן מער אידן געראטעוועט געווארן, זינט היטלער האט ב"ה נישט באוויזן איינצונעמען ארץ ישראל.

אפגעזען פונעם פאקט וואס רביה"ק זי"ע האט שוין אויפגעוויזן קלאר אין ספה"ק ויואל משה אז דער גאנצער אומגליק וואס האט באטראפן דעם אידישן פאלק איז גאר געווען א דירעקטער רעזולטאט פונעם עובר זיין אויף אט די הארבע שלש שבועות, זעט מען קלאר אז די השגחה עליונה האט פונקטליך דירעקטירט ווער און ווען עס זאל אריינפאלן אונטער די נאצישע נעגל. ווען אונגארן ווארט נאך עטליכע חדשים מיט זייערע פארהאנדלונגען איז גאנץ מעגליך אז היטלער וואלט נישט ארייננמארשירט קיין אונגארן און די ארטיגע אידן וואלטן אפגעראטעוועט געווארן.

דאס איז אויך נאר נאך א קליינע רינגעלע אין די אפענע השגחה וואס מען האט געזען כסדר אין לויף פון דעם שרעקליכן הסתרת פנים וואס האט דאן געהערשט. די אידן אין די אונגארישע בודאפעסט זענען יא געראטעוועט געווארן, דאגעגן די אידן אין די רומענישע גרעניץ שטעט האט יא באטראפן דער ביטערער גורל פון די אנדערע קדושים הי"ד].

## דער רבי הערט די שרעקליכע בשורה

ווי שוין דערמאנט האבן די אנטיסעמיטישע גזירות קעגן אידן זיך אנגעהויבן נאך לאנג איידער די נאצי אקופירונג. נאך אזוי פרי ווי אין תרצ"ח האט דער ערשטער "אידן געזעץ" איינגעשטעלט אז די אידן אלס פאלק טארן נישט האבן מער ווי צוואנציג

(פארזעצונג אויף קומענדיגע זייט)




פראצענט טייל אין די עקאנאמיע. אויך האט דער געזעץ טיילווייז פארבאטן די אידישע שחיטה.

א יאר שפעטער האט א פרישער געזעץ אויסגעברייטערט דעם פארבאט אז אידן טארן נישט ארבעטן אין רעגירונג'ס אפיסעס; פארבאטן די אידן פון זיך באשעפטיגן אין מערסטנ'ס פאכן; און אויפגעפאדערט די רעגירונג'ס אינסטאנצן עפנטליך צו מוטיגן אידישער אויסוואנדערונג פון אונגארן. דאס האט אפעקטירט די פרנסות פון קנאפע צוויי הונדערט טויזנט אידן, אינדערצייט ווען אונגארן האט דאן – בעפאר די אנעקסירונג פון די פרישע געגנטער – נאך פארמאגט בלויז עפעס מער פון פיר הונדערט טויזנט אידן.

אין די פאלגנדע יארן זענען די גזירות כסדר געווארן ערגער און מער. אידן האבן נישט געקענט פארמאגן קיין פעלדער, הייזער, אדער סיי וועלכע קרקע. צענדליגער טויזנטער אידן זענען געצווינגען געווארן צו דינען אין "מונקא טאבאר" וואו זיי האבן אפט געדינט אלס קאנאנען פלייש אדער מינע רייניגער פאר די אונגארישע סאלדאטן. ארום אכצן טויזנט אויסלענדישע פליטים זענען דורך די רעגירונג געצווינגען געווארן צו די גרעניץ, וואו זיי זענען עווענטועל אומגעברענגט געווארן דורך די עס. עס. און אוקראינישע מערדער.

דער גלות איד איז אבער געווען געוואוינט צו פארבייסן די ליפן, בייגן דעם רוקן אונטער די שווערע יאך, און זוכן אלערליי מיטלען וויאזוי אדורכצושטופן די שווערע צייטן. נאך אלעם איז זייער צושטאנד געווען גאנץ רואיג אין פארגלייך מיט זייערע ברידער אין פוילן, טשעכעסלאוואקיע, און די אנדערע נאצי אקופירטע לענדער.

די דייטשן האבן אריינמארשירט דעם ניינצנטן אין מארטש, דאס איז געווען זונטאג פר' ויקרא, כ"ד אדר תש"ד. יענעם זונטאג האט רביה"ק זי"ע זיך געפינען אין די שטאט סעליש וואו עס איז געפראוועט געווארן א גרויסארטיגער שבע ברכות לכבוד די חתונה פון כ"ק גאב"ד מוזשאי זצ"ל מיט די טאכטער פון ריינזשובער רב – און איידעם ביים הייליגן קדושת יום טוב, וועלכער האט שוין נישט געלעבט ביי די חתונה, און דער רבי האט חתונה געמאכט זיין שוועסטער'ס טאכטער במקום אב.

אינמיטן די שבע ברכות איז אריינגעקומען די שאקירנדע ידיעה אז די דייטשן האבן אקופירט דאס לאנד. ווייניג אידן האבן דאן נאך פארמאגט טעלעפאנען, די ידיעה איז דערהאלטן געווארן דורך א איד וועלכער האט פארמאגט א שותפות מיט א גוי און דארט אין ביורא איז געווען א טעלעפאן. יענעמ'ס פרוי איז געקומען איבערגעבן די בשורה פאר'ן רבי'ן.

דער רבי איז באלד אריבער אין שטוב פון הרה"ח ר' ליפא פריעדמאן ז"ל, שפעטערדיגער לעגענדארער מנהל המוסדות, וואו עס איז אריינגעקומען א טעלעפאן רוף פון דעם פעסטער נגיד ר' שמעון נעמעטי הי"ד, א הויפט חרדי'שער עסקן אין בודאפעסט. ער האט איבערגעגעבן פאר'ן רבי'ן אין נאמען פונעם פרעזידענט פון די ארטאדאקסישע קאנצעליי, ר' שמואל זיינוויל פרענקל, אז דער רבי זאל קומען צו פארן קיין בודאפעסט, פון וואו עס וועט זיין פיל גרינגער צו קאארדינירן א רעטונג'ס פלאן פארן רבי'ן.

דער רבי האט זיך באדאנקט פארן פארשלאג אבער ערקלערט אז ער גייט צוריק קיין סאטמאר צו עדת צאן מרעיתו.

## די טומאה וויל פאנגען די קדושה

שוין אויפצומארגנ'ס פון זייער אנקום האבן די דייטשן געגעבן צו קאסטן דעם טעם פון זייערע מערדערישע שטיוול. זיי האבן געגרינדעט א צענטראלן "יודענראט" אין בודאפעסט וועלכער האט באקומען די אויפגאבע צו גרינדן "אידישע קאמיטעטן" אין אלע פראווינצן איבער'ן לאנד, וואס דאדורך האבן די דייטשן באקומען קאנטראל איבער יעדן איינציגן איד אין אונגארן – דאס, ליידער, מיט דער טרויעריג בארימטער צוזאמענארבעט מצד די יודענראטן מיט די דייטשן צוליב די איינרעדעניש אז אזוי וועלן זיי ראטעווען זייער אייגענע הויט.

פון טאג צו טאג זענען ארויסגעקומען פרישע גזירות. אידן האבן מער נישט געקענט פארמאגן קיין טעלעפאנען, קארס, ביציקלעך, און אנדערע ענליכע חפצים; אידן האבן נישט געטארט באנוצן זיך מיט א גרויסן טייל פון האטעלן, רעסטוראנען, און גאסט הייזער; זיי האבן נישט געטארט נוצן קיין שום טראנספארטאציע מיטל, באן, שיף, קאר, אדער ביציקל.

דאס האט נאכגעפאלגט מיט די טרויעריג בארימטע גזירה פון די "געלע לאטע", ווען יעדער איד איז געצווינגען געווארן זיך צו באצייכענען מיט א געלע לאטע אין פארם פון א מגן דוד וואס האט געדארפט ארויפגענייט ווערן אויף די קליידער קעגן הארץ, אזוי האט יעדער אנטיסעמיט געקענט דערקענען דעם איד פונדערווייטנ'ס, און האט פארשווערט אויף די אידן צו גיין פון איין ארט צום אנדערן, אדער אנטלויפן בכלל.

דער ערשטער שריט פון די נאציס אין ריכטונג פון פולקאמער ליקווידאציע רח"ל איז געווען דאס צילן און אטאקירן די אידישע פירער. די חשובי און זקני הקהילה זענען געווען א ערשטער ציל אין יעדן שטאט אדער שטעטעלע וואו די נאציס זענען אריינגעדרינגען. זעלבסטפארשטענדליך אז רבנים זענען געשטאנען אין שפיץ פון די דאזיגע ליסטע.

ס'וועט זיין איבריג יעדעס ווארט צו שילדערן דעם רבי'נס שטאנד ווי איינער פון די בארימטסטע רבנים אין גאנץ אונגארן, און זעלבסטפארשטענדליך אז דער רבי איז געווען גאר הויך אויף די ליסטע פון די רשעים אלס עמיצער וועלכער ברויך גענומען ווערן אין געפענגעניש אויף אלע קאסטן. דער ס"מ האט ארויסגעשטעקט די לאפעס, און זיינע גיפטיגע נעגל האבן געלאקערט אין יעדן ווינקל צו צוברעכן דעם וואס די השגחה עליונה האט אנגעברייט צו זיין דער רוקן ביין פון די גאנצע אידישע וועלט.

[באלד ביים אריינמארשירן קיין אונגארן האבן זיי פארשפרייט ליפלעטן מיט די בילדער פון עטליכע תורה ריזן, וועלכע האבן געדארפט אנווייזן אז די אידן האבן רח"ל זיך גע'שמד'ט... אין א נארישער פרואוו אזוי צו צוברעכן דעם אונגארישן אידנטום. אויף די ליפלעטן האט מען צווישן אנדערע געזען די בילדער פון הגה"ק מהרי"ד מבעלזא זי"ע, הגה"ק מהר"א מבעלזא זי"ע, הגה"ק בעל מנחת אלעזר זי"ע, און רביה"ק זי"ע.

עס איז אומקלאר וואס זיי האבן געוואלט דערמיט עררייכן, זינט זיי האבן דאך פונקט אזוי נישט אפגעשוינט משומדים, און אפילו א געצווינגענער מאסן שמד היל"ת וואלט נישט געהאלפן פאר די אידן זיך צו ראטעווען פון זיי].

די נאכפאלגנדע וואכן זינט די רשעים האבן זיך אויסגעשפרייט איבער אונגארן זענען געווארן א גיהנום ספעציעל פאר רביה"ק זי"ע און זיינע שטוב מענטשן. די סכנה האט געלויערט איבעראל, עטליכע מאל האבן זיי געהאלטן ביים ארויפקומען אויפן רבי'נס שפורן און דער רבי איז ניצול געווארן דורך אפענע ניסים.

צוויי שטארק באקאנטע פעלער זענען פארגעקומען יענעם פסח. איינמאל זענען די רשעים אריינגעקומען ערב פסח ווען דער רבי האט געהאלטן אינמיטן באקן מצות, דער עולם איז זיך צולאפן נאר דער רבי איז געבליבן שטיין מיטן טייגל אין די הענט מורא האבנדיג אז ס'וועט חמצ'דיג ווערן, אבער די רשעים האבן אים וואונדערליך נישט באמערקט. יענעם חול המועד איז דער רבי געשטאנען מיטן ווייסן קאפטן אין הויף פון א שכן, און די נאציס וועלכע זענען געקומען זוכן דעם רבי'ן זענען אדורך געציילטע פיס פון רבי'ן, אבער בחסדי ה' זענען זיי ווי בלינד געווארן און אים נישט דערזען.

ס'איז זייער שנעל קלאר געווארן אז דער איינציגער וועג ארויס איז נאר זיך ארויסצובאקומען פון דעם פארשאלטענעם לאנד. דער שנעלסטער וועג ארויס איז נאטורליך געווען אריבער די גרעניץ קיין רומעניע, וואו אידן האבן געלעבט פארהעלטניסמעסיג רואיג. פילע אידן האבן זיך געראטעוועט דורך אריבערגיין די גרעניץ, און דעם רבי'נס נאנטע האבן גענומען זוכן א וועג ארויס פארן רבי'ן.

## א רעטונג פלאן אויפן האריזאנט

אינצווישן זענען די נאציס אנגעגאנגען מיט זייער דייטשער פונקטליכקייט אין פארווירקליכן דעם



# איך בין געוועזן מיטן רבי'ן אין תפיסה

## נייע אנטדעקטע פאקטן פון די פינסטערע מאמענטן ווען דער רבי איז געווען אין קלויזנבורגער תפיסה — פון אן עד ראיה



פירער'ס וואונטש און זיין 'ענדגילטיגע לעזונג' צו די אידן פראגע. אייכמאן ימ"ש האט ארויסגעגעבן דעם באפעל איינצוזאמלען אלע אידן אין געטאס. דער באפעל איז פארשפרייט געווארן דאנערשטיג תזריע-מצורע, ד' אייר, און זונטאג דערויף האט מען אנגעהויבן אויפשטעלן דעם געטא אין די שטאט סאטמאר.

די ערד האט אנגעהויבן ברענען אונטער די פיס. אפילו אויב דער רבי וואלט געקענט ארייגעשמוגלט ווערן אין געטא וואלט ער בשום אופן נישט געקענט דארט בלייבן צו לאנג אויסבאהאלטן, ס'איז קלאר געווארן אז די לאגע קען נישט זיין מער מסוכן, און מ'מוז זאפארט טרעפן די וועג פארן רבי'ן אריבער די גרעניץ.

אין סאטמאר האט געוואוינט א איד מיט'ן נאמען ר' יוסף מאיר גליק ז"ל, אן ענערגישער און געוואגטער עסקן וועלכער האט נאך וואכן פריער זיך גענומען זוכן א שפאלט אין דער גרעניץ וואו אידן זאלן זיך קענען ארויסגליטשן. פסח צייט האט ער ארויסגעשיקט זיינעם א משפחה מיטגלידער קיין קלויזנבורג, וועלכע איז געווען נאנט צו די גרעניץ מיט רומעניע, צו טרעפן אדער שאפן אט דעם שפאלט.

דער שליח האט אנגעטראפן א גוי, סטעפאן, וועלכער האט פארמאגט א פאַרם הארט אויף דער גרעניץ וואו ער האט געהאדעוועט זיינע בהמות. סטעפאנ'ס פאטער האט געהאט אן אנדערן פאַרם אין דעם שטח הפקר וואס צווישן די גרעניצן – ביי כמעט יעדן גרעניץ אין דער וועלט איז פאראן א קורצער שטח וואס ביידע זייטן לאזן ליידיג און הפקר – און סטעפאנ'ס יונגערער ברודער האט געהאט א דריטן פאַרם וואס איז געווען האלב אינעם שטח הפקר און די אנדערע האלב אין רומעניע.

אויב האט מען געוואלט אריבערשווערצן די גרעניץ האט מען געדארפט גיין אין סטעפאנ'ס פארם אויף די אונגארישע זייט, דאן צו זיין פאטער אינעם שטח הפקר, פון דארט צום ברודער וואו מען האט זיך בליץ שנעל געטראפן אין רומעניע. אלע דריי סטעפאנ'ס האבן שטארק ליב געהאט אפאר גרייצער [די איינציגע שפראך וואס ווערט גערעדט סיי אין רומעניע, סיי אין אונגארן, און סיי אין א שטח הפקר], און מסכים געווען אריבער צו שמוגלען אידן פאר א גוטן פרייז פער קאפ.

יענעם פרייטאג תזריע-מצורע, א טאג נאך די מעלדונג וועגן די געטאס, האט ר' יוסף מאיר באקומען אויף א קונציגן אופן דעם טעלעפאן רוף פון זיין שליח מיט דעם איינעם ווארט "געגאנגען", וואס האט באדייט אז דער וועג איז אפן. פאר ר' יוסף מאיר איז דאס געקומען ווי א רעטונג'ס ברעט אין די לעצטע מינוט צו קענען ראטעווען דעם רבי'ן און אנדערע אידן.

נאך יענעם פרייטאג צו נאכט'ס איז זיין ברודער [ר' יעקב יצחק גליק שליט"א, לרפו"ש] ארויסגעפארן קיין קלויזנבורג – צוליב פיקוח נפש איז ער געפארן אום שבת –צו זען פונקטליך וויאזוי דער גאנצער וועג קען ארבעטן. שבת נאכמיטאג האט ער באקומען א טעלעפאן רוף: "איך בין אדורך די גרעניץ".

זונטאג האט ר' יוסף מאיר ארויסגעשיקט נאך צוויי גרופעס, אריינגערעכנט זיין טאטן הרה"ח ר' נטע ע"ה און טייל פון זיינע נאנטסטע קרובים, און ווען די צוויי גרופעס זענען אויך אדורך בשלום האט ער באשלאסן אז ער וועט ארויסשיקן דעם רבי'ן אויף דעם זעלבן וועג. ער האט נאר געהאט איין גרויסן פראבלעם. ווי שוין דערמאנט האט קיין איד נישט געטארט פארן מיט דער באן, די אנדערע האבן ווי עס איז נאך באוויזן זיך דורכצושווערצן די קאנטראל אויפן באן, אבער פארן רבי'ן וועט דאס זיין אוממעגליך.

ר' יוסף מאיר האט אליין געוואלט מיטפארן מיט די דאזיגע גרופע, ער האט אויך געלאדנט הגה"ק רבי אליעזר פיש זי"ע הי"ד, דער ביקסאדער רבי, אז ער זאל מיטקומען מיט זיי קיין רומעניע. דער ביקסאדער רבי האט אויך געהאט דעם זעלבן פראבלעם ווי רביה"ק זי"ע צו פארן מיט דער באן.

## גערופן אן אמבולאנס צו ראטעווען

מאנטאג פארמיטאג האבן די צוויי זון פון ביקסאדער רבי'ן דערציילט פאר ר' יוסף מאיר אז ס'איז זיי געלונגען צו פארשאפן א מיליטערישן אמבולאנס פון רויטן-קרייץ און צוויי אונגארישע סאלדאטן וועלכע זענען גרייט אריבערצופירן אכצן נפשות מיט'ן אמבולאנס קיין קלויזנבורג פאר דעם פאנטאסטישן סכום פון צען טויזנט פענגאס. א גרויסער טייל פונעם געלט איז געקומען פון הרה"ח ר' משה לייב עפשטיין ז"ל, פאטער פון הרה"ח הישיש ר' אברהם שלום עפשטיין שליט"א.

לויטן פלאן האט מען געדארפט ארויספארן מאנטאג נאכט און אנקומען קיין קלויזנבורג דינסטאג פארטאגס, דער וועג האט גענומען זעקס שעה. אין קלויזנבורג האט מען געפלאנט אפצושטייגן ביי הרה"ח ר' ירמי' טעסלער ז"ל, דער ארטיגער ראש הקהל און פייערדיגער חסיד פון רביה"ק זי"ע, ביז ווען מ'וועט קענען אנקומען צו די סטעפאנ'ס און אריבער קיין רומעניע.

דער סאלדאט/דרייווער האט זיך נישט אויסגעקענט אין קלויזנבורג, זיכער נישט אין די פינסטערע פארטאג'ס שעה'ן אין מלחמה צייט, ווען מ'טאר נישט אנצינדן קיין ליכט. דערפאר איז געבליבן אז ר' יוסף מאיר וועלכער האט זיך יא גאר גוט אויסגעקענט דארט וועט מיטקומען און אים ווייזן דעם וועג. אלעס אינאיינעם איז געווען אויסגערעכנט פונקט גענוג פלאץ פאר צוואנציג נפשות.

למעשה איז דער אמבולאנס נישט אנגעקומען מאנטאג נאכט, און בלית ברירה האט מען געמוזט ווארטן אויפן קומענדיגן טאג, דינסטאג. צוליב דאס אפשטופן זענען פארשידענע מענטשן געוואויר געווארן איבער דעם טראנספארט און געקומען זיך אנשליסן טראץ וואס זיי זענען נישט געווען אריינגערעכנט אין די פלענער.

ווען ר' יוסף מאיר איז אנגעקומען דינסטאג מיטן אמבולאנס זענען דארט געווען פארזאמלט א היפשע גרופע, פיל מער ווי ארגינעל געפלאנט, און דעריבער איז געווארן א שטארקער שטופעניש ווען יעדער האט זיך געוואלט ארייינבאקומען אינעווייניג. דער רבי זי"ע האט זיך געשטעלט אין דער זייט, און ווען נישט ר' יוסף מאיר שטופט אים אריין מיט כח וואלט דער רבי גאר דארט געבליבן. דאן איז שוין דער אמבולאנס געווען איבערגעפולט, ר' יוסף מאיר האט זיך אריינגעזעצט דער לעצטער און געוואלט צומאכן די טיר.

מיטאמאל האט ער באמערקט דעם ביקסאדער רבי'ן, וועלכער האט זיך אויך נישט געהאלטן ביים שטופן, ווי ער איז געבליבן אינדרויסן. ר' יוסף מאיר שפרינגט ארויס פון אמבולאנס און שטופט אריין דעם ביקסאדער רבי'ן, ער קריכט אריין נאך אים, אבער דאן איז שוין געווען אוממעגליך אפילו צוצומאכן די טיר. דער דרייווער איז געווארן נערוועז און צוגעגאנגען צו די טיר, אנגעכאפט דעם ערשטן מענטש וואס ער האט געטראפן און ארויסגעשליידערט, צוגעמאכט די טיר און זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג.

וואס דער דרייווער האט נישט געוואוסט, אז אין דער פינסטערניש האט ער ארויסגעווארפן דוקא ר' יוסף מאיר'ן, דער וועלכער האט געדארפט זיין דער וועגווייזער אין קלויזנבורג!

דער וועג האט זיי גענומען גאנץ שנעל. זיי זענען אדורך דייטשע און אונגארישע וואך פונקטן אבער פארן רויטן קרייץ האט יעדער דרך ארץ און קיינער האט זיי נישט אפגעשטעלט. ערשט ביים אנקומען דארט צוויי אזייגער פארטאגס האט מען זיך געכאפט אז ר' יוסף מאיר איז נישטא. קיינער האט זיך נישט אזוי גוט אויסגעקענט ווי ער, און א האלבע שעה האט מען אזוי ארומגעבלאנזשעט איבער די גאסן, ווען די סאלדאטן ווערן אלס מער און מער נערוועז.

פונקט יענעם טאג האט מען געעפנט די געטא אין קלויזנבורג, און דעריבער זענען די גאסן געווען פול מיט זשאנדארן און פאליציאנטן, וואס האט פארשטייט זיך נישט צופיל צוגעגעבן צו בארואיגן די אנגעשרויפטע אונגארישע נערוון. ענדליך האט זייער געדולד געפלאצט און זיי האבן 'אויסגעליידיגט' דעם אמבולאנס אונטערן דראאונג פון זייערע ביקסן.

דא האט א גרופע פון קנאפע דרייסיג אידן זיך דערזען אליינס אויף דער גאס, די פינסטערניש וואס האט זיי ארומגענומען האט אקוראט אפגעשפיגלט נישט בלויז די געפילן אין זייערע הערצער נאר דעם אלגעמיינעם מצב אין וואס כלל ישראל האט זיך דאן געפינען. די גרופע האט זיך אזוי

(פארזעצונג אויף זייט 27)



## כי "יום" זו

"איין טאג
באדייט א
אדירים, תור
טובות, יראת
א.א.וו.
אריינגעלייגט
תלמידים ות
אפטיילונגען

### זכות יו

000

## מלא "שבוע" זאת

קויפט אפ די געוואלדיגע זכותים פון לימוד התורה, חומש ורש"י, משניות, גמרא, רש"י און תוספות, און התעלות במדות טובות, יראת שמים, פון א פולע כיתה תלמידים אין די תלמוד תורה, וואס ווערט פארעכנט לזכותו פונעם נדבן.

### זכות כיתה לשבוע

**$3,600**

קדושה משולשת

שלש תרומות נאמרו כאן



## ה גדול וקדוש

אין די מוסדות"
קייט פון זכותים
ה, תפלה, מדות
שמים, צניעות,
וואס ווערט
אין די טייערע
למידות אין אלע
פון די מוסדות.

### ים לשנה

**$5,0**

## עולת "חודש" בחדשו

די זכותים אדירים ווערן פילפאכיג געדאפעלט ווען מ'קויפט אפ די זכותים אדירים פון "א גאנצן חודש" הרבצת התורה דורך א גאנצע כיתה פון טייערע תלמידים, גאנצע 4 וואכן חינוך הבנים פון 30 תלמידים צאן קדשים.

### זכות כיתה לחודש

**$12,000**

## מדי "חודש" בחדשו

דער זכות אדיר צו האבן א חלק אין "אלע כיתות" אין די ת"ת און בית רחל, מיט אלע זכותים פון הרבצת התורה, חינוך הבנים והבנות, יראת שמים, צניעות און מדות טובות, פון די הויכע טויזנטער לעכטיגע צאן קדשים און זייער התעלות.

### זכות פרנס החודש

**$24,000**



יעדער יחיד מוז זיך אנשליסן אין דעם זכות "תלמיד לשנה" צו האבן א שותפות מיט א תלמיד אין די מוסדות הק', און ארויסהעלפן די הנהלת המוסדות אין זייער שווערן דעפעציט.

**דבר השוה לכל נפש**
בלויז $100 לחודש

# זכות תלמיד לשנה

# $1,200

**$1,200 לשנה - בלויז $100 לחודש**

# א בליק אין די מוסדות



די רעכטע הענט אויף די צוגעמאכטע אויגן..



הילדים אשר חנן אלקים





אוי איז א נחת צו קוקן אויף דעם "מדות טאוועל"





דער "מדות טאוועל" אין קארידאר פון כיתה ב' און ג'



אין א פרייליכע אטמאספערע מיט אהבת חברים



דער שיינער ראטלידזש סט. אריינגאנג צום בנין הת"ת החדש



# איך בין געווען מיטן רבי'ן אין תפיסה

## ניי אנטדעקטע פאקטן פון די פינסטערע מאמענטן ווען דער רבי איז געווען אין קלויזנבורגער תפיסה — פון אן עד ראיה

(פארזעצונג פון זייט 23)

ארומגעדרייט פון הויז צו הויז זוכנדיג א מזוזה ביז ווען עס איז טאג געווארן. דאן זענען זיי גאר שנעל אנטדעקט געווארן דורך די זשאנדארן וועלכע האבן זיי ארעסטירט און געפירט צו די פאליציי סטאנציע.

פאר איינצעלנע פון די גרופע איז יא געלונגען זיך ארויסצודרייען פון די פאליציי, אריינגערעכנט די ענערגישע מוטער פון ר' יוסף מאיר [דער בוים פאלט נישט ווייט פון דאס עפעלע...] וועמען עס איז געלונגען אנצוקומען צום שטוב פון ר' ירמי' טעסלער און אלארמירן אז דער סאטמארער רב געפינט זיך אין תפיסה, אינאיינעם מיט צענדליגער אנדערע אידישע נפשות.

## "ער ווישט זיך די אויגן"

אינצווישן איז די גרופע אראפגעפירט געווארן אין קעלער פון די פאליציי סטאנציע. דורכ'ן פארגראטעטן פענסטערל אין דער הייך האבן זיי באמערקט א געלע לאטע, א קלארער צייכן אז דא אויבן שטייט א איד, אבער ווי דערציילט מען אים ווער עס ליגט צו זיינע פיס?

איז געבליבן אז דער רבי זי"ע וועט זיך אויפשטעלן אויף די פלייצעס פונעם גבאי'ן, הרה"ח ר' יוסף אשכנזי ז"ל, וועלכער האט זיך אויפגעשטעלט אויפן איינציגן בעט וואס איז דארט געשטאנען. דער רבי איז געשטאנען אזוי א שטיק צייט ביז יענער האט אים דערזען דורכ'ן פענסטער און געוויזן פארן רבי'ן אז ער האט געזען ווי דער ספר תורה איז שרוי בצער. דער איד איז געווען הרה"ח ר' חיים ערנסטער ז"ל, א חשוב'ער בעל הבית פון קלויזנבורג.

דער רבי איז אראפ פון ר' יוסף'ס פלייצעס און געזאגט אז דער איד האט אים געזען. אויף די פראגע פון וואו דער רבי איז אזוי זיכער אז יענער האט אים געזען האט דער רבי געענטפערט: "כ'האב געזען ווי ער קוקט אויף מיר און ווישט זיך די אויגן".

דער ר' חיים איז באלד געלאפן מאכן א געוואלד אין די שטאט אז דער סאטמארער רב איז דא ארעסטירט. ר' ירמי' טעסלער און אנדערע איינפלוסרייכע אידישע עסקנים האבן באלד גענומען ארבעטן אויף אלע זייערע קאנטאקטן מיט אלערליי שתדלנות מיטלען, אבער אן ערפאלג. די טומאה האט בשום אופן נישט געהאלטן ביים ארויסלאזן אזא פעטן ביסן פון אירע נעגל.

נאך זיך ברעכן קאפ איז געבליבן נאר איין איינציגער מיטל, א געוויסער אדוואקאט מיטן נאמען פּאַזאַקאַש יאַנאָש, וואס זיינס א ווארט איז ווערט געווען אוצרות, און ער וואלט מעגליך געקענט דא עפעס אויפטון. עס איז נאר געווען איין 'קליינער' פראבלעם: ער איז געווען פון די פירער פון די פרא-נאצי פארטיי אין אונגארן.

ר' ירמי' האט ארויסגענומען פופציג טויזנט פענגא, אן אומגעהויערע סומע לויט די אומשטענדן, און געזוכט ווער עס איז גרייט צו גיין אויפהענגען די גלאק אויף די קאץ. קיין סאך בעלנים האבן זיך נישט געטראפן, דאן איז אפיר געקומען דער מסירות נפש'דיגער חסיד ר' חיים מרדכי שטיינבערג ז"ל און זיך אנגעטראגן ארויפצוגיין.

דאס געלט האט טאקע געארבעט, דער אונגארישער גוי האט גערן פארקויפט זיין אידעאלאגיע פאר די פאר גראשן [פארדאן: פענגא]. אבער אפילו זיין ווארט האט נישט געקענט מוציא זיין מידי מעשה פון די פארשאלטענע רשעים. איין זאך וואס איז אים יא געלונגען צו פועל'ן אז אנשטאט צוריק קיין סאטמאר זאל מען אריינפירן דעם רבי'ן אין קלויזנבורגער געטא.

דער רבי איז געזעצן אין תפיסה פון מיטוואך ביז פרייטאג, און לכבוד שבת האט די טומאה ארויסגעלאזט דעם רבי'ן אין געטא, וואס פאקטיש איז דאס לויטן מצב געווען א הצלה ממש. ווען דער רבי קומט אן קיין סאטמאר איז לייכט אנצונעמען אז ער וואלט פון די דארטיגע רשעים חלילה נישט ארויס גאנץ.

דער רבי איז געווען אין קלויזנבורג ביז א העכסט מערקווירדיגער און גוט באקאנטער חלום האט אים ארויפגעשטעלט אויף די באן, וועמענ'ס רייזע האט זיך פארצויגן אויף לאנגע מאנאטן, טייל דערפון שווארצער ווי שווארץ, אבער עווענטועל האט די קדושה געזיגט און רביה"ק זי"ע איז ארויס גאנץ פון פיסק פון וואלף וואס האט אים שוין געהאט איינגעשלינגען.

דאס איז פארגעקומען אין דעם גרויסן טאג כ"א כסליו תש"ה, דער טאג וואס דאס יהדות החרדית איבער דער גארער וועלט איז געראטעוועט געווארן מאפילה לאורה, דורך א ליכטיגן שטראל פון די השגחה אין די פינסטערע יארן.

* * * * *

און אצינד וועלן מיר איבערגעבן דאס ווארט פאר מוהר"ר חיים מאשקאוויטש ני"ו, דער איינציגער וועלכער האט זיך געפינען אינאיינעם מיט רביה"ק זי"ע אין די געפארפולע מאמענטן ווען די טומאה האט פארכאפט דעם רבי'ן אויף אייניגע טעג, און געפינט זיך נאך מיט אונז היינט צו טאג לאויוש"ט:

"מיין פאמיליע איז געווען זייער נאנט פארבינדן מיט סאטמאר, אייגנטליך איז ר' יוסף מאיר גליק, דער הויפט איניציאטאר פון די אונטערנעמונג צו ראטעווען דעם רבי'ן, געווען מיין לייבליכער פעטער. איך פערזענליך בין אליין געבוירן אין די שטאט סאטמאר.

"מיין פאטער איז געווען הרה"ח ר' הערש פנחס מאשקאוויטש ז"ל, פון די געהויבענע סאטמארע חסידים. ער איז ארויף קיין ירושלים נאך בעפאר די קריג, און איך בין געבליבן אינדערהיים. מיין פאטער איז געווען א תלמיד פון רבי'ן נאך פון די צייטן ווען דער רבי האט געוואוינט אין סאטמאר אלס גאר יונגערמאן, נאך איידער ער האט אנגענומען דאס רבנות אין ארשיווע.

"אגב וועל איך דיר דערציילן אן אינטערעסאנטע מעשה, ווען דער רבי זי"ע האט געוואוינט אין ירושלים במשך פון יאר תש"ו האט מיין פאטער זיך כסדר געדרייט ביים רבי'ן, און ער פלעגט פאר זיך פריוואט אפשרייבן אלע תורות ביי די טישן. איינמאל האט ער נישט געקענט געהעריג מיטהאלטן די תורה ווייל ס'איז געווען צו טיף.

"צו זיין וואונדער פרעגט אים דער רבי נאכ'ן טיש אויב ער האט מיטגעהאלטן די תורה, ווען ער האט געזאגט אז נישט האט אים דער רבי איבערגעזאגט די גאנצע תורה מיט א קלארקייט. ס'איז געווען א פלא ווייל מיין טאטע האט קיינמאל נישט געזאגט פארן רבי'ן אז ער שרייבט אפ די תורות. ווייזט אויס אז דער רבי האט תופס געווען זיין מחשבה.

"מיין זיידע, מיין מאמע'ס טאטע, איז געווען הרה"ח ר' נתן נטע גליק ז"ל, דער פאטער פון ר' יוסף מאיר ע"ה [וועלכער איז, ווי אויבנדערמאנט, געווען צווישן די ערשטע גרופעס וועלכע זענען ארויס זונטאג], ר' יעקב יצחק לרפו"ש [וועלכער האט אויספרובירט דעם הצלה וועג און פארזיכערט אז עס ארבעט, ווי אויבנדערמאנט], און נאך.

"ווען די געשיכטע האט זיך אפגעשפילט בין איך אלט געווען אינגאנצן פינף יאר. איך קען דיר דערציילן וויפיל איך געדענק אלס פינף יאריג קינד, און וואס מען האט מיר שפעטער איבער דערציילט.

"ווען ר' יוסף מאיר האט צוזאמגעשטעלט די גרופע פארן אמבולאנס האט ער אריינגערעכנט זיין מוטער, מיין באבע ע"ה, און זי האט באשלאסן מיר מיטצונעמען אינעם אמבולאנס און פון דארט קיין רומעניע. מיין באבע איז געווען גאר א קלוגע און ענערגישע פרוי, און זי האט זיכער געמאכט אז מיר ביידע געפינען זיך אינעם אמבולאנס.

"דער אמבולאנס איז נישט געווען צו גרויס, בערך אזוי גרויס ווי א היינטיגער וואן. פארשטייט זיך אז ווען איבער צוואנציג מענטשן גייען אריין דארט איז געווען גאר שטארק צושטופט, אפילו פלאץ צו שטיין איז נישט געווען געהעריג. עס איז געווען כמעט אוממעגליך צו זען עפעס אינעווייניג צוליב די פינסטערניש, אבער איך געדענק קלאר די אטמאספערע אין וועלכן איך האב זיך געפינען, זייענדיג נאנט צום הייליגן רב, ווי אויך הגה"ק ביקסאדער רבי זצ"ל הי"ד.

[הערה: ר' חיים האט דא צוגעגעבן אן אינטערעסאנטן פאקט וואס איז נישט געווען באקאנט ביז היינט, אז די סאלדאטן האבן נישט געארבעט פארן רויטן קרייץ און דער אמבולאנס איז פאקטיש געווען א געגאנבעטער. א פאקט וואס קען בעסער ערקלערן פארוואס די סאלדאטן זענען געווען אזוי אנגעצויגן אין קלויזנבורג טראץ וואס אויפן וועג זענען זיי אדורך דייטשע און אונגארישע קאנטראל פונקטן און קיינער האט זיי נישט אפגעשטעלט.

אויב דער אמבולאנס איז געווען געגנב'עט האבן זיי געברויכט אומקערן די גניבה בעפאר עס ווערט אנטפלעקט. מ.ב.].

"ביים אנקומען אין קלויזנבורג ווען

(פארזעצונג אויף זייט 43)



# דעם רבי'נ'ס דרשה פאר מתן תורה

## זעלטענע דרשות פון רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע

### ביים יערליכן דינער לטובת די מוסדות, פר' יתרו תשי"ח לפ"ק

ב. ניימאן

כאטש ס'איז היינט היפש אומבאקאנט, איז דער יאר תשי"ח איז געווען גאר א קריטישער אין די היסטאריע פון סאטמאר. אמעריקע'ס עקאנאמיע איז געווען אין אן ענליכן צושטאנד ווי היינט צו טאג, זי איז נארוואס אריינגעפאלן אין רעסעסיע און דער אזוי-אויך-היפש ארעמער היימישער ציבור איז געווען ממש דערשטיקט אונטער דעם שווערן פינאנציעלן לאסט.

ווי געוועגליך אין אזוינע פעלער שפירט זיך דאס ליידער צום ערשט ביי די מוסדות התורה וועלכע זענען הויפטזעכטליך באזירט אויף נדרים ונדבות פון זייערע גוטהארציגע שטיצער, און זענען די ערשטע אויפצומערקן ווען דער פינאנציעלער פאסיק הייבט אן זיך איינצוציען ארום די אזוי-אויך איינגעצויגענע קישקעס פון היימישן עולם.

דאס איז אויך געווען באלד נאך די יארן פון די "אונגארישע רעוואלוציע" קעגן די קאמוניסטן, ווען טויזנטער אידן האבן אויסגענוצט די געלעגנהייט און אנטלאפן פון די מיט-בלוט-דורכגעווייקטע אייראפע. די 'גרינע' איינוואוינער האבן געברענגט א שארפן פלוצלונגדיגן וואוקס אין די מוסדות הקדושים, אבער אן קיין פרוטה ביי דער נשמה האבן זיי נישט געקענט צולייגן דאס געלט וואס האט זיך יעצט פריש פארלאנגט.

דער מצב איז געקומען צו א קאטאסטראפע, עס האט גענומען שוועבן אן ערנסטע מעגליכקייט אז די מוסדות הקדושים זאלן חלילה אונטערברעכן און זיך גענצליך צושפארן, וויניגסטנ'ס אפזאגן דעם פלייץ פון פרישע פליטים וועמענ'ס קינדער – אייגנטליך, א ריזן טייל פון אונז און אונזערע עלטערן זעלבסט! – וואלטן חלילה פארפאלן געגאנגען צו די אמעריקאנער א.ג. 'מוסדות', אדער חלילה נאך ערגער.

אדאנק דעם אויסטערליש שווערן מצב האט רביה"ק זי"ע, אנדערש ווי געוועגליך, אויפגעטרעטן מיט אפאר ווערטער **בעפאר** מען האט אויסגערופן די סכומים, כדי אנצעווארעמען דעם ציבור צו פארגרעסערן די נתינות ביז'ן מאקסימום, מיט א שמיץ אריבער.

דער דינער איז פארגעקומען אין פרשת יתרו – אין יענע יארן איז נאך דער דינער אפגעראכטן געווארן באזונדער פון די פייערליכע מסיבות פארן יום ההצלה כ"א כסליו – און דער רבי זי"ע האט אפעלירט צום ציבור מיט הארציגע און פייערדיגע ווערטער. דער רבי האט ציטירט אן אוה"ח הק' אין פר' פנחס אז צומאל טרעפט מען אין די תורה הק' ווי דער רבש"ע זאגט פאראויס פאר משה רבינו אז ער גייט אים באפוילן א געוויסע מצוה, נאך איידער ער האט בעצם באקומען די דאזיגע מצוה.

דער רבי האט דערמיט ערקלערט פארוואס דער אויבערשטער האט שוין אנגעזאגט די מצוה פון מחיית עמלק נאך אפילו בעפאר מתן תורה, וואס מחיית עמלק איז דאך איינע פון די תרי"ג מצוות התורה, נאר וויבאלד דאס אויסרייסן עמלק איז אזא קריטישער יסוד אין דער עצם עקזיסטענץ פון כלל ישראל האט זיך אויסגעפעלט אז די אידן זאלן שוין וויסן דערפון, נאך אפילו זיי האבן באקומען די פאקטישע מצוה פון אויסמעקן עמלק.

דאס זעלבע האט דער רבי צוגעשטעלט צו אונזער ענין, נאכן ארויפשטעלן דעם מורא'דיגן יסוד אז **דאס געבן געלט צו שטיצן די תורה הק' איז ענליך צו מתן תורה זעלבסט!** האט דער רבי געזאגט אז ער וועט זאגן אפאר ווערטער נאך פאר 'מתן תורה', ענליך צו וואס דער אויבערשטער האט מצווה געווען מחיית עמלק נאך פאר מתן תורה צוליב איר אויסטערלישער וויכטיגקייט...

פאלגנד זענען עטליכע אויסצוגן פון די אויסטערלישע און הייליגע דיבורים מיט וועלכן דער רבי האט אפעלירט צום ציבור זיך אנצושטרענגען איבער די כוחות און ראטעווען דעם עקזיסטענץ פון די סאטמארע מוסדות, און דאדורך דעם עקזיסטענץ פון כלל ישראל.

*****

...דאס זעלבע קען מען אויך זאגן לעניננו, מ'איז זיך צוזאמגעקומען אויף פאר מתן תורה, מ'ברויך געבן פאר די תורה. די תורה הק' האט מען אונז געגעבן אויפן בארג סיני, אבער מ'זאל קענען אויפהאלטן די תורה דאס דארף מען איצט געבן. נו, דער עיקר וועט מען טאקע זאגן נאך מתן תורה, שפעטער, נאר אבער ביזדערווייל מוז מען זאגן אפאר ווערטער פריער.

אזויווי דער רבש"ע האט געזאגט כתוב זאת זכרון בספר, שפעטער וועט שוין נאכקומען, א גאנצע פרשה וועט שטיין אין די תורה הק', נאר ביזדערווייל זאגט ער אים א הערה אפאר ווערטער, דאס זעלבע ווילן מיר זאגן בקיצור א הערה אפאר ווערטער, שפעטער ווילן מיר שמועסן באריכות אין דעם גאנצן ענין...

[דא האט דער רבי זי"ע מאריך געווען אין פארענטפערן די סתירה וואס מ'טרעפט אין רש"י הקדוש אויף די גמרא'ס דרש "והודעת להם את הדרך ילכו בה", וואס די גמרא זאגט "והודעת להם, זה בית חייהם" (און דו זאלסט זיי צעוויסן טאן, דאס איז דער הויז פון זייער לעבן), זאגט רש"י צוויי פירושים אויף די ווערטער "בית חייהם".

אין מס' ב"ק (ק.) זאגט רש"י אז דאס מיינט אז א טאטע דארף אויסלערנען דאס קינד וויאזוי צו לערנען, און אין מס' ב"מ (ל:) זאגט ער אז דער טאטע דארף אויסלערנען דאס קינד א פאך, א פרנסה פון וואס צו לעבן].

...מיין איך אפשר אז דאס זענען די צוויי רש"י'ס, רש"י זאגט תלמוד תורה, און דארט זאגט רש"י אומנות להתפרנס בה, דאס איז הא בהא תליא. די וועלט מיינט אז מ'האט א גוטן אומנות להתפרנס בה, מ'האט א גוטע פרנסה קען מען אסאך שטיצן די תלמוד תורה. סאיז אמת ויציב, מ'דארף צו האבן און אז מ'האט קען מען שטיצן. אבער דאס פארקערטע איז אבער אויך אמת, אז מ'שטיצט די תלמוד תורה האט מען א גוטע אומנות, האט מען א גוטע פרנסה, דאס ברענגט פרנסה, דאס ברענגט חיזוק, דיביידע זענען אמת.

זאגט ער כי היא בית חייהם, דאס איז תלמוד תורה און דאס איז אן אומנות להתפרנס בה, און די ביידע רש"י'ס זענען מפרש איינער דעם אנדערן...

> **די וועלט מיינט אז מ'האט א גוטן אומנות להתפרנס בה, מ'האט א גוטע פרנסה קען מען אסאך שטיצן די תלמוד תורה. סאיז אמת ויציב, מ'דארף צו האבן און אז מ'האט קען מען שטיצן. אבער דאס פארקערטע איז אבער אויך אמת, אז מ'שטיצט די תלמוד תורה האט מען א גוטע אומנות, האט מען א גוטע פרנסה, דאס ברענגט פרנסה, דאס ברענגט חיזוק, די ביידע זענען אמת.**

...מורי ורבותי, מ'דארף נישט צו זאגן, מיר זענען דא פארטריבן געווארן אין די מדינה, נסים ונפלאות, מיט חסדי השי"ת, מ'איז ניצול געווארן מיטן לעבן מ'איז געקומען אהער, ס'איז נישט בחנם, געלויבט השי"ת מ'האט די זכי' השי"ת האט נישט פארלאזט, מ'האט דא אויפגעשטעלט א מקום חינוך, א מקום תורה.

מ'האט אנגעהויבן פון גארנישט, כ'האב געזאגט א רמז תחילת דעם ווינטער האמיר געהאלטן ב"ה ביי איבער אכצן הונדערט קינדער, האב איך געזאגט כי הם חיינו, מ'גיט ח"י האלט מען ביי ח"י, ביי אכצן הונדערט קינדער. אבער דעם סוף ווינטער האב איך מיך א קוק אום געגעבן בערך מ'האלט שוין ביי ניינצן הונדערט קינדער.

ס'שטייט, אזוי שטייט ביי די שבת לעכט פון זכור ושמור, אז מ'צינדט מער מיט דעם איז נישט פארדארבן די כוונה (עי' רמ"א ריש סי' רס"ג), אז ס'איז דא דערין דער מנין ח"י, אז ס'איז דא מער דער ח"י בלייבט אלץ. טאמער איז דא ווייניגער דאס פארדארבט די כוונה, מער דאס פארדארבט נישט די כוונה, אז מ'גיט מער ווי ח"י דאס איז אסאך מאל ח"י.

נאר וויסן זאל מען, מ'דארף דאס פארשטיין, געלויבט השי"ת האט חונן דעת געווען, מ'האט אויפגעשטעלט דעם מקום חינוך, מ'דארף דאך נישט דערציילן די שוועריגקייטן, יעדער ווייסט דאך, רוב עולם אונזערער פלאגט זיך אויף א שטיקל פרנסה, אויף אן אומנות להתפרנס בה, והודעת להם, ביז מ'דערזעט זיך ביז מ'האט.

קען מען זאגן טאקע כי היא בית חייהם, דאס איז אונזער חיות, דער רבש"ע זאל העלפן מ'זאל די זכיה האבן מ'זאל קענען אויפשטעלן דורות, די שוועריגקייטן וואס איז דא בכמות, און אויך באיכות.

אזוי האפן מיר, איך זאג דאך אייביג, ס'איז דא טאקע אלע ישיבות, מ'פארעכט, אבער דאס איז אלעם נאר אייניגע פראצענט. אונז האף מיר אז יעדעם קינד, דאס איז דאך א גאנץ הויז, א דור, פון אידן מאמינים בהשי"ת און מקושר צו די תוה"ק, דאס איז אלעם דורות, יעדעם קינד עקסטער, אזוי ווי מ'האפן מיר, אזויווי ס'איז דא אויסזיכטן.

די שוועריגקייטן קאן מען פארשטיין, די גרויסע סומעס, ווי שווער דאס איז פאר די ביסל אידן, מ'דארף דאך נישט זאגן, אינדרויסן האט מען נישט קיין שטיצע, מ'האט נישט קיין חיזוק. פריער האב איך גערעכנט דעם חשבון וועגן די ח"י, ס'איז דא הונדערט איינגעשטעלטע, כ'הער מ'האלט מיר שוין היינט ביי הונדערט און דרייסיג, און דאס אלעם דארף מען מפרנס זיין יעדע וואך.

דא ביי אונז ווייסט מען אלעם, דא ווייסט יעדער דעם אמת, ס'איז נישט עפעס גוזמות, אויסרעכענען ווי ווייט דער צורך איז. אסאך מאל דער שכל בלייבט שטיין אויף די חסדי השי"ת וויאזוי מ'פירט דאס דורך. מ'זאל נישט שטעקן בלייבן חלילה מיטאמאל.

דאס יאר אויפאמאל זענען צוגעקומען פיר הונדערט קינדער, דאס אליין איז א גרויסע ישיבה.

דאס פריערדיגע יאר איז מען ארוים מיט א דעפיציט, און ווי קאן מען דאס נעמען פון דעם דאזיגן עולם, מ'זאל זיך קאנען דערהאלטן. ח"ו דאס זאל חלילה בטל ווערן פארשטערט מען טאקע דאס גאנצע לעבן. כי הם חיינו. וואו מ'האלט מיר, דאס איז דער חיזוק, אויף דעם זענען מיר געקומען, דאס איז דער יסוד.

מ'האף מיר דער זכות וועט אונז מגין זיין, מ'זאל זיך קענען דערהאלטן און סובל זיין דאס שווערע גלות. תינוקות של בית רבן דארט איז די שכינה הקדושה, הייסט דאך דאס בית חייהם, די שכינה הקדושה.

כ'מוז זאגן אין קורצן, יעדע ישיבה קען מען אפעלירן אין די גאנצע וועלט, אין גאנץ אמעריקע, די גרויסע געלטער וואס גייען אוועק צו די סטרא אחרא פאלט דאס אוועק, אונז קאן מיר דאס נישט. פארוואס, דאס ווייסט יעדער פארוואס דאס איז.

אונז קאן מיר אפעלירן צו די אידן וואס קומען צו אונז, וואס זיי האבן געפיל און פארשטייען וואס אזא חינוך איז, יעדער ברויך צו פארשטיין ווי ווייט מ'ברויך דאס שטיצן איבער די כוחות, קיין אנדערע עצה איז נישטא, קיין אנדערער דרך איז נישט דא. חלילה מבטל זיין, חלילה מקצר זיין, אוועקשיקן קינדער, אויף דעם הארעוועט מען דאך מ'זאל ממשיך זיין קינדער צו אידישקייט.

מיר הארעווען אויף דעם אן א שיעור, מ'לייגט אויף דעם גרויסע כוחות. און דעמאלטס קען מען פארשטיין אז דער אייבערשטער העלפט, קינדער קומען, ס'קומט דאך צו, ח"ו אוועקשיקן, מרחק זיין מתחת כנפי השכינה טאר מען זיכער נישט. דאס איז א לעבנ'ס פראגע, מ'טאר נישט מבטל זיין, נישט מקצר זיין.

נו, מוז מען אפעלירן מיט אלע כוחות. דער עולם מוז זיך איבערגעבן איבער'ן כח. השי"ת זאל העלפן

טאקע, מ'זאל קענען דורכפירן און ווייטער שטופן...

[דא לאזט זיך דער רבי אריין אין א שמועס אז ווען עס קומט א שאדן אויף א איד, ווען עפעס גייט נישט ווי עס דארף צו זיין, איז עס א רעזולטאט פון די עבירות וועלכע זענען גורם דעם שאדן.

דער רבי איז דערמיט מסביר זיין פארוואס רבי חייא האט באפוילן פאר רב זיך אראפצושרייבן א גרויסן שאדן אין זיין בוך, דאס איז נישט געווען צוליב מסחר'ישע צוועקן, נאר כדי צו קענען מפשפש במעשים זיין און תשובה טון אויף די עבירות וועלכע האבן גורם געווען דעם שאדן].

...און חלילה אויב מ'גייט נישט ארויס איצט מיט אן ערפאלג קומט אוים חלילה שטיין צו בלייבן, מ'קען נישט באצאלן פאר די מלמדים, אויפאמאל ס'קומט צו, מלמדים מוז מען האלטן אויב נישט חלילה ס'גייט צוגרונד, שאדן פאר די ערציאונג פארן לערנען, פאר די תלמוד תורה.

מוז מען ארוים מיט אן ערפאלג, חלילה אז נישט, קען מען זיך אויפשרייבן אויפן בוך "דין עסק ביש", אז מ'האט געזינדיגט, ברויך מען אסאך תשובה טון. הגם מ'זעט דאך פון אינדרויסן גאר פארקערט, ווי מער מ'זינדיגט, ווי מער שטיצט מען וואס א גרעסערע ערפאלג גייט מען גאר ארוים, זעט מען דאך פארקערט. אבער פון די רעדט מען נישט, די קומען דאך נישט צו אונז, די זענען נישט ביי די בחינה. מיט די אידן אבער, א שלעכטער ערפאלג חלילה איז מסתמא פארקערט, מסתמא האט מען געזינדיגט...

...און אזוי־וויי מיר האבן גערעדט, כי בית חייהם דאס איז אונזער חיות, דאס איז אונזער תורה, דאס איז אונזער פרנסה. אה, כי הם חיינו, דאס איז אונזער ציהל, אונזער השתוקקות, אונזער רצון, יעדער איד וואס ער וויל זיין א איד און טון דעם רצון הבורא ברוך הוא, וואס וויל לעבן א אידיש לעבן, ווייסט ער אז דאס איז דאס גאנצע, דער חינוך.

פארוואס איז צוגרונד געגאנגען די אלע דורות דא אין אמעריקע, דער יסוד איז געווען וואס מען האט נישט גענוג געוויכט געלייגט אויפן חינוך. דאס איז אמאל אמת ויציב. פארדעם דארף מען אונז זען עד קצהו, כ'וועל שפעטער מסביר זיין פרטים דעריין, עד קצהו, דארף מען זיך פארלייגן אויף דעם חינוך, דאס צו דערהאלטן.

איבערדעם בעט איך יעדער זאל זיך נעמען, מ'זאל זיך משים אל הלב זיין, און וויסן אז דא גיט מען פאר הקב"ה, פאר די תורה. טאקע די וואכעדיגע סדרה זה בית חייהם, צעוויסן טון אז דאס איז בית חייהם, די יסודות, דאס איז דער מענטש, די גאנצע כח. [אז מ'שטיצט די תלמוד תורה] האט מען א חלק אין גרעסטן כח, דער אידישער כח, תינוקות של בית רבן וואס זיי גייען בדרך התורה בקדושה וטהרה און על דרך האמת. זיי ווערן נתגדל אויפן דרך פון אונזערע עלטערן, דאס איז דער גרעסטער יסוד.

און יעדער וואו ער האלט און וואס ער איז דארף וועלן האבן א חלק אין דעם במלוא מובן המלה. דארף יעדער צו וויסן, יעדער איד, דאס איז נישט דער פשוט'ער ענין פון צדקה [ווי אלע צדקות], דאס איז א חלק פון זיין געברויך, אזוי־ווי ער ברויך א וואוינונג, ער ברויך כלים אין שטוב, ברויך ער האבן חינוך פאר תורה.

דאס טאר נישט בטל ווערן, דאס איז א חלק פון די פרנסה, יעדער א חלק פון זיין ביזנעס פון זיין געברויך דאס ברויך ער אריינשטעקן אין חינוך. דאס פארשטייט יעדער.

און איך האף אז מ'וועט זיך בארעכענען, משים אל הלב זיין, און ארויסגיין מיט א געהעריגן ערפאלג, ארויסגיין מיט א געהעריגע סומע אז מ'זאל קענען ווייטער פירן דעם מוסד, די ישיבה, דעם פונדאמענט, דער יסוד פאר אידישקייט דאס זאל נישט חלילה בטל ווערן. כ'האף מ'וועלן מיר ארויסגיין, שלא נבוש ולא נכלם, מיט א רעכטן יסוד, ס'וועט זיין א שמחה פאר הקב"ה און די אלע אוהבי תורה ויראה.

דער בוכ"ע זאל העלפן טאקע מ'זאל מיר די זכיה האבן, רעדן שפעטער מער באריכות פון דעם גאנצן ענין.

עכ"פ דערווייל וועלן מיר מער נישט מאריך זיין, מ'קומט צו צו מתן תורה [דאס געלט געבן, וואס איז אזוי־ווי מתן תורה. ־ ב. ניימאן]. אי"ה נאך מתן תורה וועלן מיר זאגן מער באריכות אזוי־ווי מ'האט פריער געשמועסט.

דער בוכ"ע זאל העלפן מ'זאל מיר די זכיה צו האבן מחזק זיין דעם כח התורה והקדושה, השי"ת זאל אונז אלע העלפן מ'זאל מיר האבן הרחבת הדעת, מ'זאל קענען טון דעם רצון הבורא ברוך הוא מתוך נחת ושמחה, מ'זאל ניצול ווערן מכל צרה וצוקה.

מיר זאלן זוכה זיין במהרה אקעגן צו גיין דעם מלך המשיח מיט די דורות וואס מ'האט אויפגעשטעלט על דרך התורה והיראה, בהתגלות כבוד שמים עלינו במהרה בימינו אמן.

* * * * *

עס איז לייכט זיך פארצושטעלן וויאזוי דער ציבור איז געווארן איבערגענומען פון די פייערדיגע דברות קודש.

באלד נאכ'ן רבי'נס דרשה האט זיך אויפגעשטעלט רעדן הרה"ח ר' מרדכי זאב הירש ע"ה, א איד א נגיד און א גרויסער עסקן וועלכער איז כסדר געשטאנען דעם רבי'ן צו די רעכטע האנט. ער האט פארמאגט א שטיקל האטעל אין מאנטיסעלא וואו דער רבי זי"ע פלעגט צומאל ארויספארן זיך אפרוען. היינט צו טאג געפינט זיך אויפן זעלבן ארט דער קעמפ פון ישיבת "באר התורה ד'סאטמאר".

דער ר' מרדכי זאב האט אויך פארמאגט א גרויסן זאל אין ניו יארק, "ריווערסייד פלאזא", וואס ער פלעגט אפט שטעלן צו פארפיגן פארן דינער פון די מוסדות הקדושים, און אלס בעל אכסניא פלעגט ער שטארק אנווארעמען דעם ציבור לטובת די מוסדות מיט זיין רייכע און זיסע שפראך, וועלכע איז געווען נאך מער בא'טעמ'ט צו הערן אין זיין יעקישן אקצענט.

זייענדיג שטארק איבערגענומען פון רבינ'ס הייליגע ווערטער, פאר 'מתן תורה', האט ער אויך יענעם יאר גענומען דאס ווארט און געזאגט, צווישן אנדערן, דאס פאלגענדע:

"א גרויסער עולם האט שוין זיכער מקיים געווען נעשה קודם לנשמע און אויסגעשטעלט די טשעקס, אבער איך וויל די זעלבע צייט ס'זאל זיין וכל העם רואין את הקולות, זאגט דער מכילתא רואין את הנשמע, א סומע קען מען נישט זען, א סומע הערט מען, אבער מיט הערן אליין קען נישט מקויים ווערן דאס וואס מיר האבן יעצט געהערט פון אדונינו מורינו ורבינו שליט"א, בית חייהם זה תלמוד תורה.

"דער קיום פון ת"ת דארף נאך אין פראקטיק דורכגעפירט ווערן, ס'דארף זיין רואים את הנשמע, מיר דארפן זען דורכצופירן דאס וואס מיר האבן געהערט הייטע אוונט פון אדמו"ר שליט"א.

"ווען ר' ליפא פריעדמאן זאל זיין געזונט האט גערעדט צו מיין זון איבער נעמען דעם זאל שבת אוונט [מוצש"ק] האט מיין זון געזאגט אז ער קען עס נישט האבן ווייל ס'איז פארנומען, האט ר' ליפא געזאגט אז עס ברויך דאך זיין א מלוה מלכה, ווי קען דאס זיין זונטאג אוונט, האט מיין זון געענטפערט אז אין אמעריקע איז דא אידן וועלכע האבן נאך זונטאג נאכט אויך נישט געמאכט קיין הבדלה, זיי האבן נאכנישט געזאגט המבדיל בין קודש לחול.

"די אידן דא האט שוין טאקע יעדער געמאכט המבדיל בין קודש לחול, אבער יעצט נאך די ווערטער פון רבין שליט"א וויל איך זאגן אז מיר דארפן היינט נאכט אויך מאכן הבדלה, איר וועט שוין הערן וואסארא סארט הבדלה.

"עס ווערט דערציילט פון גרויסן ראטשילד אז ער האט פארוויילט עטליכע טעג אין עסטרייך אין א שטעטל, און יעדער האט געוואוסט אז דאס איז דער גרויסער ראטשילד. איז ער אמאל געגאנגען שפאצירן אויף די גאס און ס'האט אים אויסגעפעלט צינד האלץ [מעטשעס], איז ער אריינגעגאנגען אין א גראסערי, און יענער האט אים דערקענט אז דאס איז ראטשילד, און ער פרעגט וואס קאסט דער פעקל צינדהאלץ, זאגט אים דער געשעפטסמאן צען קראנען

"פרעגט אים ראטשילד, איז ביי אייך אזא זעלטנהייט מעטשעס וואס עס קאסט אזוי טייער? זאגט אים יענער, איך האב קאסטענעס מיט מעטשעס, ביי אונז איז קיין אנטיק מעטשעס, ביי אונז איז אן אנטיק ראטשילד.

"מיר האבן ב"ה אסאך ישיבות אין גרעיטער ניו יארק, אין אמעריקע, אלע ישיבות זענען הייליג, אבער די ישיבה ומתיבתא תורה ויראה דאס איז קודש קדשים! דארפן מיר היינט אוונט מאכן הבדלה בין קודש לקודש!".

שפעטער, נאך וואס הרה"ח ר' ליפא פריעדמאן ז"ל, מנהל המוסדות, האט אויסגערופן די סכומים מיט וועלכן דער עולם האט זיך ווארעם אנגערופן האט דער רבי זי"ע געזאגט די ארגינעלע דברות קודש ווי געוועגליך ביים דינער, נאך 'מתן תורה'...

צווישן די ווערטער האט דער רבי ארויסגעברענגט צוויי קריטישע פונקטן בנוגע דעם חינוך הטהור, יסודות וואס דער רבי פלעגט כסדר חזר'ן, 1) אז א ריינער חינוך מוז ווערן געשטיצט הונדערט פראצענט פון ריינע מקורות. 2) אז ווי איידער צו זוכן וויאזוי מ'קען צוריקברענגען דאס פארפאלענע זאל מען ענדערש אריינלייגן די כוחות אין אויפהאלטן דאס אלטע אז ס'זאל נישט פארפאלן געווען.

**ס'איז דא טאקע אלע ישיבות, מ'פארערכט, אבער דאס איז אלעם נאר איינציגע פראצענט. אונז האף מיר אז יעדעם קינד, דאס איז דאך א גאנץ הויז, א דור, פון אידן מאמינים בהשי"ת און מקושר צו די תוה"ק, דאס איז אלעם דורות, יעדעם קינד עקסטער, אזוי ווי מ'האפן מיר, אזוי־ווי ס'איז דא אויסזיכטן.**

אויך באציט זיך דער רבי צו דעם מערקווירדיגן פונקט וואס ר' מרדכי זאב הירש האט ארויסגעברענגט בנוגע די "הבדלה" צווישן סאטמאר און אנדערע מקומות.

ס'וואלט געווען גאר אינטערעסאנט זיי איבערצוגיין אין די הייליגע ווערטער פון רביה"ק זי"ע זעלבסט, אין די ענדע וועלן מיר ציטירן ווארט ביי ווארט די געוואלדיגע ברכות וואס רביה"ק זי"ע האט איבערגעלאזט פאר די אלע וועלכע שטיצן זיינע הייליגע מוסדות. די הייליגע ווערטער זענען חי וקים און זענען אויך אקטועל, און א געוואלדיגער חיזוק, פאר אונז אין היינטיגן שווער מצב.

**א שינוי כל דהו איז שכחת התורה - שטיצע פאר חינוך מוז זיין הונדערט פראצענט ריין - דער יסוד איז צו האלטן פעסט דאס אלטע נישט קאליע צו מאכן**

...זעט מען דאך יעדע זאך מוז מען קוקן דעם מקור ס'זאל נישט האבן קיין פגם. דער שכחת התורה דאס נעמט זיך, יעדע זאך האט דאך א שורש, אז ס'שטאמט נישט פון די מקור הטהרה דאס ברענגט אריין א פגם, דאס פירט אראפ פונעם וועג, אזוי ווייט אז מ'פארגעסט פון דרך האמת, דאס איז שכחת התורה.

על כל פנים, אזוי־ווי מ'איז געוואוינט מיט די נייע דרכים, מ'פארגעסט גאר וואו דער מקור איז. מ'איז משנה מדרכי אבותינו, אזא חינוך דאס פירט אראפ פונעם וועג.

רבי חייא האט געוואלט דאס באווארענען, ס'זאל קיינער נישט האבן קיין כח פון קיין שלעכטע זייט, ער האט מורא געהאט פאר יעדן. ער וועט גיין צו אן אנדערן מי יודע צי ער וועט נישט האבן עפעס א כח אינדערמיט. [יענער] וועט אים געבן דאס פארמעגט, ער [רבי חייא] וועט עס באקומען פון אים, דאס שטאמט פון ערגעץ, עס האט שוין עפעס א שורש. רבי חייא האט געזאגט אז איך וויל באווארענען דעם אמת'ן חינוך, ס'זאל נישט זיין קיין שכחת התורה, מוז איך היטן אויפן מקור.

כ'וועל נעמען אפילו די פלאקס וואס מ'האט געמאכט פון דעם די נעצן, וואס מ'האט געפאנגען די הערשן וואס מ'וועט אויף דעם [הויט/פארמעט] שרייבן די הייליגע תורה, מוז איך אויך אליין טון. כ'האב מורא פאר יעדן, פאר יענעם האב איך מורא. כ'קאן נישט וויסן וואס פאר א גיפט מ'לייגט אריין, צי ס'איז דא עפעס א כח..."

"...אבער רבי חייא האט געזאגט אויף דעם קענסטו זיך נישט פארלאזן, ס'מעג זיין אמת ויציב, דער וואס ער ווערט געכאפט דעם נוצט שוין גארנישט. איך וועל מער אויפטון, דאס וואס דו ווילסט ארויסברענגען די וואס זיי האלטן ביי שכחת התורה און די ווילסט זיי פארערכטן מיט פלפולים, איך וועל מער אויפטון [אז] כ'וועל באווארענען דעם וואס לערנט די תורה אז ער זאל נישט פארפאלן ווערן, אז ער זאל זיך האלטן ביים אלטן חינוך, אז איך וועל דאס דערהאלטן וועל איך מער אויפטון. און אויף דעם זאגט רבי כמה גדולים מעשי חייא.

'יהי' איך שיהי', רבי חייא האט געהאלטן א יסוד אז דאס איז מער ווי מקרב זיין דעם וואס איז שוין אריינגעפאלן אין שכחת התורה פון דארט עפעס ארויסצונעמען, דער עיקר איז צו דערהאלטן דאס אלטע, און ער האט מורא געהאט צו נהנה זיין משל אחרים ווייל ער האט געוואלט נאר פון א גוטן מקור, און צו דעם ברויך מען דאך עפעס האבן, מען דארף דאך זיין א גרויסער בעל שפע מ'זאל קענען דאס אויסהאלטן..."

"...ולענינינו קען מען דא זאגן, מיר זענען דאך נישט ביי די בחינה אז מ'זאל זיך טאקע אזוי היטן הונדערט פראצענט צי ס'שטימט פונעם מקור, השי"ת היט אונז אבער, זיי אליין ווייסן אז זיי ברויכן אונז נישט צו שטיצן, די אלע פון די מקורות.

ס'איז א פלא, דער זיידע ז"ל אין ישמח משה פר' בלק זאגט וואס איז דער טעם פארוואס א רשע האט אזוי פיינט אן ערליכן איד, זאגט ער א טעם, השי"ת פירט דאס אזוי, ווען ס'זאל נישט זיין אזא גרויסע שנאה, העט מען דאך געמוזט אמאל אנקערן מיט זיי, און דאס שאדט זייער פאר אן ערליכן איד. אפילו א קורצע צייט דער צדיק האט א פארקער מיט א רשע ברויך מען האבן גרויסע זכותים מ'זאל דאס דערנאך ארויסנעמען פון זיך. ווייל זיי השי"ת אפהיטן פון דעם און וועגן דעם ברענגט ער אריין אזא גרויסע שנאה, אזוי שטייט אין ישמח משה פר' בלק..."

"...און אז מ'דארף האבן חן ביי רשעים, טאקע פאר געלט אויף צו טון דעם רצון הבורא ברוך הוא, מוז מען דאך עפעס אנקערן מיט זיי ווי דער ישמח משה זאגט, מוז מען דאך עפעס נאכלאזן פון די הייליגע תורה, פונעם אלטן דרך, ווי דען קען איך האבן חן ביי די רשעים אז זיי זאלן מיר גיבן געלט פארן רצון הבורא ברוך הוא. קאן מען דאך מיינען [אז] ווייל איך ברויך האבן דאס געלט פארן בורא ברוך הוא מעג מען דאך עפעס נאכלאזן און זיך אנקערן מיט זיי, נאר פאר א דבר מצוה, נאר פארן רצון הבורא ברוך הוא פארן כבוד שמים שלא יאמר אותו צדיק, נו, מעג מען דאך עפעס נאכלאזן, זאגט דער פסוק ניין, ובני ישראל עשו כדבר משה, קיין קוצו של יו"ד האט מען זיך נישט אוועקגערירט..."

"...ממילא אז מ'ברויך האבן אויפצושטעלן, אויפצוהאלטן אידישקייט, א דור, א תלמוד תורה, איז מען מחוייב אנצווענדן [השתדלות], אבער השי"ת פירט אזוי־ווי ס'ברויך צו זיין. וויסן ברויך מען, מ'דארף דאך נישט צו זאגן קיין סאך, די נסיון איז דאך מעיד בחוש [אז סאטמאר באקומט נישט קיין דרויסנדיגע

(פארזעצונג אויף זייט 32)

# רבי אליקים דערציילט...

צום געהויבענעם באזוך פון

**מרן הגאון האדיר ראש ישיבת הרמה שליט"א פון לאנדאן**

**אלס נואם הכבוד ביים סעודת הודאה כ"א כסליו**

אין צוזאמענהאנג מיטן אפיציעלן מעלדונג פון די הנהלת המוסדות איבער דעם דינער השנתי, איז אויך פארשפרייט געווארן אין די גאס די גאר פריידיגע בשורה אז דאס יהדות ניו יארק בכלל, און חסידי סאטמאר בפרט, וועלן האבן די זכי'ה און דער כבוד מקבל פנים צו זיין **פני הגאון הגדול המפורסם, משיירי כנסת הגדולה, רבי אליקים שלעזינגער שליט"א, דער באוואוסטער ראש ישיבה פון די ישיבת הרמה אין לאנדאן**, וועלכע וועט ערשיינען בהדרו ביים געהויבענעם מסיבת כ"א כסליו-דינער השנתי פון די צענטראלע מוסדות סאטמאר אין וויליאמסבורג.

דער שטורעמישער אוקיינוס וואס טוט פונאנדער שיידן די ערדישע חלקים פון די ניו יארקער געגענטער מיט די לאנדאנער ערד, טוט אוודאי נישט אפטיילן און דערווייטערן אנ"ש אין ניו יארק פון דעם גרויסן גאסט, דער אדם הגדול בענקים, דער לאנדאנער ראש ישיבה שליט"א. דער ראש ישיבה שליט"א מיט א בחינה פון (פסחים ג:) את בנציבין ומצודתך פרוסה בירושלים, זיצט טאקע אין זיין ספרים שטוב אין דערהיים, אדער אין די ישיבה אין לאנדאן, אבער מצודתו ודברו זענען פרוסה לכל מקום אשר דבר המלך מלכו של עולם מגיע. אומעטום ווי עס געפונען זיך נאר אידן וועלכע לעכצן צו הערן א ווארט אדער א מיינונג מיט'ן השקפה פון דעם פריערדיגן דור, ווערן די ווערטער פונעם ראש ישיבה שליט"א אנגענומען מיט כבוד און עהרע.

...צווישן די גרויסע פערזאנען, געפונען מיר צוויי סארטן. עס זענען דא אזעלכע וואס זיין פערזענליכקייט רופט ארויס פיל כבוד מיט עהרע, כאטש וואס דער מענטש פערזענליך איז נישט אויף אזא הויכע שטופע, אבער מיט זיינע לייסטונגען און אויפטוען לטובת הכלל אנגעקומען פיל העכער ווי זיין פערזענליכע גרויסקייט. פון די אנדערע זייט זענען דא אזעלכע וואס זייער אייגענע גרויסקייט איז גאר א הויכע, אידן מושלמים, ענקי רוח, מעשיהם ראוים לעושיהם, אבער איין זייט פון זייער גרויסקייט טוט פארדעקן די צווייטע זייט. ווי די וועלט דערציילט אז די מדת הצדקה פונעם הייליגן חפץ חיים, האט פארדעקט זיין גאונות, און דער הפלא'דיגע גאונות פון רבי חיים עוזר (בעל שו"ת אחיעזר) האט פארדעקט זיין מדת הצדקה, כאטש וואס באמת זענען זיי ביידע געווען גאר גרויסע מופלגים אין ביידע, סיי אין כח התורה, סיי אין מדת הצדקה.

דאס זעלביגע קען געזאגט ווערן אויפ'ן זיידן [הרב יעקב ראזענהיים זצ"ל, נשיא אגוד"י, ומראשי ק"ק עדת יראים דפראנפורט דמיין]. גרויס איז געווען דער מענטש פאר זיך, מיט זיין פערזענליכע גרויסקייט. און גרויס זענען זיינע אויפטוען פארן נחלת הכלל, כחות און לייסטונגען וואס וועלן בלייבן א ירושה לעולמי עד. זיינע פילע אויפטוען האבן פארדעקט פון אונז זיין אמת'ע פערזענליכע גרויסקייט. ענדליך טרעפן מיר ביי אונזער זיידן דער גרויסער מציל ישראל ומושיע פאר פינעף הונדערט יאר צוריק, דער באוואוסטער שתדלן הגביר רבי יוסל'מאן פון רוסהיים זצ"ל, וואס איז געווען בשעתו פון די גדולי הדור, און איז באוואוסט בעיקר מיט זיינע גרויסע אויפטוען אין יענער צייט לטובת זיינע ברודער, כאטש וואס ער איז געווען דער רבן של ישראל אין זיין דור בנגלה ובנסתר...

(מתוך ספר 'הדור והתקופה', חלק ההספדים, דף קכ"ז)

ארויסצוברענגען און מעריך צו זיין דאס גרויסקייט פון אונזער חשובער גאסט שליט"א, איז ווי-פארשטענדליך פאר אונז אומ-מעגליך. דעריבער אלס פארווארט צו אונזער ארטיקל מיט א געדאנק פון 'תנו כבוד לתורה' האבן מיר געפונען פאר גאר פאסיג אז עס זאל דינען די דאזיגע קורצע ווערטער פונעם חשובען גאסט שליט"א זעלבסט. דברי הערכה וואס זענען געזאגט געווארן אויף להבחל"ח זיין זיידן זצ"ל.

די דברי הערכה ווארפן א ליכט אויף דער גאנצער מהות פון דעם חשובען ראש ישיבה שליט"א, נאר מיטן פארקערטן זין, ווי דער ראש ישיבה חוץ וואס איז באוואוסט ווי דער גרויסער הפלא'דיגע גדול בתורה, פארמאגט ער נאך אונטער זיך א פולע קאנטע אינעם געביט פון מדת הצדקה והחסד, צו איז דאס נוגע פאר'ן יחיד אדער פארן כלל. עושה חסד עם החיים והמתים, דער באוואוסטער וועד צו ראטעווען די קברי אבות אין איירופע, וואס דער ראש ישיבה שליט"א פירט שוין אן פאר צענדליגער יארן מיט מסירות נפש, וואס די סייעתא דשמיא זעהט זיך אויפ טריט און שריט. און ווער רעדט נאך פון דעם מלחמת אש דת השערה, וואס דער ראש ישיבה שטעלט זיך ארויס אין יעדע געלעגענהייט מיט דעם גאנצן שטארקייט און שארפקייט, אויפ'ן דרך וואס ער האט מקבל געווען פון זיינע פריערדיגע רבי'ס, מאורי דור ודור נבג"מ. א איש אשר רוח בו מיט אלע זייטן פון די מטבע.

צו דעם געלעגנהייט וואס מיר וועלן האבן די זכי'ה מקבל פנים צו זיין דעם אדם הגדול בענקים, ארויסצוברענגען און אנצווארעמען די געפילן פון אנשי שלומינו, צו פארשטיין און באגרייפן וואס עס מיינט פאר אונז דער געהויבענער באזוך פון דעם לאנדאנער ראש ישיבה שליט"א, איז געשריבן געווארן דער קומענדיגער ארטיקל, אין וועלעכער עס וועט געברענגט ווערן א שלל פון אויטענטישע זכרונות, ידיעות, און סיפורים וועלעכע זענען פארציילט געווארן דורכ'ן חשובען גאסט שליט"א [און דערנאך פארצייכנט געווארן אין זיין קונטרס'ל 'הדור והתקופה']. ווי דערביי וועט דער חשובע לייענער זיך טרעפן צוגעבינדן מיט א קשר אמיץ צו די פריערדיגע גדולים, די רבי'ס פון דעם חשובער גאסט שליט"א, וואס דער גאסט דינט ווי א בריק צווישן אונז, און דעם דור הולך וואס מיר האבן שוין נישט זוכה געווען צו קענען, און אינאיינוועגס ווארפט עס א שטיקל בליק אויף די געוואלדיגע קירבות פונעם ראש ישיבה צו די גדולי הדור וועלכע האבן געפירט כלל ישראל אין איר שטורמישסטע תקופה, וואס זאגט גאר אסאך אויף די פערזענליכקייט וואס באהאלט זיך אונטער דעם ענות חן פון חשוב'ן ראש הישיבה שליט"א.

***

## התבטלות 'נאר' צו לומדי תורה

עס דערציילט דער ראש ישיבה שליט"א: אמאל זייענדיג אין א געלעגענהייט מיט מיין רבי'ן דער גאון רי"ז מבריסק זצ"ל אונטער דעם שאטן פון די שווייצער בערג. האב איך מיך אנגערופן: איך שפיר מיך ממש בטל אנטקעגן די גרויסע הויכע בערג וואס געפונען זיך דא העכער מיר. האט זיך אנגערופן דער בריסקער רב, וואס האב איך צו מבטל זיין פאר די בערג, וואס זענען זיי דען, זיי זענען דאך אינגאנצן נישט מער ווי א דומם... כאטש וואס זיי זענען הויעך... איך בין דאך א מענטש א מְדַבֵּר.

האט דער בריסקער רב ווייטער געזאגט, ווען איך זאל ווען הערן א גרופע זינגער'ס ווי זיי זינגען מיט א געוואלדיגע זיסקייט, וואלט איך געוויס הנאה געהאט דערפון, אבער צו וואלט איך מיך דען געשפירט וויניגער ווי זיי ווייל איך קען נישט זינגען, אוודאי אז נישט. אבער וואס זאל איך דיר זאגן, ווען איך זעה צוויי תלמידי חכמים ווי זיי זענען זיך געשמאק מתווכח אין לערנען, דאן שפיר איך מיך בטל פאר זיי...

## איינער אליין... מיט'ן סאטמאר רב!

נאך א אינטערסאנטען אויסדרוק פונעם בריסקער רב ז"ל ביי יענע שפאצירן אין די שווייצער וועלדער, פארציילט דער ראש ישיבה שליט"א ווי ביי איינע פון די שפאצירן האט זיך דער בריסקער רב ז"ל זייער צוקרעכט, מיט א שטארקע צובראכענקייט, זיך אויסדרוקנדיג: "איך בין געבליבן איינער אליין, איינער אליין". נאך אפאר מינוט וואס דער רב האט אזוי ווייטער געשוויגן מיט צובראכנקייט, האט ער צוגעלייגט: "נאר דער סאטמאר רב שלאגט זיך מיט אן אמת, ער דערלייגט כבוד מיט געלט, און שלאגט זיך מיט אן אמת".

## מען דארף אנטלויפן

איבער זיין זיידן הרב יעקב ראזענהיים זצ"ל, [נשיא אגד"י, ומראשי ק"ק עדת יראים דפראנפורט דמיין] דערציילט דער ראש ישיבה שליט"א, ווי ער איז געווען דערביי ווען ער האט גערעדט מיטן בריסקער רב זצ"ל, וואס ער זאגט איבער דעם מצב אין ארץ ישראל [דאן נאכן הקמת המדינה].




# רבי אליקים דערציילט...

צום געהויבענעם באזוך פון
**מרן הגאון האדיר ראש ישיבת הרמה שליט"א פון לאנדאן**
**אלס נואם הכבוד ביים סעודת הודאה כ"א כסליו**

האט דער בריסקער רב געענטפערט "מען דארף אנטלויפן". האט דער זיידע איבער געפרעגט "צו האלט דער רב אז עס גייט היינט נישט אָן מער דער מצוה פון ישוב ארץ ישראל?". האט ער געענטפערט "עס גייט טאקע אָן מצות ישיבת ארץ ישראל, אבער מען דארף אנטלויפן!". [איבער דעם מיינונג פון רביה"ק זי"ע איבער דעם מצות ישוב אר"י בימינו אלה, איז שוין מבואר באריכות אין ספה"ק 'ויואל משה' מאמר 'ישוב ארץ ישראל'].

## דער סוף איז שמד רח"ל

אין א געלעגנהייט האט דער ראש ישיבה שליט"א געפרעגט דעם בריסקער רב, וואס איז זיין מיינונג וואס עס וועט זיין דער סוף מיט די מדינה?, האט ער געענטפערט: "שמד רחמנא לצלן", אזוי ווי אלע משיחי שקר, וואס דער סוף פון זיי איז געווען "קריסטנטהום".

## יא! מיט א ביקס

אין א אנדערע געלעגנהייט האט דער בריסקער רב געזאגט אויף די שאלה "וואס וועט זיין דער סוף מיט די שומרי תורה אין ארץ ישראל?". האט ער געענטפערט, ווער עס וועט וועלן היטן זיינע קינדער, וועט דארפן שטיין ביי דער עפענונג פון זיין הויז מיט א ביקס! און אויף דער שאלה פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט איבער געפרעגט "מיט א ביקס?", האט ער געענטפערט "יא! מיט א ביקס".

## שפירן איז ערגער ווי זעהן...

עס זאגט נאך דער ר"י א מימרא פון בריסקער רב ז"ל: "סאיז אמת אז דער טאטע ז"ל [הגאון רבי חיים מבריסק זצ"ל] האט פון פאראויס געזעהן און געוואוסט דאס אלעס וואס וועט קומען אויף אונז אין די שווערע צייטן, און וויסענדיג וואס די ציונים וועלן אונז דא אפטאהן האט ער אלס געקרעכצט. אבער איך שפיר דאס בפועל, און דאס איז שוין פיל ערגער און שווערער", האט דער בריסקער רב אויסגעפירט מיט א ראי': " ירמי'ה הנביא האט אויך אלעס געוואוסט פון פריער, און פון פאראויס געזעהן דעם ביטערן חורבן, מיט דעם אלעם ווען עס איז געקומען למעשה און ער האט געזעהן דעם חורבן מיט די אויגן, האט ער געזאגט און געטרויערט "אֵיכָה"!".

## קיינע נסים... זיי מאכן נאר קאליע...

פאר אונז תלמיי וחסידי רבותינו הקדושים נבג"מ, וואס האבן זיך געקלאמערט בעפר רגליהם הטהורים, איז גוט באוואוסט די פייערדיגע שלש סעודות תורה'ס אין די טונקעלע צייטן בשנת תשכ"ז, ווען רבינו הקדוש בעל דברי יואל זצ"ל, האט געווייטאגט און געשריגן בדם לבבו אויף די פארפירערישע פראפעגאנדע פון די ציונים והנגררים עליהם, איבער די מכלומר'שטע ניסים וואס עס זענען פאר זיי געשעהן. און ווי פאר אנ"ש איז דאס באוואוסט ווי רביה"ק האט דאן ביי די שלש סעודות תורה מבאר ומברר געווען די נארישקייט און פאלשטקייט וואס ליגן אונטער די נסים, און ווי עס איז שפעטער געדרוקט געווארן אין ספה"ק על הגאולה ועל התמורה.

אין א בחינה פון שני נביאים מתנבאים בסגנון אחד, פארציילט דער ראש ישיבה שליט"א, וואס ער האט געהערט אין פארשידענע געלעגנהייטן פונעם בריסקער רב זצ"ל, וואס האט דאס ארויסגעברענגט דאס זעלביגע מיט א שטארקער דערהער, אז דא זענען קיין נסים פאר די רשעים קיינמאל נישט געשעהן, נאר הקב"ה האט געשוינט זיינע אידן און האט זיי אנגעגרייט א געוויסע ישועה, און האט נישט צוריקגעצויגן כאטש וואס די רשעים האבן אריינגעלייגט זייער הענט דערין.

און ער האט דאס מסביר געווען מיט א מעשה, וואס האט ווערט פארציילט פון זיין זיידן דער בית הלוי ז"ל, ביי איינע פון די שידוך שליסן פון זיינע קינדער האט דער זוהן באקומען גאר א שיינעם און מכובד'דיגן 'נדן' מיט וועלכן ער האט זיך גאר גרויסגעהאלטן. האט אים דער בית הלוי אויפגעמערקט דאס ער האט זיך נישט וואס גרויסצוהאלטן ווארום דאס וואס מען האט דיך געגעבן אז שיינע נדן איז נאר צוליב דאס וואס דו ביסט מיין זוהן, און אינגאנצן נישט איבער דיין גרויסקייט.

אויף דעם פראגע פונעם זוהן, אז וואלט דאס געווען אין דעם טאטען'ס זכות וואלט מען דאך געגעבן פיל מער, האט דער בית הלוי געענטפערט: יא יא! אזוי האט געדארפט זיין... אבער היות דו האסט אריינגעשטעקט דיינע הענט אינמיטן האסטו דאס קאליע געמאכט און דו האסט באקומען א קלענערע נדן...

דאס זעלביגע - פירט אויס דער בריסקער רב - איז ביי די אזוי גערופענע נסים פון די רשעים, די הצלה פון הימל איז געווען גרייט אנצוקומען פאר די אידישע קינדער, און וואלטן זיי - די ציונים - נישט אריינגעשטעקט זייערע הענט אינדערמיטן, וואלטן מיר באמת געהאלפן געווארן!

## דער חזון איש זצ"ל זארגט זיך פאר'ן ראש ישיבה

כידוע אז אין הלכות שמיטה וואס איז אנבאלאנגט די שמיטה פירות אין ארץ ישראל, זענען פארהאן פילע שיטות און חומרות. דער חזו"א האט זיך געפירט זיך מחמיר צו זיין ווי דעם שיטת המהרי"ט, און פלעגט זיך נישט באנוצן אפילו מיט קיינע פירות עכו"ם וואס זענען געוואקסען אין ארץ ישראל, און אט אזוי האט זיך אויך געפירט זיין געהויבענע תלמיד דער ראש ישיבה שליט"א.

אין איינע פון די שמיטה יארן וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך געפינען אין ארץ ישראל האט ער זיך דאן געפינען אין תל אביב, ווען אין איינע פון די טעג איז אנגעקומען א גאנצער שאכטל מיט פלוימען וועלכע זענען געוואקסען אויף שטחים וואס לויטן חזו"א האבן זיי געהאט א דין חו"ל, די פלוימען זענען געשיקט געווארן צו ראש ישיבה דורך א באוואוסטן עסקן מיט'ן נאמען הר"ר יחיאל בענעדיקט ז"ל, זאגענדיג פארן ראש ישיבה דאס היות ער ווייסט אז ער עסט נישט פון קיין גויאישע פעלדער, און געוויס האט ער נישט וואס צו עסן, דעריבער האט ער אים געברענגט די פלוימען וועלכע זענען ריין פון סיי וואספארא חשש שמיטה.

למעשה - פארציילט דער ראש ישיבה - איז ער געוואויר געווארן אז די פלוימען זענען געשיקט געווארן צו אים דורכ'ן חזון איש זעלבסט, וועלכער האט זיך געזארגט פאר זיין ליבן תלמיד, וואוסענדיג אז ער איז מחמיר ווי אלע זיינע חומרות אין הלכות שמיטה.

## דער חזו"א זצ"ל: רייסן פענער!!!

אנהייב פון די ביטערע צרה וואס רופט זיך 'מדינת ישראל', האט זיך דאן אנגעהויבן דער געוואלדיגער ניאוץ בה' אלוקי ישראל דורכ'ן אויפהענגען דעם טריפה'נעם דגל המדינה הטמאה אויף די ביניני הישיבות ותלמודי תורה..

פארציילט דער ראש ישיבה שליט"א, אז און אין די שטאט בני ברק זענען אויך געווען אזעלעכע וואס זענען נכשל געווארן דערמיט, און דער חזו"א האט באפוילן פאר די בחורים אראפ צו רייסען די טמא'נע פענער אינמיטן די נאכט פון די ביניני הישיבה.

נאך איבער די ישיבות אין בני ברק פארציילט דער ראש ישיבה, אז ביי דער חנוכת הבית פון א געוויסע ישיבה גדולה וואס איז געווען סטאנציאנירט אין בני ברק האט מען איינגעלאדנט דעם פרעזידענט פון מדינת ישראל זיך משתתף צו זיין ביי דער געלעגנהייט פון דעם ערעפענונג פון די ישיבה.

ווי פארשטענדליך האט דאס זייער געשטערט און וויי געטאהן פארן צדיק אמת דעם חזו"א ז"ל. זענען דאן געגאנגען עטליכע פון די נאנטע מענטשן פונעם חזו"א און האבן אפגעהאקט די עלעקטערי פונעם גאנצען בנין, אזוי ארום אז דער גאנצער מסיבה איז בטל געווארן...

## ווער 'קוק'ט נאך...

איבער די געוויסע רבנים וואס זענען ליידער נאכגעשלעפט געווארן נאכן עגל הזהב, און זענען אריין דינען אינעם רבנות הראשות, פארציילט דער ראש ישיבה שליט"א אן אינטערסאנטע אויסדרוק בשם דעם חזו"א זצ"ל וואס האט געזאגט במתק לשונו:

"זיי פארלירן ביידע וועלטן, למשל 'קוק', יענער וועלט זיכער נישט, אין דער וועלט, ווער 'קוק'עט נאך..." ע"כ לשונו הנחמד.

דער חזו"א איז בכלל געווען גאר שארף קעגן די רבנים פון די רבנות הראשות, ווי כידוע האט ער געפירט א גרויסע מערכה קעגן די רע-בנים. אויך פלעגט ער שטארק מקפיד זיין אויף געוויסע אדמורי"ם וואס האבן געהערט צום חרדי'שן קרייז, און זיי פלעגן מכבד זיי די רבני הרבנות הראשות מיט סידור קידושין וכדומה, זאגנדיג אז דורך דעם טוען זיי פארשטערקערן דעם כח הציונית, און מיר ליידן דערפון!.

נאך איבער די רבנים פון די רבנות הראשות פארציילט דער ראש ישיבה שליט"א, אז אמאל אריינגעקומענדיג צום חזו"א אין שטוב, אום שב"ק, האט ער באמערקט א ספר ליגן אויף דער ערד אונטערן טיש.

זיך ווילנדיג זיך אראפבייגן דאס אויפצוהייבן האב איך דערהערט א געשריי: מוקצה!, און דער חזו"א האט מסביר געווען אז דאס איז 'מוקצה מחמת מיאוס', צולייגנדיג אז ער האט דאס במכוון אראפגעלייגט דארטן אויף דער ערד.

דער ראש ישיבה מערקט אן אז דאס איז געווען א ספר שו"ת פון געוויסן

(פארזעצונג אויף זייט 34)



# דער בריק צו די אמאליגע לייבן אין ארץ ישראל

(פארזעצונג פון זייט 7)

האבן געהאט א קשר מיט די תקופה פון די גדולי עולם פון יענעם דור דעה, דער גאון האט אונז צוגעבינדן צום גאנצן עולם התורה פון יענע צייטן".

אט דאס זענען ווערטער וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אויסגעוויינט אחרי מיטתו פון הרב בענגיס זצ"ל מיט ארום זעכציג יאר צוריק.

מיר שטייען היינט צוטאגס בשנת תשס"ט, אז מ'טראכט אריין וואס עס איז שוין אריבער אויף אונז במשך די אלע יארן - וויפיל הייליגע לייט, וויפיל גרויסע לייט, וואס האבן נאך דעמאלטס געלעבט צווישן אונז, זיי האבן משפיע געווען אויפן דור, זיי האבן באשיינט און באלויכטן אויפן דור, און היינט זענען זיי שוין נישטא, הם הלכו למנוחות ואותנו עזבו לאנחות - באקומען די אינהאלטסרייכע ווערטער פונעם ראש ישיבה פיל א טיפערן באדייט.

לײדער לײדער, דער מציאות איז היינט צוטאגס אז נישט נאר דער קשר מיט וואלאזין איז שוין נישטא, נישט נאר דער קשר מיט בית צאנז און שינאווע איז נישטא, נאר לײדער איז שוין קוים קוים דא א קשר מיט דער אלטער היים בכלל, עס זענען אזוי ווייניג דא אידן מזקני שארית הפליטה, וואס זאלן נאך קענען עפעס איבערגעבן און עפעס דערציילן עפעס משפיע זיין אויף ווייטער.

אויב איז דא אן אויסדרוק פון א "דור יתום" דוכט זיך פאדינט דאס אונזער דור מיט רעכט. דער גרויזאמער היטלער-חורבן האט געמאכט א שפאלט אין די דורות, אינעם שלשלת הקבלה, און עס זענען לײדער דא אזוי ווייניג פון די וואס האבן מקבל געווען פונעם דור הקודם און קענען דאס איבערגעבן אויף ווייטער פאר די קומענדיגע דורות.

אונזער געהויבענער גאסט לאיוש"ט האט זוכה געווען אין די תקופה מיט זעכציג-זיבעציג יאר צוריק צו זיין דער איש אמונם ובן ביתם פון די סאמע גרעסטע גדולי ומאורי הדור. זיי האבן פאר איהם געעפענט די טויערן, און אים מקרב געווען מיט אן אויסערגעווענליכע קרבות, און אים אנפארטרויעט פריוואטע שליחות'ער בעניני הכלל, וואס אונזער ארימער דור פארמאגט שוין היינט בכלל נישט פון דעם סארט.

דער גרויסער גאסט דער ראש ישיבה שליט"א האט זוכה געווען צו זיין פון די גרעסטע תלמידים פון הגה"ק מהרי"צ דושינסקיא זצ"ל, וועלכער האט אויף אים מאציל געווען מהודו מיט א חיבה יתירה.

ווען רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע איז געווען אין ארץ ישראל בשנת תש"ו לפ"ק און דער ראש ישיבה שליט"א האט זוכה געווען צו זעהן פונדערנאנט דעם רבי'נס הייליגע עבודה האט ער זיך מדבק ומקשר געווען אין איהם מיט א קטירא דלא פסיק וואס האט אנגעהאלטן עד זיבולא בתרייתא, ועד בכלל, ביזן היינטיגן טאג אויף גאר א שטארקן פארנעם.

דער גאון עולם הגה"ק בעל חזון איש זצ"ל האט אין איהם געזעהן זיין איש סודו ושליח מהימן און אים ממנה געווען אויף פארשידענע פריוואטע שליחות.

ווער רעדט נאך זיין רבי מובהק הגה"ק רבי וועלוועלע בריסקער זצ"ל, וועלכער האט מיט איהם אסאך געשמועסט פריוואט - וואס זעירין אינון וואס האבן זוכה געווען צו האבן לענגערע שמועסן מיטן בריסקער רב - און אסאך יסודות'דיגע און השקפה'דיגע ענינים איז ער געווען דער שליח נאמן דאס אויסצופירן.

און עס מעג צוגעגעבן ווערן מיט א קרעכץ, אז דער ראש ישיבה איז פון די איינציגסטע פארבליבענע תלמידים פונעם חזון איש און בריסקער רב, וואס האבן ממשיך געווען דרכם בקודש אן קיין זיופים און סילופים. און ער האט ווייטער איבערגעגעבן אלע יארן דעם ריינעם דעת תורה וואס ער האט פון זיי מקבל געווען.

אז מיר האבן היינט די זכי' אין אונזער פאראימטער דור אז א גדול פון דעם סארט, אן אחד מבני החבורה פון יענעם געהויבענעם חדר פון גדולי ישראל מיט צוויי דורות צוריק, קומט צו פארן קיין אמעריקע, און ער גרייט זיך אויפצוטרעטן במעמד אלפים און איבער'חזר'ן און משנן זיין די הייליגע מסורה וואס ער האט מקבל געווען פון די צדיקי דורות הקודמים, ער איז גרייט צו דינען אלס בריק פון יענעם לעכטיגן דור דעה צו אונזער דור יתום, אזא מאמענט דארף דאך ביי אונז זיין קודש קדשים. אזא מאמענט מוז דאך ביי אונז זיין הייליג און טייער, און אוודאי טאר דאס קיינער נישט פארפאסן.

מיר לעבן היינט אין א וועלט פון בלבול וטשטוש המוחות, אן עולם השקר, וואו מען טרויעט זיך צו פארשפרייטן שקרים וכזבים, סילופים און זיופים, אויפן חשבון פון אלע גדולי ישראל. און מען ציטערט ניטאמאל תולה צו זיין גאר צווייפלהאפטיגע מאמרים און הוראות אויפן חשבון פון צדיקי אמת, אלעס פאר פארטייאישע און פאליטישע אינטערעסן.

היינט צוטאגס ביי יעדע שאלה וואס איז עומד על הפרק, בפרט אין די ענינים פון התבדלות מרשעים, זאגט מען נאך מאמרים שונים פון גדולי ישראל, מ'דרוקט עס און מ'איז עס מפיץ, און מ'ערלויבט זיך מסלף צו זיין דברי א' חיים לדורי דורות.

און דא פלוצלונג הערט זיך א קול אין די מחנה, א קול פון אמת! א קול פונעם ריינעם אומגעפעלשטן דעת תורה! א קול וואס זאגט איבער די זעלבע ווערטער וואס די פריערדיגע גדולי ישראל האבן געזאגט, א פינטעלע אמת אינעם מבול של שקר, ווי שטארק דארפן מיר לויפן צו קענען הערן דעם הייליגן אמת'דיגן ווארט.

ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אויפגעשטעלט כ"ו מנחם אב תשל"ט מספיד זיין די שרעקליכע אבידה פון כלל ישראל, האט ער דערציילט אז ער איז אמאל געגאנגען שפאצירן מיט זיין רבי'ן דער בריסקער רב אין וואלד, פלוצלונג שטעלט זיך דער בריסקער רב אפ און ער זאגט "דו ווייסט אז איך בין געבליבן איינער אליין, איינער אליין", און נאך א ווײלע שווייגן האט ער זיך אנגערופן "איינער איז נאך געבליבן, דער סאטמארער רב, ער שלאגט זיך פאר אידישקייט מיט אן אמת, ער דערלייגט כבוד מיט געלט, און שלאגט זיך מיט אן אמת".

הוי, אמת, אמת! ווי ווייט איז אונזער היינטיגער דור פון דעם באגריף.

ווי ווייניג אמת געפונט זיך היינט אויף די וועלט, ווי ווייניג זענען די שרידי דור הישן וואס זענען אינטערעסירט צו זאגן דעם אמת קעגן דעם שטראם פון די גאס. ווי שטארק דארף מען היינט גיין זוכן די ווייניג פארבליבענע מקבלי לקח פונעם חזון איש און בריסקער רב, וואס זענען גרייט געווען ארויסצופאלן פון די רשימה פון די 'מרנן ורבנן' פון די ציוני'סטישע פרעסע, אלעס ווייל זיי האבן זיך נישט געוואלט אוועקרירן פונעם דרך האמת, וואס דאס איז דער היפך פון וואס די רעליגיעז ציוני'סטישע גאס איז אינטערעסירט צו הערן, און אפקויפן.

עס באנעמט א געפיל פון התרוממות ווען מען הייבט נאר אן צו טראכטן איבער די זכי' וואס ווארט אונז אפ.

אין די סאמע שווערסטע צייטן, ווען די נסיונות אויפן כלל ישראל זענען געווען אזוי שטארק, און גדולים וטובים זענען צומישט געווארן נישט וואוסענדיג ווי אזוי אויפצונעמען די שמועות איבער די מדינה, דעמאלטס האט זיך דער ראש ישיבה געדרייט צווישן די גדולי ישראל, ער האט געהערט פונעם חזון איש אליין אז "עס וועט קיין מדינה נישט זיין! מ'וועט אמאל אויפשטיין אינדערפרי און זעהן אז עס איז נישטא!", אבער פון די צווייטע זייט האט דער חזון איש געציטערט "אויב וועלן די אידן שומרי תורה ומצוות ליב האבן די מדינה, עס וועט זיי געפעלן, דעמאלטס האב איך זייער מורא".

אין די תקופה ווען עס איז אנגעגאנגען די ערשטע מערכה קעגן די בחירות הטמאות אין ארה"ק, האט דער חזון איש זי"ע געלאזט רופן דעם ראש ישיבה שליט"א און אים געהייסן אריבערגיין צום ראב"ד הגאון רבי פינחס עפשטיין זצ"ל און אים מחזק זיין בשמו צו פירן די מערכה קעגן די גע'אסר'טע וואלן.

דער שליח און עד נאמן איז דא! הנה הוא עומד לפנינו!

דער ראש ישיבה האט זוכה געווען אז דער גרויסער בריסקער רב האט אים גענומען אויף פריוואטע שפאצירן, און ער האט פאר איהם מגלה געווען מצפוני לבו, ער האט פאר איהם קלאר ארויסגעזאגט זיינע מיינונגען בעניני הכלל. און נאר אזוי איז נישט קיין וואונדער אז אזא פערזענליכקייט, פון די סאמע העכסטע משפחות אינערהאלב דאס נשיאות פון אגו"י, האט זיך מדבק געווען אין די שיטה הברורה און השקפה טהורה פון מרן הקדוש מסאטמאר זי"ע.

דער ראש ישיבה איז א "כלי ראשון" בעניני השקפה פון אלע גדולי דור העבר, איבעראל איז ער געווען אן עייל בלא בר, און ער האט מקבל געווען דעם תורת הקנאות מיט אן אמת!

אזוי ווי דער ראש ישיבה האט מקבל געווען פון זיינע רבי'ס וואס עס הייסט שקר, עבודה זרה, ציונית ואביזרייהו, האט ער אויך מקבל געווען די תכסיסי מלחמה ווי אזוי מען איז לוחם קעגן ציוני'זם, וואס מיינט די אמת'ע מלחמה לה' בעמלק, און וואס עס איז נישט אינגאנצן כולו אמת.

עס מעג דערמאנט ווערן א קליינער ביישפיל: ווען דער רבי זי"ע האט עוסק געווען אויפצושטעלן דעם שיכון קרית יואל אין בני ברק זענען געווען פארשידענע קנאים וואס האבן געקוקט דערויף מיט א נישט גוט אויג, און זיי האבן געזאגט אז דאס הייסט צוגעהאלפן צו בויען דאס לאנד אונטער די ציונים, און זיי האבן געבעטן דעם ראש ישיבה אז ער זאל אריינגיין פרעגן דעם רבי'ן אויב עס איז נישטא קיין פראבלעם דערביי.

האט איהם דער רבי געענטפערט "נישט אלעמאל קען מען זיך רעכענען מיט די וואס זענען מכריע לויט די געפילן און נישט לויט די הלכה, מען טאר זיך נישט קריגן מיט זיי, אבער מען קען זיך מיט זיי נישט רעכענען!..."

אט דאס איז אויך א קאפיטל הדרכה ברורה וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט מקבל געווען אלס כלי ראשון.

דער חובת השעה אין די יעצטיגע צייט איז התבוננות, מיר אלע דארפן זיך גרייטן צו דעם גרויסן מאמענט, און וויסן אז די ווערטער פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס מיר גייען בע"ה הערן, דאס זענען די ווערטער וואס דער ראש ישיבה איז דער מקבל אליין ממקור טהור, דאס איז דער ארגינעלער אמת! לאמיתה של תורה! און וויסן אז היינט צוטאגס איז זייער ווייניג דא פון דעם סארט אמת! זייער ווייניג פון די ארגינעלע מעתיקי שמועה לאזן נאך היינט הערן דעם דעת תורה!

די אלפי תשב"ר תלמידי מוסדותינו הק' וואס וועלן בע"ה זיין פארזאמעלט ביי דעם ריזיגן כינוס דארפן דאס הערן און וויסן אז זיי זאלן זיך קאנצעטרירן זייערע לויטערע אויגעלעך און קוקן אויף די צורה פונעם געהויבענעם גאסט! אפילו ווען זיי זאלן נישט אלעס פארשטיין פון די ווערטער, איז כדאי אז זיי זאלן אויסהערן, און וואס זיי פארשטייען און וואס זיי הערן איז אלעס כדאי! ווייל דאס איז דאס ביסעלע וואס איז אונז נאך איבערגעבליבן פון אמאל...

---

# דעם רבי'נ'ס דרשה באר מתן תורה

## זעלטענע דרשות פון רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע

ביים יערליכן דינער לטובת די מוסדות, פר' יתרו תשי"ח לפ"ק

(פארזעצונג אויף זייט 25)

שטיצע].

מ'האט דא פריער געזאגט [ר' מרדכי זאב הירש, ווי פריער דערמאנט], מ'האט געשמועסט פון הבדלה, ער האט געזאגט המבדיל בין קודש לקודש. [אבער באמת] ברדך כלל זענען מיר המבדיל בין קודש לחול. ווייל די אלע פונדרויסן, דער רעכטער "חול", זיי מאכן אליין די הבדלה, די מאכן די הבדלה בין קודש לחול..."

"...איך זאג דאך עס אייביג, פאר א מצוה זאגט מען דאך נישט קיין יישר כח, ווייל ס'איז דאך א כלל גדול אז ס'איז פירותיהן בעולם הזה והקרן קיימת לו לעולם הבא, און השי"ת ישלח ברכה והצלחה, דער אמת'ן אריין די אידן שטרענגען זיך אן יותר מכפי יכולתם, השי"ת זאל טאקע בענטשן און שיקן ברכה והצלחה בכל מעשי ידיהם, אלף פעמים ככה, שער אייבערשטער זאל העלפן יישר כחם וחילם לאורייתא אויף דעם וואס מ'האט ביז יעצט געטון,

און אויף ווייטער דארף מען זיך אנידער זיצן, הבה נתחכמה, דארף מען קלערן אן עצה וויאזוי מ'זאל אויסהאלטן דעם מוסד. מ'זע מיר דאך שוין אז מ'מוז מיר זיך אליין אויסהאלטן מיט אונזערע כוחות.

יהי' איך שיהי', דאס אלעס איז ניסי ניסים, דאס ביסל כח וואס מ'האט, דאס וואס מ'האט זיך ביז יעצט געקענט דערהאלטן איז אויך איינס פון די פלאים. אינאמת'ן אריין איז נישטא נאך אזא גרויסער מוסד דער צורך אפילו בכמות, ברויך מען זיך ערשט אנידערזעצן, קלערן און אויסארבעטן א פלאן, ס'איז בלי שום ספק אז דער אייבערשטער וועט אונז העלפן.

דאס איז זיכער אז מפקיר זיין קיין נפשות ישראל טאר מען נישט, אדרבא, כן ירבה וכן יפרוץ, אזוי מ'זע מיר, איך דארף דאס נישט מסביר זיין, אז מ'גייט וואס אמאל העכער און העכער. הגם מ'זע מיר גארנישט דערויף קיין יסוד, דער שכל בלייבט שטיין.

אבער איך האף, בלי שום ספק, אז מ'וועט טון אין דעם. ס'איז דאך א העכערן כח, איז דאס דאך אין כלל פון קרן קיימת בעולם הזה. אבער דער אייבערשטער וועט העלפן אז מ'זאל קענען דאס אויספלאנען אז מ'זאל זיך קענען דערהאלטן אויף דעם דרך אליין, מ'זאל קענען ווייטער גיין העכער און העכער.

דער בורא כל עולמים וועט העלפן אז מ'זאל טאקע קענען פירן, האבן א יסוד פאר אידישקייט. מ'זאל האבן עפעס אויפגעטון. נישט בחנם איז מען דא געבליבן, מ'לײדט אזויפיל, מ'איז דא געבליבן פון דעם גיהנם דאס ביסל אידן.

דער אייבערשטער זאל העלפן מ'זאל קענען אויפציען דורות, מעמיד זיין דורות ישרים בקדושה וטהרה פון אמת'דיגע מקורות. מ'זאל זיך נישט לאזן פארפירן, בעונינו הרבים, פון דעם גייסט פון די וועלט, פון דעם גרויסן רוב, נעבעך ווי דער מעמד העולם איז, דער מצב העולם. דאס ביסעלע שמירת התורה בתכלית המיעוט, ס'ווערט כמעט בטל ומבוטל.

עכ"פ, מ'האף מיר אז דער בורא כל עולמים וועט העלפן ווייטער מ'זאל זיך מחזק זיין, מ'זאל זיך קענען דערהאלטן. השי"ת זאל אונז טאקע העלפן מיר זאלן דערהויבן ווערן ברוחניות ובגשמיות, און מ'זאל קענען עוסק זיין בתורה מיט א דעת אמת, בקדושה ובטהרה.

און מ'זאל די זכיה האבן צו קענען גיין פני משיח צדקינו, אי"ה, דער אייבערשטער זאל העלפן בשמחה ונחת, מיט א לעכטיג פנים. מ'זאל קענען אנווייזן אז מ'האט אויפגעשטעלט יסודות התורה פאר אידישקייט, מ'זאל האבן חן ביי השי"ת, יהי חן וחסד ה' חופף עלינו כל הימים תמיד, און מיר זאלן געהאלפן ווערן מיט אלע מיני ישועות טובות, און מיר זאלן זוכה זיין צו זען במהרה בישועת כל ישראל ושמחתן, בהתגלות כבוד שמים עלינו במהרה בימינו אמן."

# קריטישע ווערטער

## טייערע ידידים אנשי שלומינו שיחיו.

עס איז אונז א כבוד צו דינען דעם ציבור שטייענדיג בראש פון די הייליגע מוסדות וועלכע זענען ב"ה היינט אויפן העכסטן ניווא אין חינוך הבנים והבנות, אבער גלייכצייטיג שפירן מיר אלס פליכט און חובת השעה מיטצוטיילן מיטן ציבור עטליכע טאג-טעגליכע פאקטן.

ס'איז נאכנישט אדורך קיין דריי יאר זינט די מוסדות זענען צוריק נתחדש געווארן לחינוך הבנים והבנות. די תקופה פון דריי יאר איז גענוג לאנג פאר אן איבערגאנג, און גענוג צייט צו באלאנסירן א בודזשעט און שאפן א זיכערן בסיס אויף ווייטער.

אין די צייט האבן מיר אנגעפירט מיטן ריזן פראיעקט אהערצושטעלן דעם גאנצן געבוי פון די מוסדות הק', געקויפט בנינים, געשאפט ריזן מארגעדזשעס, הלוואות, אויפגעבויעט די בנינים לשם ולתפארת, וואס דאס אליינס האט אריינגעצויגן אין שווערע מיליאנען, אבער צו די זעלבע צייט איז דער טעגליכערווירטשאפט אנגעגאנגען על צד היותר טוב. די כלי קודש באקומען באצאלט אין צייט, צו יעדע צוויי וואכן אן אויסנאם! און די גאנצע ווירטשאפט פירט זיך אויסגערעכנט און פונקטליך, אן ברענגען איבריגע אויסגאבן.

**יעדן אווענט מוטשעט מען זיך געפערליך פון וואו צו דעקן די באנק דעם קומענדיגן טאג**

דאס מציאות איז, אז כאטש מיר פרובירן מיט אלע מיטלען קלענער צו מאכן דעם פינאנציעלן בודזשעט, און צו די זעלבע צייט שפארן מיר אויף פארשידענע אופנים אז דער דעפעציט זאל נישט גרעסער ווערן, **מוטשען מיר זיך נאך-אלעם מיט א דעפעציט וואס באטרעפט יערליך דעם פאנטאסטישן ציפער פון פינף מיליאן, פיר-הונדערט-פיר-און-פופציג טויזנט, זעקס-הונדערט-פיר-און-פופציג דאללער $5,454,654.00**

**עס גייט נישט אדורך א טאג רואיג אין אפיס אן דעם וואס די סופלייער זאלן רופן פאר זייער באלאנס; יעדן אווענט מוטשעט מען זיך געפערליך פון וואו צו דעקן די באנק דעם קומענדיגן טאג, מ'קוקט ארויס אויף רחמים וחסדים יעדן איינציגן טאג, און דער גאנצער עול ליגט אויף געציילטע יחידים, אישי הציבור, וועלכע זענען באמת בלויז די שלוחים פונעם גאנצן ציבור.**

ובפרט יעצט אין דעם שווערן עקאנאמישער מצב, ווען אלעס וואקעלט זיך אין ליכט פון א שווערע רעסעסיע, איז די ערשטע וועלכע ליידן דערפון, די מוסדות התורה והחינוך, און דערקעגן שטייגן די פרייזן אויף אן אומשאצבארן פארנעם, וואס איז באמת נישטא פון וואו צו דעקן.

אין די לעצטע צייט זינט מיר האבן אויפגענומען הרה"ח מו"ה אלעזר אלימלך פארגעס הי"ו אלס "אדמיניסטראטאר" פון די מוסדות, ווערט דער אפיס ווירטשאפט געפירט אויף א העכסט-באלאנסירטן פארנעם, שפארנדיג יעדע פרוטה און באלאנסירן דעם יערליכן בודזשעט מיט אחריות.

**אפגעזען פון דעם ריזן ציפער פון צוויי-און-דרייסיג-מילליאן דאללער ($32,000,000) וואס האט אונז אפגעקאסט צו קויפן און איבערבויען דעם בנין הת"ת החדש אויף ווייט עוו.** איז אונזער יעצטיגער ציל צו באלאנסירן דער יערליכן בודזשעט, מיר זאלן חלילה נישט שאפן קיין פרישע חובות.

**אונזער יעצטיגער ציל איז צו באלאנסירן דער יערליכן בודזשעט, מיר זאלן חלילה נישט שאפן קיין פרישע חובות.**

יעצט, איז די צייט ווען מיר מוזן זיך שטעלן אויף די פוס און שאפן דעם יערליכן דעפעציט דורך נדבות אחינו בני ישראל.

בעטן מיר אייך בכל לשון של בקשה, יעצט ווען די עסקנים חשובים באזוכן אין אייערע שטובער לטובת די מוסדות, זייט אייך מתבונן אין דעם קלארן מציאות. מיר, די חברי הנהלה האבן אונטערגענומען דעם שווערן עול פון מחדש זיין און אנפירן די מוסדות בלויז צו ערפילן די הייליגע שאיפה פונעם גאנצן ציבור, צו קענען מחנך זיין די קינדער על דרך ישראל סבא, בשלום ושלוה אויפן הייליגן דרך הסלולה פון רבותיה"ק זי"ע ויבלחט"א מרן רבינו שליט"א, עס ליגט אויף אונז דער אומדערטרעגליכער עול צו שאפן די אומגלויבליכע סכומים אדירים, **קומט אונז צו הילף!**

מיר קוקן ארויס אויף אייער הילף אין די יעצטיגע וואכן, און מיר ווינטשן אייך אלעס גוטס בזכות החזקת התורה, להתברך בברכה המשולשת בתורה.

מיט כבוד

**הנהלת המוסדות**



דינער השנתי להחזקת אלפי תלמידים ותלמידות כ"י



# רבי אליקים דערציילט...

צום געהויבענעם באזוך פון

**מרן הגאון האדיר ראש ישיבת הרמה שליט"א פון לאנדאן**

**אלס נואם הכבוד ביים סעודת הודאה כ"א כסליו**

(פארזעצונג פון זייט 31)

זענען ליידער נאכגעשלעפט געווארן נאכן עגל הציוני, און ביי די וואלן די בחירות הטמאות האבן זיי פראפעגאנדירט איבער דעם חוב קדוש זיך משתתף צו זיין מיט די וואלן, ווארום אז מען וועט האבן איינעם אינעווייניג וועט מען קענען מער אויפטוהן. [וואס כידוע איז דאס געווען דער לאזונג און דער פארפירערישע הסבר צו בארעכטיגן דאס וואס די אגודה האט זיך צוזאמגעשטעלט מיט די מנהיגי המדינה בשעת דעם התייסדות המדינה].

האט זיך דער בריסקער רב אויסגעדרוקט מיט זיין זיסער לשון: וואלט מען ווען געקענט אריינלייגן דארטן א אונזעריגער, נו... דער פראבלעם איז נאר אז אין דער רגע וואס ער קומט דארטן אריין איז ער שוין גארנישט קיין אונזעריגער...

נאך א ענליכע אויסדרוק פארציילט דער ראש ישיבה, אז דער בריסקער רב האט געזאגט בנוגע די בחירות הטמאות: איבער די הלכה'דיגע חלקים, א בירור הלכה, האב איך נישט אריינגעקלערט, אין דעם איז שוין דער סאטמאר רב עוסק. אבער דאס איז איינמאל ברור אז עס קען נישט ארויסקומען קיין שום תועלת פון זייער זיצן דארטן [בכנסת המינים] מיט זיי!

## דרש'ן ביז מען שפארט צו דער טיר...

דער ראש ישיבה שליט"א פארציילט איבער זיינע יוגנט יארן וואוינענדיג אין בני ברק, נאך די חתונה האט ער געהאט א קביעות צו דרש'נען פרייטאג אויף דער נאכט ביי די צעירי אגות ישראל. ווי פארשטענדליך פלעגן די דרשות זיין געבויעט אויף די יסודות מוצקים דער דרך הקנאות, וואס דאס איז געווען דער אמת'ער אלטער וועג פון די אלטע אגודת ישראל. מיט דער צייט - פארציילט דער ר"י - האב איך באמערקט אז די צוהערער וועלעכע האבן שטארק אנגעהערט צו די אגודיסטישע באוועגונג, ווערן מער און מער נאכגעשלעפט נאך דער השקפה פון די גאס, אזוי ווי די נייע ווינטן וואס האבן דאן געבוזשעוועט אין די אגודה באוועגונג.

נישט וואוסענדיג וואס צו טוהן האב איך אנגעפרעגט דעם חזו"א ז"ל, צו זאל איך ווייטער ממשיך זיין מיט די דרשות, טראץ וואס מערהייט פון די צוהערער זענען אינגאנצען נישט אינטערסירט אין דעם מהלך?, האט דער חזו"א מיר געענטפערט, זעץ ווייטער פאר מיט די דרשות ביז מען וועט דיר צושפארן די טיר! און דער מציאות איז טאקע אזוי געווען אז נאך צוויי וואכן ווען איך בין געקומען זאגן די דרשה האב איך מיך געטראפן מיט א גרויסן שלאס אויף די טיר...

## עס איז קיין מדינה!

אין די יארן נאך די מלחמה, פאר די מדינה הטמאה איז געווארן א רעאליטעט, האט דער חזון איש ז"ל זיך אויסגעדרוקט אין פילע געלעגנהייטן "עס וועט נישט זיין קיין מדינה!".

אין יאר תש"ח וועט די ביטערע בשורה איז פארשפרייט געווארן איבער די הקמת המדינה, פארציילט דער ראש ישיבה שליט"א אז ער האט אנגעפרעגט דעם חזו"א איבער דעם. **האט ער אים געענטפערט פחד'דיגע ווערטער:** "עס איז נישט קיין מדינה, מען וועט אמאל אויפשטיין אינדערפרי און זעהן אז עס איז מער נישט דא!". והדברים נוראים.

ענליכע ווערטער זענען מיר שוין באמת געוואוינט געווען צו הערן אין יעדע געלעגנהייט, ווי רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע פלעגט זאגן במרירות לבו, אז עס איז ברור אז די מדינה וועט ציוניסטיש'ן רב הראשי פון די שטאט תל אביב.

## א בעל תשובה א רב?!

כידוע איז דער רב הרשע קוק געווען אין לאנדאן איידער ער איז ארויפגעקומען קיין ארץ ישראל. פארציילט דער ראש ישיבה אז דער בריסקער רב ז"ל האט אים געפרעגט צו ער וויסט ווי אזוי קוק איז אנגעקומען קיין לאנדאן, ער איז דאך געקומען מתחילה פון די ליטא.

האט פארציילט דער בריסקער רב ז"ל, מתחילה איז דער קוק פארשיקט געיווארן פון דער וואלאזשינער ישיבה, צוליב וואס ער איז געווען א 'קייליקער' ל"ע, און האט עוסק געווען אין ספרי השכלה. שפעטער ווען ער האט חתונה געהאט האט ער געזוכט א רבנות פאסטן, ווען רבי חיים האט דאס געהערט אז ער זוכט א שטעלע, האט אים דאס זייער גערעגט. פרובירנדיג אים צו בארוהיגן האט מען אים געזאגט: ער האט דאך שוין תשובה געטאהן. האט רבי חיים געפרעגט מיט ביטערניש, צו שטעלט מען בעלי תשובה צו זיין רבנים... דאן האט רבי חיים געשריבן בריוון צו אלע שטעט אין די ליטא אז מען זאל נישט אננעהמען דעם קוק פאר קיין רב אין קיין שום שטאט, דעריבער האט ער געמוזט אנטלויפן קיין לאנדאן.

## מרגיש זיין כשרות התפילין איז קיין קונץ

עס ווערט דערציילט אויף הגה"ק רבי יהושע לייב דיסקין זצ"ל אז ברוב קדושתו האט ער געקענט מרגיש זיין פונדרויסן אויף תפילין צו דאס איז כשר אדער נישט. האט דער בריסקער רב ז"ל פארציילט אמאל פארן ראש ישיבה שליט"א, אז מען האט געפרעגט דעם טאטן [הגר"ח] צו די מעשה איז אמת?, אלס א ענטפער האט רבי חיים פארציילט ווי פאלגענד:

א גרופע אידן זענען אמאל געזעצן ביים בית הלוי ז"ל, יעדער פון זיי האט געהערט צו אן אנדערע קרייז, צו א חסידות פון א אנדערען רבי'ן. אזוי שמועס'נדיג האבן זיי זיך מתוכח געווען איבער א געוויסען רבי'ן וועלכער האט געהאט די תפילין פונעם בעש"ט זי"ע, און דער חסיד וועלכער האט זיך אנגעהערט צו דעם רבי'ן האט זיך אויפגעטוהן דערמיט. האט זיך דער צווייטער - זייענדיג א שטיקל קענער פון דעם רבי'ן - אנגערופן: עס פעלט דאך א 'שם' אין די פרשיות פון די תפילין... האט זיך אנגערופן דער דריטער, ווייזט אויס ווארשיינליך אז דער רבי האט ארויסגעצויגן דעם שם...

ביני לביני איז דער בית הלוי ארויסגעקומען, און הערנדיג דעם לעצטן זאץ, האט ער זיך אנגערופן: איך וויס נישט וויאזוי די מעשה איז געווען, אבער ארויסציען א 'שם' פון תפילין דאס קען מען נישט. דער בית הלוי איז ממשיך און ער פארציילט, בזה"ל, ווען מיר זענען געווען אינגלעך און מיר האבן זיך ארומגעשפילט אין חצר, האבן מיר אנגעוויזן דאס יענעם'ס תפילין איז כשר, און דעם אנדערען'ס איז פסול.

רבי חיים פארציילנדיג די מעשה האט אויסגעפירט, ס'איז נישט קיין שווערע זאך. און דער בריסקער רב האט צוגעלייגט: דער טאטע האט מיר געזאגט ווי אזוי. ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט שטארק געמוטשעט דעם בריסקער רב ער זאל אים דאס פארציילן, האט ער געענטפערט מיט א שמייכל: איך האב שוין פארגעסן...

## ער איז שוין נישט אונזער...

איבער די פאלטשע טענה פון די וועלעכע בטל ווערן, ווארום משיח קען נישט קומען אנדעם, מיר דארפן נאר בעטן אז דאס זאל זיין בידי שמים, אן קיינע אידישע קרבנות.

נאך איבער די 'מלכות' המינות, פארציילט דער ראש ישיבה אז דער חזו"א האט געהאלטן אז די חוקי המדינה האבן נישט קיין דין פון דינא דמלכותא דינא, זאגנדיג אז דאס איז נישט קיין מלכות, נאר א מעשה ליסטאות בעלמא [א פשוטע'ר גניבה].

## "איך האב נאך צוויי תלמידים"

כידוע האט דער חזו"א געהאט גאר א גרויסע חלק אין אויפשטעלן דעם ערשטן תלמוד תורה אויף דער אידישע שפראך אין די שטאט בני ברק. ער האט דאן געבעטן די סאטמארע חסידים זיי זאלן זיך דערין אריינלייגן און ער וועט זעהן צו שאפן תלמידים. און טאקע דורך זיין השתדלות איז דאן צוזאמגעשטעלט געווארן די ערשטע קבוצה פאר די ת"ת אין בני ברק.

פארציילט דער ראש ישיבה, ווי אין איינע פון די טעג וואס דער חזו"א האט עוסק געווען אין דעם ענין, ווען ער איז אריין צום חזו"א, האט ער אים געטראפן אין א שטארקע שמחה, אויף די שאלה וואס עס איז די גרויסע שמחה, האט דער חזון איש געענטפערט "איך האב געטראפן נאך צוויי תלמידים פאר די תלמוד תורה".

## "מפני קדושת המועד" אין א קלאסיפייד עד...

אן אינטערסאנטע פרט איבער די שטארקע פארפארעניש וואס גייט פאר אין די פרומע ציוניסטישע קרייזען [לייען: אגודה], פארקריכנדיג פיל ווייטער ווי זייערע אייגענע מכלומר'שטע פארשריפטן, פארציילט דער ראש ישיבה שליט"א:

אנפאנג פון די התייסדות המדינה איז דאן ארויסגעקומען דער צייטונג "הקול", דורך איינע פון די אפטיילונגען אינערהאלב די אגודה. אין יענע צייט זענען זיי געקומען באזוכן ביי אדמו"ר הגה"ק מהרי"ץ מדושינסקי זצ"ל, ארומרעדנדיג איבער די שטעלונג פון דאס יהדות החרדית בנוגע דעם הקמת המדינה. דער מהרי"ץ האט דאן ארויסגעברענגט די קלארע מיינוג, אז עס ברויכן אויפגעשטעלט ווערן אין יעדע געגנט לענגאויס ארץ ישראל עקסטערע קהילות, וועלעכע זאלן זיין אפגעזונדערט אן קיין מינדעסטע שייכות צו די קהילות וואס געהערן צו די מדינה.

צווישן די שמועס'ן האבן זיי אנגעפרעגט דעם מהרי"ץ ווי אזוי מען זאל זיך פירן מיטן דרוקן דעם צייטונג אין חול המועד טעג?, האט הרב דושינסקי זיי געזאגט אז זיי זאלן דרוקן נאר די גאר וויכטיגע פרטים און מודעות און בקיצור נמרץ. אויף די שאלה פון די מערכת וואס מען זאך טוהן מיט די איבעריגע חלקים פון דעם צייטונג [די ליידיגע גליון], האט ער געזאגט אז מען זאל שרייבן מיט גאר גרויסע אותיות "מפני קדושת המועד" [ד.ה. אז די בלעטער זענען ליידיג מחמת קדושת המועד]. און אזוי האבן זיי טאקע געטוהן אז דער צייטונג איז ארויסגעקומען חוה"מ מיט נייעס נאר אויף א האלבע בלאט, און דאס איבעריגע איז געשטאנען "מפני קדושת המועד".

לייגט דער ראש ישיבה צו, אז היינט ווערט דער אפיציעלער צייטונג פון די אגודה געדרוקט אום חוה"מ אנגעפילט מיט אלע סארט נייעס און מודעות, וויכטיגע און נישט וויכטיגע צוגלייך. אבער צווישן די קליינע מודעות איז דא מודעה מיט קליינע אותיות, פון וועלעכע עס לייענען זיך ארויס די ווערטער "מפני קדושת המועד"... און זיי טענה'ן אז דאס איז לויטן פסק פון הרב דושינסקי ז"ל...

ויסלף דברי צדיקים

## אינגעלע זעץ זיך גיך לערנען...

עס פארציילט דער ראש ישיבה שליט"א: עס האט מיר פארציילט דער ירושלימ'ער רב, הגאון האדיר רבי זעליג ראובן בענגיס זצ"ל, אז זייענדיג א בחור'ל פון קוים פערצן יאר איז ער געגאנגען לערנען אין די ישיבה אין וואלאזשין ביים גרויס'ן נצי"ב זצ"ל. גייענדיג צו די ישיבה איז מיט אים מיטגעגאנגען זיין פעטער, וועלכער האט אים פארגעשטעלט פארן ראש ישיבה דער נצי"ב. אויף די פראגע פונעם נצי"ב "וואס קען דער בחור'ל?" האט מיין פעטער געענטפערט "האלב ש"ס!", דער נצי"ב האט נישט געלייגט צופיהל געוויכט דערויף נאר האט זיך אנגערופן "אינגעלע זעץ זיך גיך לערנען, א שאד די צייט". רבי ראבן זעליג האט דאן צוגעגעבן "איך בין נישט געווען קיין יחיד אין דעם, אין יענע צייט!".

## איך בין נישט קיין אדוואקאט...

עס פארציילט דער ראש ישיבה שליט"א: ביים חזון איש ז"ל איז געווען צייטן וואס די רביצ'ן האט נישט אריינגעלאזט קיין מענטשן צום חזו"א. אבער היות עס פלעגן כסדר קומען מענטשן וועלעכע האבן געוואלט אריין גיין צום חזו"א האט די רביצ'ן געבעטן דעם חזו"א, אז ער זאל באשטימען א שעה צוויי אין טאג, וואס דאן וועט ער אויפנעמען מענטשן, אזוי וועט זי נישט דארפן פארשפארן די טיר אויף א גאנצען טאג. האט דער חזו"א געענטפערט "איך בין נישט קיין אדוואקאט וואס באשטימט שעות...".

מיר וועלן מסיים זיין די שורות מיט א ברכת הדיוט פארן גרויסן ראש ישיבה שליט"א, אורך ימים אשביעהו ואראהו בישועתי, למען יאריך ימים על ממלכתו צו פארשיינען מאור תורתו הבהיר פאר כלל ישראל, מתוך בריות גופא ונהורא נפישא עד זקנה ושיבה, ובימיו ובמינו תוושע ערי יהודה וישראל בביאת גואל צדק במהרה דידן אמן.



דרשת הגאון הגדול

# רבי נח אייזיק אלבום שליט"א

## אבד"ק הומנא ומח"ס שו"ת מנחת חן

במקהלות רבבות אלפי ישראל בסעודת ההודאה ודינער ראשונה למוסדותינו הק'

## כ"א כסלו תשס"ח לפ"ק

ברשות כ"ק אדמו"ר שליט"א, כבוד הרבנים הגאונים, בעלי בתים חשובים, עסקנים נכבדים, חסידים ואנשי מעשה, מוקירי התורה, חובבי תורה, תומכי תורה.

מורי ורבותי, ס'איז א געוואלדיגע שמחת הנפש צו זעהן אזא פרעכטיגער ערשיינונג פון כבוד התורה, במעמד רבבות אלפי ישראל, זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו, דער גרויסער טאג פון די הצלה פון דעם רבן של ישראל, ראש גולת אריאל, וועלכע ער האט משנה געווען די גאנצע אויסזען פון אמעריקא, און ער האט מטהר געווען דעם אויר, מ'זאל זיך קענען האלטן דא אין אמעריקא, און מ'זאל זיך קענען פירן בלי שום שינוים פון אונזערע זיידעס, צו קענען ממשיך זיין די הייליגע מסורה, מאבותינו הקדושים, ממוסדי דור ודור,

### כוחו של אותו זקן

דער רבי ז"ל, דער גברא דמארי' סייע', האט אויפגעשטעלט א לגיון של מלך, נאמנים לשם ולתורתו, וואו די תלמידים ווערן נתחנך בדרך התורה והמסורה, אויף דעם אויסגעטרעטענעם וועג המקובל מרבותינו הקדושים.

**דער רבי ז"ל איז געווען בגדר "מאן מלכי רבנן", פון די רבנן וואס האבן געהאט דעם תואר פון "מלך", ער האט נישט מורא געהאט פון קיין בשר ודם, ער איז געווען דער גרויסע לוחם מלחמות ה', אויף יעדע פירצה קטנה האט ער געקעמפט מיט א גבורות דקדושה פאר כבוד שמים, ער האט זיך נישט געשראקן פאר די גאנצע וועלט.**

שטייענדיג דא, שווימען מיר אויף א ים פון זכרונות, זכרתי ימים מקדם, איך דערמאן זיך יארן צוריק ביים רבי'ן ז"ל, בעל דברי יואל, ווען מיר האבן געהאט די זכי' נהנה צו זיין מזיו השכינה, חמין ושמן שסכו לי בילדותי הם שעמדו לי (חולין כד, ב), יעדער וואס האט נאר געהאט די זכי', כאטש אביסל זיך מדבק צו זיין אין רבי'ן ז"ל ווייסט, אז דער רושם קדושה באגלייט אים עד היום הזה.

חסדי ה' יתברך, וואס די מוסדות הקדושים ווערן היינט אנגעפירט דורך יבדל לחיים כ"ק אדמו"ר שליט"א, דער רבי זאל זיין געזונט, וואס נישט נאר ער איז ממשיך, נאר דער רבי שליט"א האט אין א קורצע צייט שלא כדרך הטבע, אויפגעבויעט די מוסדות וועלכע האבן זיך צובליעט לשם ולתפארת פון וועלכע מען זעט שוין די שיינע פירות, עס איז צו דערקענען דעם געוואלדיגען מסירות נפש, און כוחו של אותו זקן פונעם רבי'ן ז"ל, וועלעכע האט געלייגט דעם יסוד, און יבדל לחיים כ"ק אדמו"ר שליט"א, וואס בויעט אויף די יסודות.

### דער כח המלכות פון רביה"ק זי"ע

מורי ורבותי, דער יום הצלה פון דעם אדם הגדול בענקים, פון די אמאליגע מנהיגי ישראל, אדירי התורה, ארזי הלבנון, אויף וועמען גדולי ישראל האבן מעיד געווען אז ער איז געווען א חידוש נאך אין דורות הקודמים. זיין גאונות, זיין צדקות, כחד מקמאי, דער רבי ז"ל איז געווען באוואוסט מנעוריו בכחו הגדול בכל מקצועות התורה, הן בהלכה והן באגדה, אויף יעדן שריט און טריט דערקענט זיך דא זכותו של אותו זקן, דער רבי ז"ל דער רבן של ישראל משיירי כנסת הגדולה, וועלכער איז לעבן געבליבן בחסדי ה', להחזיר עטרה ליושנה, געבליבן אוועקצושטעלן די צורה פון כלל ישראל, אזוי ווי מ'זעט דאס היינט.

דאכט זיך מיר רבותי, ווער זענען מיר צו זאגן אן הגדרה אויפן רבי'ן ז"ל און דער יום הצלה. נאר יעדער וועט מודה זיין אויב מ'זאל וועלן אויסקלויבן איינע פון די גרויסע שטריכן וואס טוט אפטייטשן דעם רבי'ן ז"ל, מיין איך אז דאס בויעט זיך אויף דעם היינטיגן יסוד.

רבותי, מ'געפינט ביי שאול המלך (שמואל א טו, ט) א מערוועקדיגע זאך, שאול המלך, האט איבערגעלאזט אגג מלך עמלק, קומט שמואל הנביא און ער זאגט אים מוסר, ער פרעגט אים "מדוע בזית את דבר ה'", פארוואס האסטו מבזה געווען דעם דבר ה', און שאול המלך ענטפערט, הפלא ופלא, "כי יראתי את העם ואשמע בקולם", ווייל איך האב מורא געהאט פונעם פאלק האב איך זיי צוגעהערט, איך האב נישט מקיים געווען דעם ציווי ה' ווייל "כי יראתי את העם".

ס'איז הפלא ופלא, שאול המלך איז געווען פון די גדולי וצדיקי הדור, ווי די גמרא ברענגט אין יומא, וויאזוי זאגט ער דא "כי יראתי את העם", וואס א תירוץ איז דאס.

**אין די תורה וועלט, אין די חסידישע וועלט, איז פארהאנען א חזקה מיוחדת אז אלע אדמו"רי סיגוט ביז צום ישמח משה, זענען געווען גאונים אדירים בתורה, ס'איז א זאך וואס איז א דבר מיוחד וואס מ'זעהט אין די שלשלת. די חזקה, געפינט זיך אויך היינט.**

שטייט א דבר נפלא אין די הקדמה פון תשובות עונג יו"ט, די גמרא זאגט אין סנהדרין (דף כ'), שלש מצות נצטוו ישראל בכניסתן לארץ, דריי מצות זענען אידן נצטוה געווארן אריינגייענדיג אין ארץ ישראל, להעמיד להם מלך, מ'דארף אויפשטעלן א מלך, להכרית זרעו של עמלק, מ'דארף אויס'הרג'נען עמלק, און לבנות להם בית הבחירה, בויען דעם בית המקדש. ואיני יודע איזהו מהם תחלה, וועלכע קומט פריער, כשהוא אומר "כי יד על כס י-ה מלחמה לה' עמלק הוי אומר להעמיד להם מלך תחלה", קודם שטעלט מען א מלך, כי יד על כס, ואין כסא אלא המלך שנאמר וישב שלמה על כסא ה' למלך. זעט מען א יסוד, ס'איז דא א תנאי אין די מצוה פון מחיית עמלק, מ'דארף האבן א מלך כדי מקיים צו זיין מצות מחיית עמלק.

זאגט דער עונג יו"ט, וואס איז די הגדרה פון א מלך, וויאזוי טייטשט מען אפ א מלך, להבדיל ביי אומות עולם איז אויך דא מלכים, וואס איז דער באדייט פון א אידישן מלך, זאגט דער עונג יו"ט ס'איז א גמרא מפורשת אין הוריות (דף י'), איזהו נשיא, נשיא זה מלך, שנאמר מכל מצות ה' אלקיו, מי שאין לו על גביו אלא ה' אלקיו, א מלך איז א פשט ער האט נישט מורא פאר קיינעם נאר פארן אויבערשטן, שאין לו על גביו אלא ה' אלוקיו. קומט אויס, אויב א מלך האט מורא פון א בשר ודם הייסט ער נישט קיין מלך, א מלך איז נאר דער "שאין לו על גביו אלא ה' אלקיו", ער האט נישט איבער אים נאר דעם אויבערשטן, טאמער האט ער מורא פאר א בשר ודם איז ער נישט קיין מלך. און אויב איז ער נישט קיין מלך איז ער פטור פון מצות מחיית עמלק, דער תנאי אויף מצות מחיית עמלק איז אז מ'דארף האבן א מלך, אויב ער האט מורא פון א בשר ודם איז ער נישט קיין מלך, און אויב איז נישטא קיין מלך איז נישט דא קיין מצוה פון מחיית עמלק.

זאגט דער עונג יו"ט, שאול המלך איז מודה "כי יראתי את העם", איך האב אבער יא מורא געהאט פארן פאלק, ממילא בין איך נישט קיין מלך, אויב בין איך נישט קיין מלך בין איך פטור פון די מצוה פון מחיית עמלק. האט ער גע'טענה'ט אז על פי הלכה איז ער געווען פטור, ווייל א תנאי אין מצות מחיית עמלק איז מ'דארף האבן א מלך.

רבותי, דער רבי איז געווען בגדר "מאן מלכי רבנן", פון די רבנן וואס האבן געהאט דעם תואר פון "מלך", ער האט נישט מורא געהאט פון קיין בשר ודם, ער איז געווען דער גרויסע לוחם מלחמות ה', אויף יעדע פירצה קטנה האט ער געקעמפט מיט א גבורות דקדושה פאר כבוד שמים, ער האט זיך נישט געשראקן פאר די גאנצע וועלט, אים איז נישט אנגעגאנגען וואס יענער וועט זאגן, אפילו וואס א צווייטער גדול וועט זאגן, אויב האט ער האלטן אז דאס איז דער דעת תורה, דאס איז דער דבר ה', מען דארף מעמיד זיין דעם דת על תילה.

### אין מי שיאמר את דבר ה' בתקיפות

ס'איז א פאקט אז די גדלות פון רבי'ן איז געווען אנערקענט אין אלע קרייזן, אפילו אין ליטווישן חדר, ס'איז באקאנט אז הגאון הרב שך האט בשעתו מספיד געווען דעם רבי'ן ז"ל, האט ער געזאגט "אזיל גברא דמסתפינא מיני'", ער האט געזאגט ס'איז נישט היינט "מי שיאמר את דבר ה' בתקופות", היינט האמיר נישט מער. און דאס איז דער אמת.

איך ווייס דאס פערזענליך, אז אפילו פארשידענע גדולי ישראל, וואס זענען נישט איינגעגאנגען אינגאנצן מיט די השקפה פון רבי'ן, אבער ס'איז א פאקט, צוליב דעם רבי'ן זענען זיי נישט אזוי ווייט פארקראכן, דער רבי האט געהאט א השפעה אפילו אויף די וואס זענען נישט אינגאנצן מיטגעגאנגען מיט אים. דער פאקט וואס דער רבי'נ'ס השפעה אויף דער וועלט האט גורם געווען, און איך ווייס אליין פארשידענע גדולי ישראל, ווען נישט די השפעה פון רבי'ן וואלטן זיי נתרחק געווארן אסאך ווייטער, דאס איז געווען די געוואלדיגע סייעתא דשמיא, דאס איז געווען די געוואלדיגע כח פון רבי'ן ז"ל.

### חזקה מיוחדת פון אדמור"י בית סיגוט

און איך מיין דאס וואס ב"ה מ'געפינט זיך טאקע דא, און מ'זעהט די פירות, איך האב געהאט די געלעגענהייט מ'האט מיך געפירט טאקע פאריגע וואך זען אביסל די כיתות, באזוכן די ישיבה, פון קליין ביז גרויס, איך האב אפילו גע'דרשנ'ט אביסל דברי חיזוק פאר די בחורים, וועל איך קודם זאגן איין זאך.

דער אמת איז ס'איז פארהאנען אין די תורה וועלט, אין די חסידישע וועלט, איז פארהאנען א חזקה מיוחדת אז אלע אדמור"י סיגוט ביז צום ישמח משה, זענען געווען גאונים אדירים בתורה, ס'איז א זאך וואס איז א דבר מיוחד וואס מ'זעהט אין די שלשלת. ב"ה ס'איז פארהאנען פארשידענע צדיקי הדור, אין אלע דורות, אבער די חזקה מיוחדת, אז די שלשלת פון אלע אדמור"י סיגוט, אזוי ביז צום ישמח משה גייענדיג, זענען אלע געווען גאונים אדירים בתורה, די חזקה, רבותי, געפינט זיך אויך היינט ביים רבי'ן זאל זיין געזונט. דער רבי איז א שם דבר נישט נאר דא אין אמעריקא, נאר אין עולם התורה בכלל, דער רבי, נישט נאר ער איז ממשיך דרכו פון זיין פאטער דער בעל ברך משה ז"ל און פון זיין פעטער דער רבי ז"ל, נאר ער איז מוסיף, און ער איז מחדש אין זייער מהלך, ביתר שאת וביתר עוז.

ס'איז כדאי ארויסצוברענגען אז דער רבי זאל זיין געזונט איז איינער וואס איז מיוחד פון די אדמורי"ם בדרורינו וואס ער אליין איז שקוע ראשו ורובו אין לימוד התורה, זיין לעבן, זיין שאיפה זיצט אליינס בהתמדה, ווען אימער ער קען זיך אוועקרייסן. דאס איז זיין חיות, ראשו ורובו איז שקוע בתורה, און א מחדש נפלא בתורה. דער רבי האלט אין אין מאנען נאך און נאך, מ'גיט א קוק די געוואלדיגע הצלחה, כמעט נישט מער פון איין יאר, איין יאר וואס מ'האט אויפגעשטעלט, מ'זעהט די מוסדות החינוך, די סייעתא דשמיא אין בויען דעם מוסד פאר די יונגלעך, דאס געטריישאפט, דאס איבערגעבנקייט פון מלמדים איז אויסערגעוועגליך, מ'שטעלט א דגוש אז יעדעם קינד זאל מצליח זיין לפי ערכו, די מנהלים שטעלן א שטענדיגן אויג, און זענען משגיח על כל דבר ודבר. דא רבותי, ווערן די קינדער נתחנך, אנגעהויבן פון ראשית צמיחתם, פון קליינערהייט ביז די דרייצן-פערצן יאר, דא שטעלט מען אוועק דעם גאנצן עתיד, דא איז דער יסוד, וואס אויף דעם איז געבויעט די אלע יארן וואס ער גייט אדורך.

### צדקה פאר א ת"ח איז א נצחיות אפילו אויף שפעטער

מורי ורבותי, לאמיר שמועסן וואס איז דער פשט פון "החזקת התורה", סוף כל סוף מ'איז זיך דא

# שאי סביב עינך וראי כולם נקבצו באו לך

בס"ד

ביים מעמד רבתי עם במקהלות רבבות אלפי ישראל

# סעודת הודאה
## כ"א כסלו

וועלן אלופי אלפי ישראל תושבי

**וויליאמסבורג • בארא פארק**
**קרית יואל • בעיסוואטער • מאנסי**
**לעיקוואד • מאנטרעאל**

זיך צונויפזאמלען תחת קורת גג אחד

## לשמוע דברי אלקים חיים

מאת הרבנים הגאונים הצדיקים שליט"א

ובראשם מאת אבינו רועינו עטרת ראשינו

## כבוד קדושת מרן רבינו הגה"ק שליט"א

דעם חובת השעה פון דעם יום ההצלה

## מקומן בל יפקד

**להיות לכם לפליטה גדולה**
**להחיות עם רב**




ד' וישב • כ"א כסלו

## ברוקלין ארמיי

זכות
"תלמיד לשנה"
## $1,200

דרשת הגאון הגדול

# רבי נח אייזיק אלבום שליט"א

**אבד"ק הומנא ומח"ס שו"ת מנחת חן**

במקהלות רבבות אלפי ישראל בסעודת ההודאה ודינער ראשונה למוסדותינו הק'

## כ"א כסלו תשס"ח לפ"ק

צוזאמגעקומען פאר א צוועק, מ'איז געקומען בויען תורה, מ'איז געקומען מחזיק זיין תורה, וואס איז דער פשט רבותי פון "החזקת התורה".

איך גלייב ס'איז א דבר נפלא, ס'איז פארהאנען א קליינע מעשה וואס די גמרא ברענגט אין בבא בתרא (דף ח'), רבי פתח אוצרות בשני בצורות, ס'איז געווען א הונגער יאר, רבינו הקדוש אליין איז געשטאנען ביי די אוצרות און ער האט געגעבן אידן צו עסן. האט ער געזאגט נישט פאר יעדן געב איך צו עסן, יכנסו בעלי מקרא, בעלי משנה, בעלי גמרא בעלי הלכה, אריינקומען זאל נאר א בעל מקרא, איינער האט געלערנט חומש, האט ער געלערנט גמרא, האט ער געלערנט משניות, די זאלן אריינגעקומען און זיי וועל איך געבן צו עסן, אבער עם הארץ אל יכנסו, אן עם הארץ זאל נישט אריינקומען. דערציילט די גמרא, דחק יונתן בן עמרם, יונתן בן עמרם איז אריינגעקומען, רבי האט אים נישט געקענט, האט אים רבי געפרעגט, בני קרית, האסטו געלערנט עפעס חומש, אמר לאו, ער האט נישט געלערנט קיין חומש, בני שנית, האסטו געלערנט משניות, אמר לאו, איך האב נישט געלערנט.

(אגב, אויב רבי האט אים שוין געפרעגט קרית, האסט געלערנט חומש, זאגט ער ניין, וואס פרעגט ער אים האסט געלערנט משניות, אויב ער האט נישט געלערנט קיין חומש וואס איז די שאלה אויף משניות. זאגט דער רש"ש א הפלא ופלא, פון דא זעהט מען ס'איז פארהאנען גדולי ישראל וואס זענען בקי אין ש"ס און פוסקים, אבער חומש קענען זיי נישט, והא ראיה, קרית לאו, אפשר משניות יא, אפשר גמרא יא, און דאס זאגט שוין דער רש"ש וואס איז געווען אין ווילנא, א דור פון גדולי ישראל, זאגט דער רש"ש ס'איז יתכן מ'קען זיין א בקי אין ש"ס און פוסקים, אבער חומש קען ער נישט).

אמר לי', זאגט רבי, דו האסט נישט געלערנט קיין חומש, האסט נישט געלערנט קיין משניות, אם כן במה אפרנסך, אין וועלכן זכות זאל איך דיך מפרנס זיין, אמר ליה רבי פרנסנו ככלב וכעורב, איך בין דאך נישט ארגער פון א כלב, חלילה, ורחמיו על כל מעשיו, זאגט די גמרא יהיב ליה, האט ער אים געגעבן, לבתר דנפק, ווען יונתן בן עמרם איז ארויסגעגאנגען, האט רבי זיך אנגערופן, אוי לי שנתתי מפתי לעם הארץ, ווי איז צו מיר, איך האב געגעבן פון מיין ברויט פאר א עם הארץ.

דארף מען פארשטיין רבותי, מעיקרא מאי קסבר ולבסוף מאי קסבר, קודם האט ער אים געגעבן, ער האט געהאלטן פרנסנו ככלב וכעורב, ער איז נישט ארגער פון א כלב און א עורב, פארוואס שפעטער האט ער חרטה געהאט און געזאגט אוי לי שנתתי מפתי לעם הארץ.

שטייט אין כתב סופר, דער כתב סופר זאגט א דבר נפלא, דער אמת איז, אז ס'קומט אפילו אן עם הארץ און בעט צו עסן, ער איז א איד ס'איז א מצוה צו געבן, ס'איז א מצוה צו געבן, א איד קומט און בעט א שטיקל ברויט, מ'גייט אים נישט בודק זיין, איינער בעט צו עסן ער מעג זיין אן עם הארץ מוז מען געבן, וואס איז אבער דער חילוק רבותי, אז מ'גיבט צדקה פאר אן עם הארץ איז דא א מעשה המצוה, די מעשה המצוה איז בשעת מעשה, בשעת איך האב געגעבן האב איך מקיים געווען די מצוה לפי שעה, אבער נאכדעם בלייבט גארנישט, די מצוה האט זיך געענדיגט מיטן געבן, איך האב געגעבן און די מצוה האט זיך געענדיגט, אבער ווען מ'גיבט צדקה פאר א ת"ח, ענדיגט זיך נישט די מצוה מיטן געבן, דער ת"ח גייט יעצט לערנען תורה, ער גייט מקיים זיין מצות ומעשים טובים, ער איז מחנך זיינע קינדער, צדקה וואס מ'גיבט פאר א ת"ח איז א מצוה נמשכת, ווען מ'גיבט פאר תורה די מצוה הערט זיך נישט אויף, די מצוה איז א נצחיות, ס'בלייבט אויף אייביג.

זאגט דער כתב סופר, דאס איז פשט אין די גמרא, לבתר דנפק, ווען יונתן בן עמרם איז ארויסגעגאנגען, ס'איז גארנישט געבליבן מער, דאן האט רבי געוויינט, "אוי לי שנתתי מפתי לעם הארץ", ווען איך געב פאר א ת"ח בלייבט די מצוה אפילו ווען ער גייט אהיים, אפילו שפעטער, א וואך שפעטער, א חודש שפעטער, א יאר שפעטער, יעדער מצוה וואס דער ת"ח איז מקיים איז דאס מיין מצוה, איך האב אים געמאכט לייכטער, איך האב אים געגעבן די מעגליכקייט, אבער ביי אן עם הארץ לבתר דנפק, איז שוין גארנישט געבליבן, ס'איז נישט מער ווי א מעשה מצוה לפי שעה.

## די זכי' צו געבן פאר נצחיות

רבותי, דא האנדלט זיך אין החזקת התורה א נצחיות'דיגער געלעגנהייט, נישט לבתר דנפק, ס'הערט זיך אויף, דא איז א מעגליכקייט אין די מוסדות, דער חינוך הטהור, וואס מ'איז מגדל און מחנך ערליכע אידישע דורות עד ביאת המשיח, על דרך הסלולה פונעם רבי'ן בעל דברי יואל ז"ל, און שפעטער נמשך געווארן דורכ'ן רבי'ן בעל ברך משה ז"ל, זיי האבן געווינט אויפן מצב און געבעטן פאר סייעתא דשמיא, די טרערן, די דמעות זענען נישט פארפאלן געגאנגען, מיר זעען היינט די וואונדערליכע פירות, און די אומגלויבליכע סייעתא דשמיא, וואס באגלייט דעם רבי'ן זאל זיין געזונט, ער זאל קענען ממשיך זיין און בויען אויף די יסודות.

**דא האנדלט זיך אין החזקת התורה, א נצחיות'דיגער געלעגנהייט, נישט לבתר דנפק, ס'הערט זיך אויף, דא איז א מעגליכקייט אין די מוסדות, דער חינוך הטהור, וואס מ'איז מגדל און מחנך ערליכע אידישע דורות עד ביאת המשיח, על דרך הסלולה פונעם רבי'ן בעל דברי יואל ז"ל, און שפעטער נמשך געווארן דורכ'ן רבי'ן בעל ברך משה ז"ל, זיי האבן געווינט אויפן מצב און געבעטן פאר סייעתא דשמיא, די טרערן, די דמעות זענען נישט פארפאלן געגאנגען, מיר זעען היינט די וואונדערליכע פירות, און די אומגלויבליכע סייעתא דשמיא, וואס באגלייט דעם רבי'ן זאל זיין געזונט.**

איך גלייב ס'איז נישטא קיין פעדער וואס קען באשרייבן וויפיל דער רבי ז"ל האט מקריב געווען זיינע כוחות פאר די מוסדות הקדושים, וויפיל קאפ, וויפיל מח ער האט אריינגעלייגט אין יעדע פרט פון יעדן הינזיכט און יעדן סדר הלימוד, און חינוך הבנים און נאך מער אין חינוך הבנות, ווען ער האט אוועקגעשטעלט דעם יסוד פון חינוך פאר די היינטיגע דורות.

**די תורה ענטפערט צוריק פארן איד, "וואס האסטו געטאהן פאר מיר?", "דו בעטסט אז איך זאל זיך מתחנן זיין פאר דיר?", "האסטו מחזיק געווען תורה?", "האסטו צוגעלייגט א האנט, א פלייצע, אז תורה זאל האבן א קיום אין כלל ישראל", "האסטו אויסגעהאלטן די מוסדות התורה?".**

## מ'זאל נישט ווערן פארשעמט פון די שארפע תשובה

רבותי איך זאג נאך איין רעיון. מ'ברויך דאך רפואות און ישועות, מ'דערמאנט זיך ווען ס'קומט סליחות טעג, וואס טוט א איד, מ'שטעלט זיך אוועק און מ'בעט "תורה הקדושה התחננו בבקשה", א איד בעט זיך צו די תורה הקדושה, בעט פאר מיר, מ'שטייט און מ'האפט אויף ישועות און רפואות, ער ווייסט זיין מצב, שרייט ער ארויס און ער בעט "תורה הקדושה התחננו בבקשה".

זאגט דער חפץ חיים, אז ס'קומט יום כפור, ס'קומט די ימים נוראים, און א איד ער איז פארצווייפלט, ער וויל און ער האפט ער זאל זיך אויסבעטן א גוט יאר, ער איז "דעספערעדט", גייט ער צו די תורה, תורה הקדושה בעט פאר מיר, זאגט דער חפץ חיים, דו ווייסט וואס די תורה ענטפערט צוריק, די תורה ענטפערט צוריק פארן איד, "וואס האסטו געטאהן פאר מיר?", "דו בעטסט אז איך זאל זיך מתחנן זיין פאר דיר?", די תורה ענטפערט צוריק, "וואס האסטו געטאהן פאר מיר?", "האסט אויסגעהאלטן א ת"ח?", "האסטו געבויעט תורה?", "האסטו מחזיק געווען תורה?", "האסטו צוגעלייגט א האנט, א פלייצע, אז תורה זאל האבן א קיום אין כלל ישראל", אז דו שטעלסט זיך אוועק און דו בעטסט, "תורה הקדושה התחננו נא", דו ווילסט אז די תורה זאל בעטן פאר דיר, מוזטו קודם געבן פאר די תורה, ווייז פאר די תורה אז דו ביזט ווערד אז די תורה זאל בעטן פאר דיר.

## דער "ארון הקודש" פאר תורה שבעל פה

רבותי מיר האבן יעצט די געוואלדיגע געלעגנהייט צו האבן דעם גרעסטן מליץ יושר, די תורה הקדושה אליין זאל זיך שטעלן פארן כסא הכבוד, יעדער איד זאל געהאלפן ווערן מיט אלעם גוטן, מיט אלע זיינע ישועות מיט אלע זיינע בקשות, לאמיר דאס נישט פארשפילן.

דער אמת איז, ס'איז דא א פסק נפלא פון הייליגן חתם סופר, א איד האט אמאל מנדב געווען אן ארון הקודש, צום סוף האט זיך אויסגעלאזט מ'האט דאס נישט געדארפט. האט דער חתם סופר גע'פסק'נט, מ'מעג משנה זיין דאס געלט און געבן אויף א ישיבה. זאגט דער חתם סופר אז דאס איז מסברא, ער האט דאך מנדב געווען אן ארון קודש מעג מען דאס משנה זיין פאר א ישיבה, ווייל פונקט אזויווי תורה שבכתב האט אן ארון הקודש, האט אויך תורה שבעל פה אן ארון הקודש, איר ווייסט רבותי וואו איז דער ארון קודש פון תורה שבעל פה?, דער ארון קודש פון תורה שבע"פ זענען די ישיבות, די מוסדות התורה, וואו מ'זיצט און מ'לערנט תורה, דאס איז אויך אן ארון הקודש, "די ישיבות זענען די ארון הקודש פון תורה שבעל פה", דער ארון הקודש פון תורה שבעל פה זענען אונזערע הייליגע מוסדות, וואס מ'בויעט און מ'האלט אין איין בויען, דאס איז דער כח פון "החזקת התורה".

## הברכות נתונות בידך – לויט דיין האנט

בין איך מיט דעם מסיים, יעדער איד האט זיך זיינע בקשות, יעדער ברויך סייעתא דשמיא, ענינים פון שידוכים, געזונט, נחת פון קינדער, בלייבט איבער איין זאך, אויפן פסוק פון "והיה ברכה", זאגט רש"י הברכות נתונות בידך, וואס איז דער פשט "הברכות נתונות בידך", שטייט אין אהבת שלום, די ברכות ליגט בידך, אין דיין האנט, א איד וואס גיבט צדקה איז דער מקור הברכה, ער שאפט א מקור פון ברכות, והיה ברכה איז דער פשט הברכות נתונות בידך, די ברכות זענען איבערגעגעבן לויט דיין האנט, טאמער דו האסט אן אפענע האנט, דו ביזט מחזיק תורה, דו בויעסט תורה, ביזטו זוכה אז די ברכות ליגן ביי דיר, יעדער איד וואס ער זוכט ברכות און ער וויל שאפן ברכות, הברכות נתונות בידך, ס'איז תלוי לויט זיין מתנת יד.

זאל דער אויבערשטער העלפן, אז כ"ק אדמו"ר שליט"א, דער רבי זאל זיין געזונט, זאל זוכה זיין ממשיך צו זיין די עבודת הקודש, צו פירן די עדה הקדושה ביתר שאת וביתר עוז, זוכה זיין ממשיך צו זיין צו בויען תורה, מרביץ זיין תורה, מ'זאל קענען מוסיף מחדש צו זיין חידושי תורה, די שיינע חידושי תורה המפורסמים בעולם בכלל, מתוך בריות גופא ונהורא מעליא, אין זכות פון קיום און חיזוק התורה, זאל מען זוכה זיין צו בני חיי ומזוני, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, מתוך שמחה ונחת, שפע ברכה והצלחה, בהתגלות כבוד שמים עלינו, בביאת משיח צדקנו במהרה בימינו אמן.

# צענדליגער טויזנטער סאַטמאַרער חסידים ערוואַרט קומענדיגן מיטוואָך צום צענטראַלן סעודת הודאה כ״א כסלו

## צוזאַם מיטן דינער השנתי, אין גיגאַנטישן בנין ״ברוקלין אַרמיי״

(פארזעצונג פון זייט 1)

וועלן מכובד ווערן כערכם הרם, און צוגעבן מיט זייער אנוועזנהייט צו דעם געהויבענעם אווענט.

## סעודת הודאה כ״א כסלו

דער יערליכער ״סעודת הודאה״ אויף די הצלה פונעם רבן של ישראל רבינו הק׳ זי״ע, ווערט שוין פאר לאנגע יארן פארוואנדלט אין א ״זמן קהלה״, וואו אלפים מישראל קומען זיך צונויף אין דעם ״יומא טבא של ממלכת סאטמאר״, בהאי יומא דקא גרים ווען דער שר צבא ה׳ ובונה עולמה של תורה, רבינו הק׳ מהר״י ט״ב מסאטמאר זי״ע איז ניצל געווארן משיני אריות ומגיא ההרוגה, אין יענעם לעכטיגן פארטאגס, מיט 46 יאר צוריק, ביום כ״א כסלו תש״ה, און מ׳גיבט אפ א שבח והודאה צו השי״ת אויף די גרויסע נסים ונפלאות.

דער יו״ט כ״א כסלו איז נאך מיט יארן צוריק געווארן א יו״ט פארן גאנצן יהדות החרדית. רבינו הק׳ זי״ע דער רועה אבן ישראל איז געווען דער ״רבן של כל בני הגולה״ במלוא מובן המילה, אונטער זיין השפעה איז געווארן געפירט דער גאנצער דור און יעדער האט געציטערט ממוצא פיו. רבנים, גדולים וטובים פון פריערדיגן דור וועלכע האבן נאך משמש געווען ברבנות אין דער אלטער היים האבן זיך געפארכט פאר א ווארט פון רבי׳ן ווי פון א פונק פייער, און האבן געשפירט ווי דער טאג, דער גרויסער געהויבענער כ״א כסלו, איז דער יום הגדול וואס ״אי לאו האי יומא״, ווען נישט די חסדים וואס דער רבוש״ע האט באוויזן פאר דעם מנהיג ישראל, וואלט נישט געווען מעגליך אנצוהאלטן אידישקייט אין אמעריקא, איז דאס דעריבער שוין פאר לאנגע יארן א פרייליכער טאג פאר שלומי אמוני ישראל, אפגעזען פון וועלכן חדר.

אבער ווי פארשטענדליך אז די עיקר השפעה פון די חסדי ה׳ אין דעם יום ההודאה, איז צו דערקענען אין די ראמען פון תלמידי וחסידי סאטמאר, די וועלכע האבן געהאט די זכי׳ צו זיין דבוק אין דעם עמוד האש ההולך לפני מחנה בני ישראל, די אידן וועלכע האבן זיך געקלאמערט אין זיינע הייליגע וועגן, זיך געווייקט אין זיינע לעכטיגע דברי תורה, געפילעוועט אין זיין הייליגע שיטה, זענען נתחנך געווארן בבית מדרשו אין ״רבי׳נס ישיבה״, האבן געהערט די סוגיא שיעורים און די פתיחות, געוואקסן מיט די ״שלש סעודות תורות״, און לאחר פטירתו האבן זיי זיך מקשר געווען אין מ״מ כ״ק מרן הגה״ק בעל ברך משה זיע״א, און במשך אריבער א האלבן יובל יארן זיך געשיצט אונטער זיינע פליגל, און יעצט געפינען זיי זיך ווייטער תחת דגלו וחסותו פון ממלא מקומו וממשיך דרכו בקודש, דער שריד לבית עצי התמרים וגדול הדור, כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א.

אט די טויזנטער אידן שפירן זיך אממערסטן ״בעלי שמחה״ צו אזא געהויבענעם טאג. דער טאג ברענגט אינספיראציע און חיזוק פאר די הייליגע שיטה, חיזוק פאר די הייליגע קהלה, חיזוק פאר די הייליגע מוסדות בכל מקומות מושבותיהם, זעענדיג מיט די פליישיגע אויגן ווי דער כח הקדושה בליהט און וואקסט, און כאטש עס איז שוין אריבער א לאנגע תקופה פון 46 יאר זינט די באפרייאונג פון רבי׳ן זי״ע, און העכער זעכציג יאר זינט די השגחה עליונה האט צוגעפירט אז רבינו הק׳ זי״ע זאל באטרעטן דעם אמעריקאנעם באדן און איר אויפאקערן און אנזייען צו א שפרידלדיגע פעלד פון מוסדות התורה, הרבצת התורה, קדושה, טהרה, צניעות, מלחמה לה׳ בעמלק, און ס׳איז שוין אריבער באלד דרייסיג יאר זינט זיין הסתלקות לשמי מרום, ווען די וועלט איז געווארן איינגעהילט אין א חשכות און יתמות, און יעצט שוין ווידער העכער צוויי יאר נאך די הסתלקות פון ממלא מקומו מרן בעל ברך משה זי״ע, דאך קומען זיך צונויף רבבות אלפי ישראל תחת קורת גג אחד צו לויבן און דאנקן השי״ת אויף די נסים ונפלאות, און הערן דברי אלקים חיים לחזוק ולשנן אמרותיו הטהורים ושיטתו הבהיר, שפירנדיג די ריכטיגע המשכה בצל ממלא מקומו וממשיך דרכו כ״ק מרן הגה״ק שליט״א, וועלכער איז א נצר חוטר ותפארת אבותיו הק׳ זי״ע בכח תורתו והנהגתו – דאס איז די ריכטיגע פנימיות׳דיגע שמחה פון אזא געהויבענעם טאג, ועל זאת שבחו אהובים ורוממו לא-ל.

## זה השלחן אשר לפני ה׳

דער גאנצער אווענט, די געהויבענע סעודת הודאה, וועט אי״ה געפראוועט ווערן אין א הייליגע און לעכטיגע אטמאספערע, ווי ״אין די געזונטע יארן״ בימי רבינו הק׳ זי״ע דער בעל הנס. דער גאנצער אווענט וועט דערמאנען דעם זיסן אמאל בהלו נרו על ראשינו, ווען רבינו הק׳ דער בעל הנס זי״ע איז געווען בתוכינו, און מפאר געווען בפאר וכבוד ביי די סעודות הודאה, ווי אויך די שפעטערע יארן בצל קודש פון רבינו הגה״ק בעל ברך משה זי״ע, וואס די אומבאשרייבליכע שמחה איז געקומען צום קלימאקס ווען ס׳האט זיך דערטראגן דער קול ״דער רבי איז דא אין זאל״, איז דער גאנצער ארום געווארן ווי עלעקטערעזירט. גדולים עם קטנים, זקנים עם נערים האבן זיך געהויבן אין די לופטן צו זען די שטראלענדע צורה פון רבי׳ן, טאטעס האבן געהויבן די קליינע קינדער צו כאפן א בליק אויף דעם צדיק אמת, וינועו אמות הסיפים מיט רגשי לבבות ושבח צו השי״ת.

יעצט שטייענדיג ווידער ביים יום הצלה והשחרור, ווען מ׳זעט ווידער די חסדי ה׳ וואס די השגחה עליונה האט געפירט אז רבינו הק׳ זי״ע זאל מוזן ארויסוואנדערן צו די ארץ לא זרועה און אוועקשטעלן א לגיון של מלך מיט מוסדות התורה והחינוך, וואס ווערט היינט נמשך בגאון ועוז דורך ממלא מקומו וממשיך דרכו בקודש כ״ק מרן הגה״ק שליט״א, וועט ווידער קומען צום אויסדריק די זעלטענע געפילן פונעם ציבור ביי די




ערשיינונג פון רבי׳ן שליט״א אין זאל. דער גאנצער ציבור וועט ווי נאטורליך ווערן אריינגעשלעפט אין א פייערדיגע התלהבות, לויבנדיג דעם רבוש״ע שזכינו להיות בהאי חבורתא קדישא.

גאר באזונדער וועט דער היי-יעריגער טאנץ ״חסדי ה׳ כי לא תמנו״ האבן א גאר טיעפן באדייט, צו לויבן און דאנקן השי״ת אויף די חסדים נגליים, נאכדעם וואס סאטמארער חסידים אין ניו יארק לעבן-מיט די חסדי ה׳ מיט דעם כתר שם טוב פון די מוסדות הק׳, די צענטראלע סאטמארער מוסדות ישיבה תורה ויראה דרבינו יואל, וואס איז געווארן אויפגעשטעלט פון דאסניי באלד נאך די הסתלקות לשמי מרום פון רבינו הגה״ק בעל ברך משה זי״ע, ווען ס׳איז געווען ״עולם חשך בעדינו״, די וועלט איז געווארן פינסטער, האט דער ריינער ציבור תלמידי וחסידי סאטמאר זיך מחזק געווען אנצוגיין ווייטער מיט זיין הייליגע ירושה אונטער די השפעה און הדרכה פון ממלא מקומו כבוד קדושת מרן רבינו הגה״ק שליט״א, און יעצט שטייט מען שוין ביים דריטן יאר, די ״קדושה משולשת״, א דריי-פאכיגער התעלות אין די ״שלשה עמודי עולם״, אנגעפילט מיט א חינוך על טהרת הקודש אויפן העכסטן סטאנדארט ברוחניות.

כדי נישט צו פארגעסן פון די עיקר מטרה פון די נאכט, אויסצודריקן א שבח והודאה צו השי״ת אויף די נסים ונפלאות וואס ער האט געטוהן מיטן גאנצן דור און מיט די קומענדיגע דורות מיט די הצלה פון רבינו הק׳ זי״ע, האט דער מנהיג העדה כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א באשטימט אז דער גאנצער ״טיש״ אין לויף פונעם אווענט זאל זיין ״כולו מוקדש לה׳״, בלויז מיט שירות ותשבחות און פאסיגע דברי תורה ודרשות מענינא דיומא, ביי וועלכן די אלפי תלמידים וחסידים וועלן האבן די זכי׳ צו זען מלך ביופיו יושב כמלך במסיבו בראש הציבור, וקהל אלפים בתלמידים הקרויים בנים זיצן כשתילי זתים סביב לשולחנו ונהנים מזיו השכינה, ביי דעם געהויבענעם מעמד, ווען עס שפירט זיך אין די לופטן דאס געהויבנקייט און לעכטיגקייט פון די נאכט, דער גרויסער נאכט וואס ״אז רוב נסים הפלאת בלילה״, די נאכט ווען די השגחה עליונה האט מיט דריי-און-זעכציג יאר צוריק געראטעוועט דעם רבן של כל ישראל, און מ׳איז אריינגעטוהן אין א העכערע אטמאספערע פון שיר ושבח צו השי״ת אויף די נסים ונפלאות אשר עשה עמנו בימים ההם בזמן הזה.

ביים דעם געהויבענעם מעמד וועט מען האבן דעם כבוד צו הערן א דרשה פון כבוד הגה״צ אבד״ק קהל יטב לב דסאטמאר וויליאמסבורג שליט״א, וועלכער שטייט בראש הקהלה, און בנועם שפתיו וועט דער רב שליט״א ארויסברענגען דעם חובת ההודאה אין דעם געהויבענעם נאכט, און דער חיוב איבער החזקת התורה פאר די מוסדות הק׳.

## קדושה משולשת

דער היי-יעריגער מעמד טראגט א ספעציעלן באדייט, זייענדיג אינעם אנהייב פונעם דריטן יאר נאך די התחדשות המוסדות הק׳ אין די עיר ואם בישראל וויליאמסבורג, וואס דאס ברענגט הייליגע און אינערליכע געפילן ביי אלפי ישראל מיטצולעבן דעם געהויבענעם מעמד נשגב.

אין לויף פון די דריי יאר איז דער כתר שם טוב עולה פון די מוסדות הק׳ אויסגעשטיגן צו א מאקסימום וואס איז ערמעגליכט געווארן נאר בכוחו ובזכותו פונעם מייסד הקדוש דער רבי זי״ע. ב״ה אז ס׳איז געלונגען אהערצושטעלן א שטאב פון מחנכים און מחנכות, משופרא דשופרא, דאס בעסטע וואס דער היימישער ציבור פארמאגט. עס איז נישט געשפארט געווארן קיין געלט און קיין מיה, צו פארזיכערן אז אין אלע ברענטשעס שטייגט מען לויט די בעסטע מעגליכקייטן.

וחפץ ה׳ בידם הצליח, די עבודת הקודש וואס ווערט אריינגעלייגט דערקענט זיך גאר גוט, בעיקר אויף די אומגעהויערע נחת רוח און הנאה וואס דערקענט זיך אויף די טויזנטער עלטערן פון די תלמידים ותלמידות כ״י, וואס כולם פה אחד זענען מלא שבח ותהלה אויף דעם ריינעם חינוך וואס ווערט אריינגעלייגט אין די קינדער, מיט א געטרייע צוזאמענארבעט פון די מחנכים און מחנכות, וואס איז ממש א שם דבר אין די גאנצע וועלט, וכתר שם טוב עולה על גביהן.

יעצט, ווען מ׳שטייט שוין אינעם דריטן יאר, ווען עס דערקענט זיך שוין די טייערע פירות פון דעם הערליכן חינוך נעץ, איז די ריכטיגע צייט ארויסצוגעבן א שבח והודאה צו השי״ת אויף די חסדים גדולים און סייעתא דשמיא וואס מ׳האט געהאט מיט׳ן אהערשטעלן דעם בנין אדיר ומפואר, די מוסדות הק׳, מיט אזא הצלחה און סוקסעס, וואס אויף דעם אלעם וועט מען לויבן און דאנקן דעם רבוש״ע במקהלות רבבות אלפי ישראל, קומענדיגן מיטוואך בעז״ה.

## כינוס התלמידים

גלייכצייטיג וועט דער צוזאמענפאר פון אזויפיל טויזנטער אידן, דינען אלס א כינוס תלמידים וחסידים וואו די פילע טויזנטער און טויזנטער תלמידי וחסידי סאטמאר וועלן פארברענגען בשבת אחים גם יחד עטליכע שעה נאכאנאנד, און זיך אנשעפן במלוא חפניים תורה ויראת שמים ווי אין די גוטע יארן בחיים חיותם פון רבותינו הק׳ זי״ע.

עס וועט זיכער זיין א פארגעניגן פאר די פילע תלמידים זיך צו טרעפן איינער מיטן אנדערן. חברים וידידים וואס מ׳האט שוין נישט געזען א לענגערע צייט, און זיך ווידעראמאל מתאחד זיין, און פארפעסטיגן די אייביגע פארבינדונג וואס בינדט צוזאמען אלע סאטמארער חסידים און תלמידים בקשר אמיץ וחזק. עס וועט דינען אלס א געלעגנהייט פאר ״אז נדברו יראי ה׳ איש אל רעהו״ בדברי חיזוק וריעות.

עס איז געווארן צוגעגרייט א רייכע סעודה פאר די טויזנטער משתתפים, לרגל די סעודת הודאה להצלת רבינו הק׳ זי״ע. אויך פאר די טויזנטער בחורי הישיבות וועט זיין צוגעשטעלט צו עסן אויף זייערע באשטימטע פלעצער. און פאר די פילצאליגע קינדער וועט געגעבן ווערן צובייס דורך די מלמדים שליט״א.

עס ווערט געבעטן פון די הנהלה, אזוי ווי פילע איינלאדענונגען זענען נישט אנגעקומען צוליב נישט פונקטליכע אדרעסן, זאל מען דאס אננעמען ווי א פערזענליכע הזמנה און קומען זיך משתתף זיין אין דעם גרויסן מעמד סעודת הודאה כ״א כסלו, וואו יעדער וועט נתכבד ווערן לפי כבודו.

אין די טעג פיבערט די אידישע גאס מיט די טעגליכע נייעס׳ן וואס קורסירן ארום דעם געהויבענעם מעמד. דאס יהדות החרדית קוקט ארויס מיט שפאנונג און ווארעמקייט אויף דעם גרויסן אווענט, קומענדיגן מיטוואך אווענט, וואס פארשפרעכט צו זיין א קאלאסאלער קידוש שם שמים.

אין די יעצטיגע געציילט-פארבליבענע טעג ביז צום געהויבענעם מעמד וואקסט די שפאנונג ביי אנשי שלומינו תלמידי וחסידי סאטמאר צו דעם געהויבענעם אווענט, ווען עס ווידער ווערן ארויסגעצייגט דער מעכטיגער כח הקדושה וואס רבינו הק׳ זי״ע דער בעל הנס האט אויפגעשטעלט, און עס וועט ווידער ווערן איבערגעצייגט ווי זיין הייליגע הארוואניע האט אן המשכה לדורות עולם, און ווערט ווייטער געפירט על פי דרכו הסלולה תחת דגלו ונשיאותו פון מ״מ כבוד קדושת מרן רבינו הגה״ק שליט״א.

כינוס לצדיקים נאה להם ונאה לעולם!

# וויכטיגע אנווייזונגען

## צום מעמד אדיר ונשגב

ביום הצלה והשחרור של כ״ק מרן רבינו הק׳ והטהור זי״ע

## בבנין הענקי ״ברוקלין ארמיי״

במקהלות רבבות אלפי ישראל בראשות גדולי תורה ומאורי דורינו שליט״א

ועל צבאם עטרת ראשינו כבוד קדושת מרן רבינו הגה״ק שליט״א

## ד׳ וישב - כ״א כסלו תשס״ט

אויף היי-יאר איז אונז בעז״ה געלונגען צוצורישן א מעכטיגן פלאץ אפצורעכטן דעם כינוס השנתי ביום הצלה והשחרור של רבינו הק׳ והטהור זיע״א, וואס ווערט געפייערט אינאיינעם מיט דעם דינער להחזקת מוסדותינו הק׳, צו וועלכן עס ווערט ערווארטעט א ריזן ציבור פון רבבות אלפי ישראל תלמידי וחסידי סאטמאר. שפירן מיר פאר וויכטיג איבערצוגעבן עטליכע פרטים איבער דעם גרויסן מעמד, און מיר האפן אז דער ציבור וועט זיך האלטן דערצו מיט די פולסטע מאס פונקטליכקייט, כדי דער מעמד אדיר זאל געקרוינט ווערן מיט די פולקאמע הצלחה.

### פלאץ פאר פארקינג:

■ דאס פלאץ וואו עס ווערט אפגעראכטן דער היי-יעריגער מעמד נשגב, איז ארומגענומען מיט עטליכע ריזן ״פארקינג-לאטס״, גענוג פאר גאר אסאך אויטא״ס צו פארקן, כדי צו קענען אקאמאדירן די רבבות אלפי ישראל וועלכע זענען ערווארטעט צום געהויבענעם און היסטארישן מעמד. באזונדערע ״פארקינג-לאטס״ פאר די רבנים שליט״א און גרעסערע נדיבים (ווי איי פי).

### טראנספארטאציע:

■ מטעם די ״טראנספארטאציע דעפארטמענט״ שע״י מוסדותינו הק׳ ווערט צוגעשטעלט גאר אסאך באסעס צו פירן דעם ריזן ציבור צום/פון געהויבענעם מעמד. ווי אויך ווערט אין די טעג אויסגעארבעט א פונקטליכע סקעדזשועל און סיסטעם צום פולסטן באקוועמליכקייט פונעם ציבור. פרטים וועלן געמאלדן ווערן קומענדיגע וואך אי״ה.

### מאנטלען און נטילת ידים:

■ דער גרויסער זאל וואס אנטהאלט בערך 100,000 סק. פוס ווערט פולקאם דעזעגנירט בלויז פארן מעמד אדיר. דער גאנצער זאל ווערט צוגערישט אויף א ספעציעלן אופן אז יעדער איינער פון די רבבות משתתפים זאל קענען מיטהאלטן דעם געהויבענעם מעמד.

■ א באזונדערער דערנעבענדער זאל ווערט צוגערישט צו לייגן די מאנטלען און ביה״כ ונטילת ידים. מ׳בעט דעם ציבור צו האלטן דעם ארדענונג און חס זיין אויף די מלבושים אויך פון א צווייטן.

■ ווען מ׳קומט אן צום מעמד, זאל מען זיך באלד וואשן נטילת ידים און אריינגיין אין גרויסן זאל.

### אריינגאנג צום זאל:

■ עס זענען געווארן צוגעשטעלט גאר ברייטע אריינגאנג צום זאל, וואו עס וועלן זיצן די עסקנים און אפנעמען די נדבות פארן דינער. א באזונדערע אריינגאנג פאר די ילדי תשב״ר תלמידים פון די מוסדות, וואו די עלטערן וועלן נישט קענען צוקומען.

### נדבות לטובת המוסדות:

■ אזויווי דער הויפט-ציל פונעם אווענט איז צו שאפן ריזן סכומים לטובת המוסדות, איז געווארן אויסגעשטעלט דער אריינגאנג צום זאל אויף גאר א באקוועמען פארנעם, וואו די עסקנים וועלן זיצן אפצונעמען די נדבות פונעם ציבור. אזוי אויך וועלן די עסקנים ארומגיין אין לויף פונעם אווענט צווישן די טישן, דער ציבור ווערט געבעטן זיי אויפצונעמען בסבר פנים יפות.

### גורלות און מתנות:

■ עס איז צוגעשטעלט געווארן א גאר ווערדפולער גורל, פאר יעדע נתינה פון $600 קעש, טשעקס, העד-טשעקס, אדער קרעדיט-קארד אויפן פלאץ, קען מען זיין דער גליקליכער געווינער אויף א הערליכן ״שבת טיש״ מיט גאר ווערדפולע זילבער שטיק, וואס קומט אויס אין ווערד פון העכער $12,000. (דער גורל וועט פארקומען זאת חנוכה אי״ה).

■ א גאר טייערע מתנה וועט געגעבן ווערן פאר אלע מנדבים פון ״זכות יום לשנה״ - $5,000.

■ א ווערדפולע מתנה וועט געגעבן ווערן פאר אלע מנדבים פון ״זכות תלמיד לשנה״ - $1,200.

■ פאר יעדע נתינה פון $600 פאראויס (בעפאר׳ן דינער) גייט מען אריין 3 מאל אין גורל.

### קרעדיט קארדס - העד טשעקס:

■ מ׳וועט קענען באשטייערן אויפן פלאץ מיט קרעדיט-קארדס און העד-טשעקס. און אויך די וואס ברענגען קרעדיט קארדס און העד טשעקס וועלן קענען אריינגיין אינעם גורל. די הנהלת הישיבה אפעלירט באזונדער, אז אויך די וואס קענען נישט געבן קעש אויפן פלאץ, זאלן ברענגען לכה״פ קרעדיט-קארדס אדער העד-טשעקס, וואס דאס פארגרינגערט די ארבעט פאר די עסקנים איבער׳ן יאר און שפארט געוואלדיגע הוצאות פאר די ישיבה.

### איש על מחנהו:

■ גאר שטארקע אונטערוועגצן זענען געווארן געטוהן אז טראץ דעם גרויסקייט פונעם בנין זאל מען קענען זען און מיטהאלטן דעם געהויבענעם מעמד פון אלע עקן פונעם זאל.

■ א דריי שטאקיגע פלאטפארמע מיט באזונדערע אריינגענג

# געהויבענער באַזוך פון כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א אין אַלע אָפּטיילונגען פון תלמוד תורה לאָזט איבער אומבאַשרייבליכן רושם

(פארזעצונג פון זייט 10)

רבי'ן שליט"א מיט פסוק זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו, אז דאס איז א דאפעלטע שמחה אין די תלמוד תורה, ס'איז א שמחה ביים רבי'ן שליט"א אויף די שמחת הבר מצוה פון אן אייניקל שיחי', און א שמחה פאר אלע תלמידים אז מ'האט די זכי' אז דער רבי שליט"א קומט באזוכן אין דעם נייעם רחבות'דיגן בנין מפואר, כי עתה הרחיב ה' לנו ופרינו בארץ, וואס קומט צו פארדאנקן דעם רבי'ן שליט"א וואס ער האט זיך מטריח געווען פון זיין טייערע צייט צו פארן אין די מרחקים צו קלאפן על פתחי נדיבים און צו מסיבות ביי אנשי שלומינו כדי צו קלויבן די סכומים וואס האט זיך אויסגעפעלט אהערצושטעלן אזא בנין אדיר לתורה וחינוך הבנים, וואו די טייערע תשב"ר ווערן נתגדל על דרך המקובל פון רבותינו הק' זי"ע און איז לשם ולתפארת פאר די גאנצע שטאט.

דער רבי שליט"א האט דאן אנגעווינטשן פאר די די מלמדים שליט"א און די חשובע תלמידים שיחיו, צו האבן הצלחה און סייעתא דשמיא אין זייערע לימודים, אויסצושטייגן ערליכע תלמידים, תלמידי חכמים ויראי ה', מיט מדות טובות וישרות, וכל בניך לימודי ה'.

*

אין לויף דעם דעם באזוך האט דער רבי שליט"א פיל באוואנדערט דעם פראכטפולען בנין וואס איז געווארן אהערגעשטעלט דורך די שווערע און אומערמידליכע ארבעט פון די געטרייע חברי הנהלה, וועלכע געבן זיך אוועק בלב ונפש אהערצושטעלן די מוסדות הק', און יעצט איז א תענוג צו זען ווי אלע קלאסן פירן זיך אזוי שיין, צוטיילט אין די זעקס שטאקן פון דעם גיגאנטישן ריזן ת"ת קאמפלעקס.

מיט דעם האט זיך געענדיגט דער געהויבענער טאג, נאך לענגערע שעות פון תענוג רוחני וקורת רוח, זעענדיג דעם הערליכן וואוקס פון די מוסדות הק' אין די עיר ואם בישראל וויליאמסבורג, ווי עס וואקסט אונטער א דור שלם פון נטעי נאמנים קודש לה', א לגיון של מלך וואס איז דער עתיד פון המשכת כח הקדושה אויף די קומענדיגע יארן, און א שטאלץ פאר עדת חסידי סאטמאר בכל מקומות מושבותיהם.

דער געהויבענער טאג האט געברענגט א גייסט פון התעלות און חיזוק פאר די טייערע קינדער און די חשובע עוסקים במלאכת הקודש די געטרייע מלמדים און מנהלים שליט"א, און געוויס וועט דער באזוך פון רבי'ן שליט"א געדענקט ווערן אויף גאר לאנג ביי די טויזנטער תלמידים כ"י.

כי גדול בקרבך קדוש ישראל.



בית רחל בנין ריספלער

# ווארפט נישט ארויס די טלית ותפילין

(פארזעצונג פון זייט 7)

געווען זיין בעסטער ערפארונג אין לעבן. אבער וואספארא פארגלייך איז דאס צו דעם גליק וואס ווארט אים אפ אויף די אנדערע זייט אקעאן?!

דאס אלעס איז גוט געווען ביז יענעם מאנטאג אינדערפרי. דער שלאקס רעגן וואס האט באגעגנט די שיף ווי געווענליך אין די פריע מארגן שעה'ן האט זיך געטוישט איבער'ן טאג צו אן ערנסטן שטורעם. ווען די נאכט האט אנגעהויבן צופאלן איז קלאר געווארן אז דער ים האט זיך ארויסגעלאזט אין שטורמישן אנגריף קעגן די שיף'ס האלצערנע ברעטער, עס איז געווארן א פראגע פון לעבן און טויט.

דער שיפ'ס קאפיטאן האט צוזאמגענומען די בעסטע מאטראזן און נאך א קורצער בעראטונג באפוילן אז אלע פרויען און קינדער זאלן אראפגיין אין די טיפסטע אפטיילונגען אויף דער שיף וועלכע ווערן הערמעטיש פארמאכט, און אלע מענער זאלן זיך איינטיילן מיט די קריטישע ארבעט אנצוגרייטן די שיף און איר פירן דורכ'ן שטורעם.

די מאטארן פון די שיף ווערן פארלאשן, זיי וועלן במילא נאר צובראכן ווערן דורכ'ן מאנסטערישן קראפט פון די כוואליעס וועלכע פירן די שיף אין פארקערטן ריכטונג. די זעגלען וועלכע געפינען זיך געווענליך אויסגעצויגן אויף די שיף – אלס יאר עדות פון די שיפ'ס עלטערע צייטן – ווערן איינגעצויגן, די שטארקסטע מענער נעמען פאזיציעס ביים רודער, און אלעס ווארט אויס דעם שטורעם מיט זארג און פאניק.

די ברויזנדע כוואליעס האבן אבער נישט אויסגעווארט דעם קאפיטאנ'ס ברויזנדע הכנות, זיי האבן גענומען שפילן מיט די שיף ווי מיט א טאבע [בּאָלל בלע"ז]. זיי האבן צווישן זיך איינגעטיילט ווען יעדע כוואליע באקומט אביסל צייט צו 'שפילן', און ווען די ערשטע ווערט אויסגעמאטערט קומט באלד אונטער א פרישע כוואליע וועלכעס נעמט איבער מיטן פולסטן קראפט.

דער קאפיטאן דערזעט זיך אז אלע זיינע פלענער ארבעטן נישט. טייל פון די העכערע כוואליעס האבן שוין אפגעשווענקט דעם דעק ווען זיינע ערפארנסטע מאטראזן האלטן זיך קוים מיט די לעצטע כוחות, די שיף איז צו איינגעזינקען אין וואסער און נאך איין כוואליע אויפן דעק וועט זיי אלעמען מיטנעמען צום אפגרונד.

אין גרויס פארצווייפלונג האט ער ארויסגעגעבן א פרישע פארארדענונג: יעדער פון די רייזנדע מוז ארויסווארפן אין ים אריין אלע מינדערוויכטיגע חפצים צו פארגרינגערן די שיפ'ס לאסט. קיין סאך צייט צום קלויבן איז נישט געבליבן, יעדער כאפט דאס וואס ער דארף די ווייניגסטע און בליץ שנעל האט דער אפעטיט פון ים זיך עטוואס געשטילט מיט א לאנגע רייע פון שווימענדע פעקלעך.

אונזער ר' ברוך האט נישט פארמאגט קיין סאך פעקלעך אויף די שיף. א קליינעם רענצל מיט די שיריים פון די עסן און קליידער וואס ער האט מיטגענומען אויפן וועג אהער און די טלית ותפילין מיט עטליכע ספרים; און צוויי קאסטענעס מיט די טייערע סחורה וואס ער נעמט מיט אויפן וועג אהיים, די פארדינסטן פון לאנגיאריגע הארעוואניע און מעגליכער קוואל פון לעבנסלענגליכער רייכטום.

קיין סאך צו טראכטן האט ער נישט געהאט, און ער האט עס אויך נישט געדארפט. ער וועט עפעס לאזן זיין הארעוואניע פון לאנגע יארן כאפן דעם לעצטן שפאציר אין די קישקעס פון ווער ווייסט וועלכע סארט פיש טיף אונטער דעם צארנדיגן ים?!

אן די מינדסטע הארץ קלאפעניש כאפט ער זיין רענצל מיט קליידער, ספרים, און טלית ותפילין און לייגט זיי צו די לאנגע ליסטע פון פעקלעך וואס די שיף האט פארלוירן אין די לעצטע פיר מינוט. אבי זיין אוצר איז געראטעוועט.

*****

מיר וועלן זיך איינשפארן די מיה פון שילדערן די געפילן פונעם ליינער איבער דעם ר' ברוכ'ן. ס'זענען במילא נישטא די ווערטער וועלכע קענען באשרייבן ווי געהעריג די שרעקליכע מעשה וואס ר' ברוך האט דא אפגעטון. מיר וועלן עס איבערלאזן פארן בי"ד של מעלה וועלכע וועלן אויפנעמען ר' ברוך נאך זיינע הונדערט און צוואנציג, וואו די טייערע סחורה וועט אפטרעטן דאס פלאץ פאר די טלית ותפילין וועלכע וועלן צוריק אפירשווימען פון זייער ארט אין טיפן אפגרונד.

פון אונזער זייט וועלן מיר בלויז צוריק איבערגעבן דאס ווארט פארן דובנער מגיד [אהל יעקב פר' ראה].

דער זיבעציג צי אכציג יאריגער באזוך פון יעדן מענטש אויף אונזער וועלט איז גארנישט אנדערש ווי דער קורצער באזוך פון ר' ברוך'ן אין אפריקע. דער מענטש לויפט ארום זוכן דעם גוטן יאר, נישט יעדער גייט אפשר אדורך די פיזישע שוועריגקייטן וואס ר' ברוך איז אדורך אין די דריטע וועלט לענדער פון זיין רייזע, אבער יעדער ווינטשט זיך צו טרעפן דאס וואס ר' ברוך האט דארט געטראפן...

די ברויזנדע כוואליעס זענען אפשר נישט דערקענבאר צום פשוט'ן אויג ווי אין ר' ברוך'ס פאל, אבער זיי שטייען גרייט אין יעדן ווינקל און לויערן אויף יעדן איינציגן פון אונז, שטענדיג מיט אנדערע קאלירן און פארמען אבער שטענדיג גרייט.

אין דעם ספעציפישן משל באציהט זיך דער דובנער מגיד דירעקט צו אן ענליכן מצב אין וועלכן מיר געפינען זיך. א רייכער סוחר וועמענ'ס פינאנציעלער מצב הייבט אן זינקען אין א טיפן עקאנאמישן זומפ, און כדי זיך צו פארגרינגערן איז זיין ספאנטאנע רעאקציע צו פארמאכן די האנט און איינצוימען זיינע צדקות – ס'איז כדאי נאכצוקוקן די רייכע ווערטער אינעם ספר זעלבסט.

מיר זענען נישט חושד קיינעם פון די חשוב'ע ליינער אז זיי וואלטן חלילה נאכגעטון דעם ביישפיל פון דעם נארישן ר' ברוך. קיין ערליכער איד וועט זעלבסטפארשטענדליך קיינמאל חלילה נישט פארטוישן א גשמיות'דיגן ריוח מיט א רוחניות'דיגן פארלוסט, אפילו אין גרעסטן פאניק.

דער דאזיגער פאקט איז דער אונטערגרונד צו די אויסגעשטרעקטע הענט פון די געטרייע חברי ההנהלה וועלכע בעטן זיך אויף אלערליי וועגן: ביטע, לאזט אונז חלילה נישט פאלן!

דוקא יעצט, ווען דער עקאנאמישער מצב איז אריינגעפאלן אין אזא ביטערן זומפ, דוקא יעצט ווען דער פינאנציעלער צוקונפט איז אזוי צעמישט און אומקלאר, דוקא יעצט איז די צייט וואס די מוסדות נויטיגן זיך דאס מערסטע אין אייער אויסגעשטרעקטע האנט פון שטיצע, וואס זאל כאפן די מוסדות באצייטנ'ס און איר שיצן פון זינקען אין די ברויזנדע כוואליעס.

און צוריקגעשמועסט, אין דעם יעצטיגן שווערן מצב, ווען יעדער סעקטאר פון די עקאנאמיע איז טרוקן און אפגעשמיסן, ווען יעדער סארט אינוועסטמענט איז א דורכפאל, און קיינער און גארנישט זענען נישט אפגעשוינט פון דעם מאנסטערישן ראד וועלכער דרייט זיך אויף צוריקוועגס און שלעפט אלעס מיט זיך, איז די העכסטע צייט.

דער איינציגער פארזיכערטער אינוועסטמענט וואס איז נאך פארבליבן קראנט און קען בשום אופן נישט ליידן קיין שאדן איז דער איינשטעקן דאס געלט אין מוסדות התורה! יעדע איינציגע פעני וואס ווערט יעצט איינגעשטעקט אין די מוסדות וועט ווערן צוריקגעצאלט מיט ריזיגע פראצענטן, אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

ווי האט רבי עקיבא געזאגט פאר רבי טרפון, נאכ'ן איינשטעקן רבי טרפונ'ס גאנצע שווער אויסגעהארעוועטע געלט אין שטיצע פאר תורה?

פזר נתן לאביונים, וצדקתו עומדת לעד!

איז צוגעגרייט פאר די חשובע רבנים הגאוה"צ, אדמורי"ם ועיני העדה שליט"א.

■ ספעציעלע פלעצער ווערן צוגערישט פאר די זקני העדה. מטעם הנהלת המוסדות ווערט דער חשובער ציבור געבעטן מקיים צו זיין "והדרת פני זקן", און זיך נישט ארויפשטופן אויף זייערע באשטימטע ערטער.

■ אזוי אויך ווערט רעזערווירט ספעציעלע זיץ פלעצער פאר די נכבדי וראשי קהלותינו ומוסדותינו הקדושים די בכל אתר ואתר, וואו זיי וועלן מכובד ווערן לפי ערכם.

■ דער גאנצער זאל איז געווארן איינגעטיילט לויט די עלטער, לויט די יארגאנג פון בעלי בתים, אברכים, אברכים הכולל, בחורים. ספעציעלע טאוולען וועלן אנווייזן דעם פלאץ פון יעדן יארגאנג, און מ'בעט דער ציבור זאל זיך שטרענג האלטן דערצו.

■ א שטאב פון הונדערטער סדרנים וועלן עומד זיין על מלאכת בית ה' צו פארזיכערן דעם סוקסעס פונעם אווענט, און מכבד זיין יעדן איינעם איש על מחנהו ואיש על דגלו.

## בחורי הישיבות ותלמידי המוסדות:

■ פאר די טויזנטער בחורי הישיבות, פון וויליאמסבורג, קרית יואל, בארא פארק, מאנסי און מאנטרעאל, ווערט צוגעגרייט ספעציעלע פלעצער אויף די הויך-שטאקיגע פארענטשעס לענגאויס ביידע זייטן פונעם זאל, פון וואו זיי וועלן קענען גאר גוט מיטהאלטן דעם געהויבענעם מעמד.

■ פרטים איבער דעם סדר, ווען און וויאזוי די אלפי ילדי תשב"ר פון מוסדותינו הק' אין וויליאמסבורג, און אנדערע מקומות וועלן קענען מיטהאלטן דעם געהויבענעם מעמד, וועט אי"ה געמאלדן ווערן אין ת"ת פאר די תשב"ר.

## שמירת הזמן:

■ מטעם הנהלת המוסדות ווערט געמאלדן, אז היות עס ווערט צוגעשטעלט א גאר רייכן פראגראם, ווי אויך כדי נישט אויפצוהאלטן דעם חשובן ציבור אין די שפעטע נאכט שעות, וועט דער געהויבענער מעמד זיך אנהייבן גאר פונקטליך אום 6:30 ווען עס וועט סערווירט ווערן די סעודת הודאה, און נאכפאלגן מיט געהויבענעם פראגראם לרגל המאורע.

■ כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א וועט מעריך זיין שולחנו הטהור לכבוד דעם יום הצלה והשחרור פון אבינו רוענו רבינו הק' זי"ע. דער ציבור ווערט געבעטן זיך נישט ארויפשטופן פארנט, נאר מיטהאלטן דעם געהויבענעם טיש, יעדער פון זיין באשטימטן ארט.

## סעודת הודאה:

■ א סעודה רחבה וועט סערווירט ווערן פאר די טויזנטער משתתפים לרגל די סעודת הודאה להצלת רבינו הק' זי"ע.

■ פאר די בחורים וועט זיין צוגעשטעלט צו עסן אויף זייערע באשטימטע פלעצער.

■ פאר די קינדער וועט געגעבן ווערן צובייס דורך די מלמדים שליט"א.

■ עס ווערט צוגעגרייט גאר א ברייטער קוואנטום צו זיין גענוג פארן גאנצן ציבור, און גענוג עסקנים אויפצוגעבן די סעודה און אנקומען צו יעדן איינעם. בעט מען אז מ'זאל זיך פארהאלטן רואיג ווען די עסקנים פארטיילן די סעודה.

## "שירה" וזמרה:

■ אין לויף פונעם גאנצן אווענט וועט א קאפעליע פון משוררים מפורסמים פון די בארימטע "חברת שירה" מהנה זיין דעם ציבור מיט זמירות שירות ותשבחות. ווי אויך וועט מען הערן פרקי שירה דורך א באקאנטן חסיד'ישן חזן מפורסם.

## עסקנים:

■ מטעם הנהלת המוסדות וראשי הסדרנים ווערן געבעטן די אלע וועלכע האבן די מעגליכקייט ארויסצוהעלפן מיט סיי וועלכע סארט עסקנות, סיי אין די לעצט פארבליבענע טעג ביז צום געהויבענעם מעמד, און על אחת כמה וכמה ביים געהויבענעם מעמד זעלבסט, זיך צו מעלדן תיכף ומיד, אין וויליאמסבורג צו די עסקנים מו"ה מרדכי יונה ווידער הי"ו, מו"ה שמואל אהרן ווייזער הי"ו מקווה איד בבית מדרשינו הגדול, אין קרית יואל צום עסקן הרב חיים בנימין כהנא הי"ו, אדער אין אפיס פון די מוסדות 718-637-6500 #106.

**ויה"ר שחפץ ה' בידינו יצליח להגדיל תורה ולהאדירה ולקדש שם שמים בתוך אמוני עם סגולה**

מיט כבוד
וועד המסדר




פארקינג
ארום דעם בנין ענקי
פלאץ צו פארקן שווערע הונדערטער אויטא'ס
נאך פארקינג איז צוגעשטעלט אויף אלע ארומיגע גאסן
ברוקלין ארמי
נטילת ידים קאוטס
נטילת ידים קאוטס
V.I.P. PARKING
V.I.P. PARKING
ENTRANCE
ENTRANCE
PARKING
PARKING
ברוקלין ארמי
סעודת הודאה
דינער השנתי
כ"א כסלו תשס"ט
39th St.
39th St.
כא כסלו תשס"ט
קדושה משולשת
דינער
השנתי
שלש תרומות נאמרו כאן
תורה • יראת שמים • מדות טובות
דינער השנתי להחזקת אלפי תלמידים ותלמידות כ"י




(פארזעצונג פון זייט 27)

יעדער האט ארומגעבלאנזשעט איז אין דער פינסטער געווארן צוויי גרופעס, און איך בין געווארן אפגעטיילט פון מיין באבע'ן. מען האט זיך ארויסגעלאזט זוכן דעם אנגעגעבענעם אדרעס, שפעטער האט זיך ארויסגעשטעלט אז מיר זענען געווען אינגאנצן איין גאס אוועק פון דעם ריכטיגן אדרעס!

"דער עולם איז אבער לכאורה אין דער צומישעניש געגאנגען אין פארקערטן ריכטונג, און עווענטועל זענען מיר געכאפט געווארן און אנגעקומען אין תפיסה. מיין באבע איז נישט געווען קיין בטלן און איז געווען פון די געציילטע וועמען מ'האט נישט געכאפט. זי איז געווען די ערשטע אנצוקומען צו ר' ירמי' טעסלער און אלארמירן אז דער רבי איז אין תפיסה – ר' ירמי' איז גראדע אויך געווען מיין פעטער פון מיין פאטער'ס זייט.

"איך בין יא אנגעקומען אין תפיסה אינאיינעם מיט'ן רבי'ן און די איבריגע מיטגלידער פון די גרופע. עמיצער, איך געדענק נישט ווער, האט מיר געהאלטן אויף די הענט און אזוי זענען מיר אראפ אין קעלער.

"איך געדענק אז מיין מאמע האט מיר געהאט מיטגעגעבן צידה לדרך צוויי אייער איינגעפאקט אין א שיינעם סארוועטל. אין אמבולאנס איז געווען אוממעגליך צו עסן עפעס, בין איך געבליבן דערמיט אין תפיסה. דארט האב איך פרובירט צו געבן פארן רבי'ן איין איי, אבער דער רבי האט מיר ליבליך געגלעט אויפן רוקן: "דו דארפסט עס וויכטיגער, ביזט נאך א קליין קינד". א מאמענט וואס איך וועל קיינמאל נישט פארגעסן.

"איך געדענק אויך אז איין נאכט בין איך געווען איינער אליין מיט'ן רבי'ן אין א צעל [הערה: ווי עס שיינט האט די אומגעהויערע שתדלנות אויפגעטאן אז דער רבי האט באקומען א בעסערן צעל אויבן, און צוליב וועלכע סיבה האט מען באשלאסן ארויפצושיקן אהין אויך דאס קליין קינד. לכאורה איז דאס געווען דאנערשטאג נאכט. מ.ב.].

"עווענטועל האט מען ערלעדיגט דורך אן אדוואקאט [הערה: העכסט ווארשיינליך האט דער פעטער, ר' ירמי' טעסלער, גענוצט דעם אויבנדערמאנטן אדוואקאט/אנטיסעמיט אויך פאר די באפרייאונג פון זיין פלימעניק] אז מען זאל מיר יא צוריקשיקן קיין סאטמאר צו מיין מאמע'ן וויבאלד איך בין נאך א קליין קינד וואס דארף האבן זיין מאמע. מ'האט געדינגען א גויטע זאל מיר אפפירן צו די פאליציי סטאנציע אין סאטמאר.

"ביים ארויסקומען האט מיין מאמע מיר אפגעווארט אין א ווינקל אינדרויסן פון די סטאנציע אינאיינעם מיט דעם אדוואקאט, און מיר זענען ביידע אנטלאפן צו די אייגנטליכע פּאַרם דורך וועלכן דער רבי האט געדארפט אנטלויפן. מיר זענען דארט אריבער די גרעניץ אינאיינעם מיט מיין פעטער ר' יוסף מאיר און נאך אידן.

"פאקטיש זענען מיר געווען פון די לעצטע אידן צו נוצן דעם וועג ווייל געציילטע טעג דערויף האט די פאליציי אנטדעקט דעם שמוגלעריי רינג. די השגחה עליונה האט געהאט פונקטליך פארגעשריבן ווער און ווען עס זאל זיך קענען ראטעווען דורך דעם וועג וואס מיין פעטער האט געמיינט אז ער ארבעט אויס פארן רבי'ן. צענדליגער אנדערע, אריינגערעכנט ר' יוסף מאיר און אנדערע משפחה קרובים, זענען געראטעוועט געווארן ממות לחיים דורך די השתדלות, אבער פאר'ן רבי'ן האט די השגחה עליונה באשטימט אן אנדערן רעטונג'ס פלאן ווי ברייט באקאנט.

## וואס האט דער צדיק הדור אינזין חודש אלול?

"נאך די קריג בין איך געבליבן מיט מיין מאמען פארכאפט אין רומעניע אונטער די קאמוניסטישע אייזערנע פירהאנג. מיין מאמע איז געזעצן ביי די רשעים אין תפיסה לאנגע יארן. איך האב זיך אסאך געדרייט ביים סקולענער רבי'ן זי"ע, ביזן יאר תש"כ ווען מיר זענען ענדליך ארויס אויף דער פריי.

"ביים אנקומען דא בין איך אריין צום רבי'ן זי"ע, ווען דער רבי האט מיר געפרעגט ווער איך בין האב איך אים געזאגט אז איך בין ר' נטע גליק'ס אייניקל, און דער רבי האט זיך זייער געפרייט צו אונז. שפעטער האב איך געהאט אן אינטערעסאנטע מעשה מיטן רבי'ן.

"איך בין אריין צום רבי'ן אין חודש אלול, מ'איז געשטאנען קעפ אויף קעפ זיך צו געזעגענען, און איך בין אויך געשטאנען אין די לאנגע רייע וואס איז אדורך פארן רבי'ן. איך בין נאך געווען אן אלטער בחור, נארוואס ארויסגעקומען פון רומעניע. איך ווייס נישט וואס דער גבאי ר' יוסף אשכנזי האט מיר אריינגעשריבן אין קוויטל, אבער ווען איך בין אנגעקומען פארן רבי'ן האט דער רבי געווינקען פאר ר' יוסף ער זאל צושפארן די טיר.

"איך בין געווארן שטארק פארלוירן, וואס קען דאס באדייטן?

"רופט זיך דער רבי אן אין א ווייכע שטימע: "וואס ביזטו אזוי פארלוירן? שרעק זיך נישט, זעץ זיך אראפ". און דער רבי הייבט מיר אן אויסצופרעגן וואספארא שידוך איך זוך. קענסט דיך פארשטעלן, איך, א יונגער/אלטער בחור, נארוואס ארויס פון רומעניע, זאל זאגן פארן צדיק הדור וואספארא שידוך איך זוך.

"אין מיין פארלוירנקייט האב איך געענטפערט "א אידיש מיידל", צושמייכלט זיך דער רבי און מאכט מיט ביידע הענט "דאס ווייס איך", און דערנאך האט מיר דער רבי אויסגעפרעגט ארום צוואנציג מינוט פארשידענע פרטים.

"א חודש דערויף רופט מיר אפ ר' יוסף אשכנזי און זאגט מיר אז ער מוז פאלגן וואס דער רבי האט געהייסן, און ער טראגט מיר אן א געוויסן שידוך! גראדע איז פון יענעם שידוך גארנישט געווארן, אבער קענסט זיך פארשטעלן וואס דאס האט געמיינט פארן צדיק הדור אינזין צו האבן א יונגן בחור פון רומעניע וואס דארף האבן א שידוך".

ר'חיים פירט אויס ווי אינטערעסאנט דער רעדל דרייט זיך. די גויטע וואס האט אים ארויסגעברענגט פון קלויזנבורגער תפיסה, און אייגנטליך געראטעוועט דאס לעבן, האבן די נאציס שפעטער באשטראפט, אבער דער אדוואקאט איז זעלבסטפארשטענדליך נישט באשטראפט געווארן.

ערשט נאך די מלחמה, ווען דער אדוואקאט איז פאר'משפט געווארן צוליב זיינע מלחמה פארברעכנס, האט ער מיר גערופן איך זאל קומען עדות זאגן אז ער האט מיר געהאלפן ראטעווען... דער פאשיסט האט געוואלט אז איך, דער פארשיווי זשידא, זאל אים ראטעווען פון זיין אייגענע רעגירונג...

## ביז צום ענגלישן קעניג!

"מענין לענין וועט זיין אינטערעסאנט צו דערציילן אן היסטאריש קאפיטל איבער די שתדלנות וואס מיין חשוב'ער פאטער, הרה"ח ר' הערש פנחס ז"ל, האט אנגעווענדעט צו באפרייען רביה"ק זי"ע פון אונטער די נעגל פון די רשעים. איך פערזענליך האב פארשטייט זיך נישט מיטגעהאלטן בשעת מעשה, אבער איך האב געהערט דערוועגן שפעטער.

"דעם רבי'נס חסידים אויף דער פריי האבן אונטערגענומען אלערליי מיטלען אין פארצווייפלטן פרואוו ארויס צו ראטעווען דעם רבי'ן פון די פארשאלטענע דייטשן ימ"ש. צווישן אנדערן איז מיין פאטער געקומען אויף א געוואגטן געדאנק.

"ער האט אנגעשריבן א בריוו צו דעם קעניג זשארזש דער זעקסטער פון ענגלאנד וואו ער האט געשילדערט די קדושה פון רביה"ק זי"ע און ווי וויכטיג די אידישע וועלט נויטיגט זיך אין דעם גרויסן מנהיג. אינעם בריוו שלאגט ער פאר אז די ענגלישע רעגירונג זאל אויסטוישן דייטשע געפאנגענע פארן רבי'ן און אנדערע וויכטיגע געפאנגענע.

"די ענגלישע רעגירונג האט גאנץ ערנסט אריינגעקוקט אין דעם פארשלאג, נאר אינצווישן איז צושטאנד געקומען דער אנדערער פלאן פון די באן און אלע אנדערע באמיאונגען זענען אפגעשטעלט געווארן.

"צו זען ווי ערנסט די רעגירונג האט עס גענומען איז צו זען דערפון אז באלד נאך וואס רביה"ק זי"ע איז אריבער די גרעניץ קיין שווייץ האט די ענגלישע רעגירונג אריבערגעשיקט אן אפיציעלע דעפעשע צו מיין פאטער אין ירושלים מיט די מעלדונג אז דער רבי איז שוין אדורך די שווייצער גרעניץ אויף דער פריי".






S&S IMAGE 718.330.0004

# יערליכע הוצאות:

טראנספארטאציע - **$1,065,748.00**

באסעס געז און ריפעיר - **$367,731.65**

לעקטער און געז בנינים - **$462,531.98**

עסנווארג - **$1,852,000.00**

רענט אפיסעס, מנוחה ושמחה - **$285,000.00**

כלי קודש פעיראל - **$7,985,000.00**

אפיס פעיראל - **$1,387,000.00**

מענעדזשמענט פעיראל - **$552,136.63**

ערלים פעיראל - **$1,154,000.00**

מעינטענענס פעיראל - **$190,806.74**

אינשורענס - **$336,000.00**

סקול סופלייעס - **$235,000.00**

מעינטענענס סופלייס - **$245,000.00**

לעגאלע קאסטן (אדוואקאטן, באנק) - **$123,422.00**

אנדערע אפיס אויסגאבן (פאסט א.ד.ג.) - **$38,000.00**

קאפי מאשינען - **$55,881.00**

אדווערטייזינג - **$40,000.00**

צענזערירן ביכער - **$15,000.00**



ס"ה יערליכער בודזשעט

# $16,415,258.00

**זעכצן מילליאן, פיר-הונדערט-פופצן טויזנט,**
**צוויי-הונדערט-אכט-און-פופציג דאללער**

אימודינעט מארקעטינג

**כ"א כסלו תשס"ט לפ"ק** | דינער השנתי להחזקת אלפי תלמידים ותלמידות כ"י




# דעפעציט

**יערליכער דעפעציט:**

## $3,555,258.00

דריי מילליאן, פינף-הונדערט-
פינף-און-פופציג טויזנט דאללער

**יערליכער מארגעדזש**

## $1,899,396.00

א מילליאן, אכט-הונדערט-ניין-און-ניינציג טויזנט,
דריי-הונדערט-זעקס-און-ניינציג דאללער

## ס"ה יערליכער דעפעציט:

# $5,454,654.00

**פינף מילליאן, פיר-הונדערט-פיר-און-פופציג טויזנט,**
**זעקס-הונדערט-פיר-און-פופציג דאללער**

טייערע אנשי שלומינו:

דער גאנצער
באלאנס מוז
געדעקט ווערן דורך

## דינער געלט

העלפט אונז
ארויס אין אונזער
פינאנציעלן פלאג!

כ"א כסלו תשס"ט לפ"ק

דינער השנתי להחזקת אלפי תלמידים ותלמידות כ"י




S&S IMAGE 718.330.0004

# ישיבה תורה ויראה

# דרבינו יואל מסאטמאר

בעזהשי"ת

באותות הוקרה

הננו מתכבדים להזמין את מע"כ שיחי', לקחת חבל אצל

## סעודת הודאה

ביום הצלת מרן רבינו הק' והטהור זי"ע

## ודינער השנתי

להחזקת אלפי תשב"ר במוסדותינו הקדושים

שתתקיים אי"ה ברוב פאר והדר במקהלות עם רב

## יום ד' וישב כ"א כסלו תשס"ט לפ"ק

בשעה 6:00 בערב

## בבנין הענקי ברוקלין ארמיי

One 39 St. Brooklyn NY 11232

## כ"ק מרן רבינו הגה"ק עטרת ראשינו שליט"א

יפאר את המעמד וישא מדברותיו הקדושים

מחכים אנו לקבל פניכם באהבה בביטוס שם שמים ז

הנהלת הישיבה



ותלמוד תורה כנגד כולם

S&S IMAGE 718.330.0004